NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10169

UNZER TOYRE UN UNZERE SHENSTER AGODES FAR SHUL UN HOYZ

Pinhas Rudoy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס רודאָי
(פיני בעל-לשון)

אונזער תורה

און

אונזערע שענסטע אגדות

פאר שול און הויז

חומש בראשית
(ערשטער טייל)

STAR HEBREW BOOK CO.
54-58 CANAL STREET
NEW YORK, N. Y.

Printed in the United States of America

COPYRIGHT, 1931
BY THE STAR HEBREW BOOK CO.
NEW YORK, N. Y.

Printed in the United States of America

די צוועלף סדרות פון בראשית:

א) בראשית
ב) נח
ג) לך-לך
ד) וירא
ה) חיי-שרה
ו) תולדות
ז) ויצא
ח) וישלח
ט) וישב
י) מקץ
יא) ויגש
יב) ויחי

מעשיות און לעגענדעס פון די מדרשים

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש

צו מיינע ליבסטע און טייערסטע
דבורה׳קע, יעקב און פייגעלע,
פרוי און קינדער,
א מתנה.

די תורה נויטיקט זיך ניט אין קיינע הקדמות.

שוין בלויז דער איינציקער נאָמען "תורה" אליין אנטהאלט אין זיך פיל מער, וויפיל מע קען זיך אויסדריקן וועגן איר.

ניטאָ דאָך כמעט קיין איין פאָלק אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן קיין באגריף וועגן דעם געטליכן שאפונג, דעם ספר־החיים", און וועגן דעם אומגעהייערן איינפלוס, וואָס דאָסדאָזיקע "בוך פון ביכער" האָט געהאט אויף דער גאנצער מענטשהייט.

ווער שמועסט דעם "עם הספר", דעם "פאָלק פון בוך", איז דאָך אודאי ניט נויטיק צו דערציילן וואָס די תורה איז פאַר אים.

זי איז דאָך געווען, און איז, און וועט אויך ווייטער זיין, אזוי לאנג, ווי דאָס אידישע פאָלק וועט עקזיסטירן, זיין איינציקער קוואל פון לעבן.

זי איז דאָך דאָס „אייביקע ווערק", וואָס האָט אונז געמאכט פאַר אן "אייביק פאָלק."

זי איז דאָך דער "עמוד האש", וואָס גייט פאָראויס דעם צוזייטן און צושפרייטן פאָלק אויף זיינע וואנדערונגען אזויפיל טויזנטער יאָרן, און האלט עס אויף אלס אן "עם אחד" אין רעליגיעזן און נאַציאָנאלן זינען.

און אויב מיר ווילן דאָ יאָ זאָגן אייניקע ווערטער, איז דאָס ניט וועגן דער תורה, נאָר בלויז וועגן דעם צוועק פון דעמדאָזיקן ספר אויף אידיש, וואָס מיר רופן עס מיטן פאָלקסטימליכן נאָמען „אונזער תורה".

דער צוועק פון דערדאָזיקער אַרבעט איז ניט צו געבן קיין איבער־זעצונג פון חומש, און אויך ניט צו דערציילן קיין "מעשה'לאך פון חומש".

אַ ווערטערליכע איבערזעצונג, אפילו די בעסטע, איז צו טרוקן און קען בשום אופן ניט איבערגעבן דעם אמת'ן זינען.

און "מעשה'לאך פון חומש" זיינען אודאי ניט גענוג, ווייל אין עיקר איז דאָך די תורה ניט קיין זאמלונג פון מעשיות, נאָר דאָס גרעס־טע און ריינסטע געזעץ־בוך, דאָס שענסטע און מאָראַלישסטע שאפונג, וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט.

די כוונה פון דערדאָזיקער ארבעט איז אַ פיל גרעסערע אין איר פאַרנעם, אַ פיל ברייטערע און פיל טיפערע:

א) צו געבן פאַר דער שול און הויז דאָס ג אַ נ צ ע ספר־הספרים, מיט אלע פרטים און כללים, געשריבן אין אַ פאָפולערער אי־דישער שפראַך און אין אַ מאָדערנער פאָרם, אָפּהיטנדיק אין דערזעל־בער צייט דאָס פאָלקסטימליכקייט פונם העברעאישן אָריגינאַל;

ב) צו באקענען מיט די שענסטע מעשיות און לעגענדעס פון די מדרשים, וואס זיינען פארבונדן מיטן אינהאלט פון יעדער סדרה;
ג) און צו מאכן ווידער לעבעדיק אין מויל פון פאָלק דעם העברעאישן פסוק, די בריליאנטענע אויסדרוקן פון חומש אין זייער אָריגינאל, וואס פאסן זיך אזוי שיין אריין אין אונזער פאָלקסשפראך פון תמיד אָן.

געוויס, זאָגן מיר, אז אום צו קענען און צו פילן דעם אמתן טעם פון "תורה-שבכתב" און "שבעל-פה", מוז מען זי לערנען אין דער שפראך, וואס זי איז געשאפן געוואָרן.

מיר טאָרן אָבער ניט פארלייקענען דעם פאקט, אז די תורה איז איצט געבליבן ליגן "בקרן זוית", איבערהויפט אין אמעריקא.

דער העברעאישער אָריגינאל איז צוגענגליך איצט נאָר פאר „יחידי סגולה", — אָבער פארן רוב פון פאָלק איז זי א ספר-החתום; אונזערע קלאסישע אוצרות זיינען אינגאנצן פארשלאָסן פאר דעםברייטן עולם, די פרעכטיקע אגדות זיינען אומבאקאנט, און דער אַמאָליקער העברעאישער חומש-אויסדרוק איז לחלוטין פארגעסן.

און אָט דעמדאָזיקן חסרון קומט דאָס ספר "אונזער תורה" צו דערפילן, אויף וויפיל עס איז מעגליך.

דער מחבר האָט זיך געהאלטן שטרענג ביים תוכן און סטיל פון חומש, און ניט אויסגעלאָזן קיין שום ענין אָדער דין, אחוץ די געשלעכטליכע ענינים, און דאָרטן, וואו עס חזר'ט זיך איבער צוויי מאָל דערזעלבער שמועס.

די אויסטייטשונגען זיינען לויט די בעסטע מפרשים, סאַי פון די אלטע און סאַי פון די נייע.

קיין שום בילדער האָבן מיר דאָ ניט געגעבן בכוונה, ווייל ווי באַוואוסט, האָבן מיר נאָך ניט קיין אָריגינעלע ביבלישע בילדער געמאָלן פון אידישע מאלער, און יענע באקאנטע שאבלאָנע בילדער, וואס זיינען פאראן, זיינען געמאָלן פון ניט-אידן, און דערום ווערט אין זייערע ביבלישע געשטאַלטן און צורות אויסגעדריקט דאָס פרעמדע געפיל און דער פרעמדער באגריף.

און מיר ווייסן דאָך, אז פון פרעמדס קען מען קיינמאָל ניט מאכן קיין אייגנס.

לויט דעם פלאן פון "אונזער תורה" וועלן אויך קומען די ווייטערע ספרים "אונזערע פינף מגילות" און "אונזערע נביאים".

פ. ר.

חמשה-עשר באָב, תרצ"א

אינהאלט

סדרה בראשית:

זייט

דאָס וועלט-באַשאַפונג — 1
אָדם אין גן עדן — 4
דאָס באַשאַפונג פון דער פרוי — 4
חוה און די שלאַנג — 5
אָדם און חוה ווערן אַרויסגעטריבן פון גן-עדן — 6
קין און הבל — 7

מעשיות און לעגענדעס:

ווער האָט באַשאַפן די וועלט? — 10
די וואַסערן און די זאַמד — 11
די שטראָף פון קנאָה — 12
דאָס האָלץ און דאָס אייזן — 12
דער מענטש און די וועלט — 13
אַ קלוגער ענטפער — 14
די ערשטע טרערן — 15
מענטשן מוזן לעבן בשלום — 15
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה בראשית — 17

סדרה נח:

נח און זיין דור — 19
דער מבול — 20
דער טורעם פון בבל (דור ההפלגה) — 22

מעשיות און לעגענדעס:

דער אַקעראייזן און דאָס שניידמעסער — 23
נח און דער דור המבול — 24
דער ליגן און דער שווינדל — 25
אייגנס און פרעמדס — 26
נח און דער שטן — 27
די מלחמה מיט גאָט — 28
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה נח — 29

סדרה לך-לך:

אברהם דער זון פון תרח — 30
אברהם וואַנדערט קיין מצרים — 31
אברהם צעשיידט זיך מיט לוט׳ן — 32
אברהם ראַטעוועט לוט׳ן — 33
גאָט׳ס בונד מיט אברהם׳ן — 34
שרה און הגר — 35

מעשיות און לעגענדעס:

תרח׳ס ענטפער צו נמרוד׳ן — 37
אברהם׳ס ענטפער צו תרח׳ן — 38
אברהם אין קאלך-אויוון — 40
אברהם פארשפרייט ריינעם גלויבן — 42
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה לך-לך — 43

סדרה וירא:

דריי מלאכים קומען צו אברהם׳ן — 44
גאט זאגט אן אברהם׳ן דעם חורבן פון סדום — 45
דאס צעשטערונג פון סדום און עמורה — 47
אברהם באזעצט זיך אין גרר — 48
יצחק ווערט געבוירן — 50
אברהם פארטרייבט הגר׳ן מיט איר זון — 50
די עקידה פון יצחק׳ן — 51

מעשיות און לעגענדעס:

די מענטשן פון סדום און זייערע פירונגען — 54
לוט׳ס ווייב — 55
דער שטן הייסט פרואוון אברהם׳ן — 56
ישמעאל און יצחק — 57
אברהם באזוכט ישמעאל׳ס הויז — 58
דער שטן אויפן וועג צו דער עקידה — 60
דער טראגישער מאמענט פון דער עקידה — 62
די הערנער פון דעם ווידער — 64
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה וירא — 66

סדרה חיי-שרה:

שרה שטארבט און אברהם קויפט א קבר פאר איר — 67
אברהם שיקט זיין קנעכט צו נעמען א ווייב פאר יצחק׳ן — 68
אליעזר טרעפט רבקה׳ן ביים ברונעם — 69
אליעזר אין בתואל׳ס הויז — 71
יצחק האט חתונה מיט רבקה׳ן — 72

מעשיות און לעגענדעס:

שרה׳ס טויט — 74
א רויז צווישן דערנער — 74
ווי אליעזר האט באגעגנט רבקה׳ן — 75
בתואל וויל טויטן אליעזר׳ן — 77
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה חיי-שרה — 78

סדרה תולדות:

יעקב און עשו — 79
יצחק אין לאנד פון די פלישתים — 81
יעקב קריגט יצחק׳ס ברכה — 82

עשו ווערט געוואויר וועגן יעקב׳ס אויפטו — 84
יעקב אנטלויפט פאר עשו׳ן — 86

מעשיות און לעגענדעס:
דער צווילינג — 87
די מידות פון יעקב׳ן און עשו׳ן — 88
עשו׳ס פלאן — 89
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה תולדות — 90

סדרה ויצא:

יעקב׳ס חלום — 91
יעקב באגעגנט רחל׳ען — 92
יעקב דינט ביי לבנ׳ען פאר זיינע טעכטער — 93
יעקב׳ס קינדער — 95
יעקב׳ס נייער לוין ביי לבנ׳ען — 97
יעקב אנטלויפט פון לבנ׳ען — 98
לבן יאָגט נאָך יעקב׳ן און כאפט אים — 100

מעשיות און לעגענדעס:
יעקב אין וועג — 102
דאָס ליבשאפט פון א רמאי (שווינדלער) — 103
צו א שווינדלער העלפן ניט קיין תנאים — 104
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה ויצא — 105

סדרה וישלח:

יעקב שיקט שלוחים צו זיין ברודער עשו — 106
יעקב קעמפט מיט א מלאך אין וועג — 108
יעקב באגעגנט זיך מיט עשו׳ן — 109
דינה ווערט געפאנגען — 110
רחל׳ס טויט — 111
יעקב׳ס קינדער און זייערע מוטערס — 112

מעשיות און לעגענדעס:
עשו׳ס שטראָף — 113
יעקב העלפט די אָרימע אין שכם — 114
רחל׳ס קבורה — 115
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה וישלח — 116

סדרה וישב:

יוסף׳ס חלומות — 118
די ברידער פארקויפן יוסף׳ן — 119
יוסף ביי פוטיפר׳ן אין הויז — 121
יוסף אין געפענקעניש — 123

מעשיות און לעגענדעס:
יוסף פאלט אויף זיין מוטער׳ס קבר — 125
א וואָלף טרייסט יעקב׳ן — 126
יוסף אין פוטיפר׳ס הויז — 127

די שטראָף פאר גאווה — 128
דער בלבול פון פּוטיפר׳ס ווייב — 129
די פארזינדיקטע הויפדינער — 131
דער פארשעמטער דאָקטאר קימטאָס — 132
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה וישב — 135

סדרה מקץ:

פּרעה׳ס חלומות — 136
יוסף איז פּותר פּרעה׳ס חלומות — 137
יוסף ווערט דער אויבערהאר (שני למלך) אין מצרים — 138
יוסף׳ס פּתרון ווערט מקוים — 139
יוסף׳ס ברידער קומען אָן קיין מצרים — 140
יוסף באפרייט זיינע ברידער, אחוץ שמעון׳ען — 141
יוסף׳ס ברידער קומען נאָכאמאָל קיין מצרים — 143
יוסף רופט זיינע ברידער צו זיך אין הויז — 144
יוסף פּרואווט ווידער זיינע ברידער — 146

מעשיות און לעגענדעס:

ווי די חרטומים האָבן פּותר געווען פּרעה׳ס חלום — 149
יוסף מאכט געזעצן וועגן ברויט-פארקויף — 150
ווי יוסף׳ס ברידער קומען קיין מצרים — 151
שמעון דערקענט די משפחה-גבורה — 152
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה מקץ — 153

סדרה ויגש:

יהודה וויל בלייבן א קנעכט אָנשטאָט בנימינ׳ען — 155
יוסף לאָזט זיך דערקענען צו זיינע ברידער — 156
די זין זאָגן אָן יעקב׳ן די בשורה — 158
יעקב קומט מיט זיין הויזגעזינט קיין מצרים — 159

מעשיות און לעגענדעס:

יהודה און יוסף אין א קאמף פון ווערטער — 161
יוסף לאָזט זיך דערקענען — 162
יוסף לעבט! יוסף לעבט! — 163
יוסף איז מקיים "כבוד אָב" — 166
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה ויגש — 167

סדרה ויחי:

יעקב בעט יוסף׳ן, ער זאָל אים ניט באגראָבן אין מצרים — 168
יעקב בענטשט יוסף׳ס זין — 169
יעקב בענטשט זיינע זין — 171
יעקב׳ס טויט און זיין קבורה — 176
יוסף׳ס עלטער און זיין טויט — 177

מעשיות און לעגענדעס:

יוסף טרייסט זיינע ברידער — 179
דער בלייענער אָרון — 179
העברעאישע אויסדרוקן פון סדרה ויחי — 181

סדרה

בראשית

(אין אָנהויב)

דאָס וועלט-באַשאַפונג.

אין אָנהויב האָט גאָט באשאפן דעם הימל און די ערד.

איז די ערד געווען וויסט און ליידיק. און אַ פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון די טיפע וואסערן, און נאָר דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אומעטום.

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָל ווערן ליכטיק!

און עס איז געוואָרן ליכטיק.

האָט גאָט געזען, אז דאָס ליכטיגקייט איז גוט; און ער האָט אָפּגעשיידט דאָס ליכטיגקייט פון דעם פינצטערניש.

און גאָט האָט גערופן דאָס ליכטיגקייט: "טאָג", און דאָס פינצטערניש: — "נאַכט".

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער ערשטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָל ווערן אן אויסשפרייטונג אין מיטן פון די וואסערן, און עס זאָל צעשיידן די וואסערן, וואָס אונטער דעם אויסשפרייטונג, און די וואסערן, וואָס איבער דעם אויסשפרייטונג!

און עס איז אזוי געווען.

האָט גאָט גערופן דאָס אויסשפּרייטונג: "הימל".

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער צווייטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָלן זיך איינזאַמלען די וואַסערן פון אונטערן הימל אין איין אָרט, און זאָל זיך באַווייזן די יבשה (טרוקן לאַנד).

און עס איז אַזוי געווען.

האָט גאָט גערופן דאָס טרוקענע לאַנד: "ערד", און דאָס איינזאַמלונג פון די וואַסערן: — "ימים".

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָל די ערד ווערן באַוואַקסן מיט גראָז, און גרינסן, און פרוכט־בוימער פון אַלערליי סאָרטן!

און עס איז אַזוי געווען.

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער דריטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָלן ווערן ליכט אין הימל, צו אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, און זיי זאָלן זיין צייכנס פאַר צייטן, פאַר טעג און יאָרן!

און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע ליכט: דאָס גרעסערע ליכט, די זון, צו לייכטן בייטאָג, און דאָס קלענערע ליכט, די לבנה, צו לייכטן ביינאַכט. און אויך די שטערן האָט ער געמאַכט צו לייכטן ביינאַכט.

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער פירטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָלן די וואַסערן ווידמענען אַלערליי לעבעדיקע באַשעפענישן! און זאָלן אַלערליי פויגלען אָנהויבן פליען אויף דער ערד, איבערן אויסשפּרייטונג פונם הימל!

און עס איז אַזוי געווען.

האָט גאָט זיי געבענטשט: די פיש און אַלערליי באַשעפענישן

זאָלן זיך מערן און אָנפילן די וואַסערן אין די ים׳ען, און די פויגלען זאָלן זיך מערן אויף דער ערד.

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער פינפטער טאָג.

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָל די ערד אַרויסברייגען אַלערליי לעבעדיקע באַשעפענישן: בהמות און חיות און קריכנדיקע שרצים!

און עס איז אַזוי געווען.

האָט גאָט געזאָגט:

— לאָמיר באַשאַפן א מענטשן אין אונזער געשטאַלט, און ער זאָל געוועלטיקן איבער אַלע באַשעפענישן פון די וואַסערן און פון דער ערד!

און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, אָדם הראשון, פון שטויב פון דער ערד, און ער האָט אריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער א לעבעדיקן אָטעם, א "נשמה". אַ זכר און א נקבה האָט ער אדמ׳ן באַשאַפן.

און גאָט האָט געבענטשט אָדמ׳ן און געזאָגט: מערט אייך, און פילט אָן די ערד, און נעמט זי איין, און געוועלטיקט איבער די פיש פון ים, און איבער די פויגלען פון הימל, און איבער אלע לעבעדיקע באַשעפענישן פון דער ערד!

און גאָט האָט געזען, אַז אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן איז זייער גוט.

און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן. דער זעקס־טער טאָג.

אַזוי זיינען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד, און אלצ־דינג וואָס אויף זיי איז פאַראַן.

און אין דעם זיבעטן טאָג האָט גאָט גערוט.

און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג (שבת), און ער האָט אים געהייליקט.

* * * *

אָדם אין גן-עדן

גאָט האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עדן, אין מזרח זייט, און ער האָט געמאַכט שפּראָצן אין גאָרטן אַלערליי שענע און גוטע פרוכט-בוימער. און אויך — דעם "בוים פון לעבן" (עץ-החיים) און דעם "בוים פון וויסן" גוטס און שלעכטס (עץ-הדעת) האָט גאָט געפלאַנצט אין מיטן גאָרטן.

און גאָט האָט אַריינגעזעצט דעם מענטשן, אָדמ'ן, אין דעם גאָרטן פון עדן (גן-עדן), צו באַאַרבעטן און צו היטן אים.

און גאָט האָט אָנגעזאָגט אָדמ'ן אַזוי:

— פון אַלע בוימער פון גאָרטן מעגסטו עסן; נאָר פון "דעם בוים פון וויסן", גוטס און שלעכטס, זאָלסטו ניט עסן, וואָרים דו וועסט שטאַרבן!

* * * *

דאָס באַשאַפונג פון דער פרוי.

גאָט האָט געזאָגט:

— עס איז ניט גוט, אַז דער מענטש זאָל זיין אַליין; איך וועל אים מאַכן אַ געהילף פאַסיק פאַר אים.

האָט גאָט געבראַכט צו אָדמ'ן אַלע בהמות און חיות פון פעלד און אַלע פויגלען פון הימל, צו זען וואָס פאַר נעמען ער וועט זיי רופן. האָט אָדם געגעבן נעמען פאַר אַלע בהמות און חיות און פויגלען; אָבער פאַר אָדמ'ן האָט ער נאָך אַלץ קיין געהילף ניט געפונען.

האָט גאָט געמאַכט פאַלן אַ שטאַרקן שלאָף אויף אָדמ'ן, און ער האָט אַרויסגענומען ביי אים איינע פון זיינע ריפּן, און פון דעם ריפּ האָט ער געבויט אַ פרוי, און ער האָט זי געבראַכט צו אָדמ'ן.

ווען אָדם האָט דערזען די פרוי, האָט ער געזאָגט:

— זי איז אַ ביין פון מיינע ביינער, און פלייש פון מיין פלייש!

און דערום זאָל זי גערופן ווערן "אשה" (פרוי) ווייל זי איז גענומען געוואָרן פון "איש" (מאַן).

און אָדם האָט גערופן זיין פרוי: "חוה" (לעבן), וואָרים זי איז די מוטער פון אַלע לעבעדיקע (מענטשן).

און אָדם מיט חוה'ן זיינען ביידע געווען נאַקעט, און זיי האָבן זיך ניט געשעמט.

* * * *

חוה און די שלאַנג.

די שלאַנג איז געווען ליסטיקער (קלוג צו פאַלשקייט) פון אַלע חיות פון פעלד.

האָט די שלאַנג געזאָגט צו חוה'ן:

— כאָטש גאָט האָט אָנגעזאָגט, אַז איר זאָלט ניט עסן פון אַלע ביימער פון גאָרטן...

האָט חוה איר, איבערגעשלאָגן די רייד און געזאָגט:

— פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגן מיר יאָ עסן די פרוכט, נאָר פון דער פרוכט פון דעם בוים וואָס אין מיטן גאָרטן האָט גאָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן ניט עסן, און ניט אָנרירן אפילו, וואָרים מיר וועלן שטאַרבן!...

האָט די שלאַנג געזאָגט צו חוה'ן:

— איר וועט ניט שטאַרבן! נאָר גאָט ווייסט, אַז אין דעם טאָג וואָס איר וועט עסן דערפון, וועלן אייערע אויגן געעפנט ווערן און איר וועט זיין אַזוי ווי גאָט צו וויסן גוטס און שלעכטס, דערפאַר האָט ער דאָס פאַרבאָטן!

האָט חוה זיך געלאָזט איבעררייידן פון דער שלאַנג, און זי האָט גענומען פון די פרוכט פונם עץ-הדעת, און זי האָט געגעסן, און זי האָט אויך געגעבן איר מאַן צו עסן.

זיינען זייערעביידנס אויגן געעפנט געוואָרן, און זיי האָבן זיך באַלד דערוואוסט אַז זיי זיינען נאַקעט; און זיי האָבן אויפגענייט פייגנבלעטער און זיך געמאַכט פון זיי גאַרטלען.

* * * *

אָדם און חוה ווערן אַרויסגעטריבן פון גן-עדן.

זייענדיק אין גן-עדן, האָבן אָדם און חוה פּלוצלינג דערהערט דאָס קול (שטים) פון גאָט. און זיי האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די בוימער פון גאָרטן.

האָט גאָט גערופן צו אָדמ'ען:

— וואו ביזטו?

האָט אָדם געזאָגט:

— כ'האָב דערהערט דיין קול, האָב איך מורא געהאַט און כ'האָב מיך באַהאַלטן, וואָרים איך בין נאַקעט!

האָט גאָט געזאָגט:

— ווער האָט דיר געלאָזט וויסן, אַז דו ביזט נאַקעט? האָסטו געגעסן פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיר פאַרבאָטן?

האָט אָדם געענטפערט:

— יאָ, מיין ווייב האָט מיר געגעבן, האָב איך געגעסן!

האָט גאָט געפרעגט חוה'ן:

— וואָס האָסטו געטאָן?

האָט חוה געענטפערט:

— די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט דערצו!

האָט גאָט געזאָגט צו דער שלאַנג:

— דערפאַר וואָס דו האָסט דאָס געטאָן, זאָלסטו זיין פאַרשאָלטן צווישן אַלע בהמות און חיות פון פעלד! אויף דיין בויך זאָלסטו קריכן, און שטויב זאָלסטו עסן אַלע דיינע יאָרן! און אַ פיינטשאַפט וועל איך מאַכן צווישן דיר און צווישן דער פרוי, און צווישן דיינע קינדער און צווישן אירע קינדער; דער מענטש וועט

דיר צעשפּאַלטן דעם קאָפּ, און דו וועסט אים פאַרוואונדן אין טריט!...
און צו חוה׳ן האָט גאָט געזאָגט:

— מיט ווייטיקן און יסורים וועסטו געבוירן קינדער, און דיין מאַן וועט געוועלטיקן איבער דיר!

און צו אָדמ׳ן האָט ער געזאָגט:

— די ערד וועט זיין פאַרשאָלטן פון דיינעטוועגן! מיט מאַטערניש וועסטו זיך שפּייזן פון איר דיין גאַנץ לעבן! און מיטן שוויים פון דיין פּנים וועסטו עסן ברויט!

און גאָט האָט געמאַכט פאַר אָדמ׳ן און פאַר חוה׳ן העמדלאַך פון פעל, און ער האָט זיי באַקליידט.

און גאָט האָט געזאָגט:

— אויב אָדם וועט ווייטער בלייבן אין גן־עדן, וועט ער נאָך נעמען און עסן אויך פון דעם בוים פון לעבן (עץ־החיים), און ער וועט לעבן אייביק.

און גאָט האָט אים פון גן־עדן אַרויסגעטריבן, און ער האָט אַוועקגעשטעלט אין מזרח זייט פון גאָרטן די "כרובים" און די שאַרפע דרייענדיקע שווערד צו אָפּהיטן דעם וועג צום "בוים פון לעבן".

* * * *

קין און הבל.

חוה האָט געבוירן צוויי זין: קין און חבל.

איז הבל געוועזן אַ פּאַסטוך פון שאָף, און קין איז געוועזן אַן ערד־אַרבעטער.

איינמאָל האָט קין געבראַכט אַ קרבן צו גאָט פון דער פרוכט פון דער ערד. און הבל האָט אויך געבראַכט אַ קרבן פון די ערשטלינגען און די פעטסטע פון זיינע שאָף.

האָט זיך גאָט געקערט צו הבל׳ס קרבן און אים צוגענומען צופרידן; און צו קין׳ס קרבן האָט ער זיך ניט געקערט און אים ניט צוגענומען.

האָט דאָס קין'ען זייער פאַרדראָסן, און ער איז ביי זיך אַראָפּגע־פאַלן.

האָט גאָט געזאָגט צו קין'ען:

— פאַוואָס פאַרדריסט דאָס דיך, און פאַרוואָס ביזטו ביי זיך געפאַלן? אויב דו וועסט גוטס טאָן — וועסטו דערהויבן ווערן; און אויב ניט, ליגט דיין זינד ביי דיין טיר און גלוסט דיך אָנצורייצן צו שלעכטן שטענדיק; אָבער דו אַליין קאָנסט געוועל־טיקן איבער איר!...

און איינמאָל, ווען ביידע ברידער זיינען געווען אין פעלד, איז קין באַפאַלן זיין ברודער הבל, און האָט אים געהרג'עט.

האָט גאָט געפרעגט קין'ען:

— וואו איז דיין ברודער הבל?

האָט קין געענטפערט:

— כ'ווייס ניט; בין איך דען דער היטער (שומר) פון מיין ברודער?...

האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— וואָס האָסטו דאָס געטאָן? דאָס קול פון דיין ברודער'ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד!... און אַצינד זאָלסטו זיין פאַרשאָלטן פון דער ערד וואָס האָט אויפגעעפנט איר מויל צוצונעמען דיין ברודער'ס בלוט פון דיינע הענט! אַז דו וועסט באַ־אַרבעטן די ערד, זאָל זי דיר מער ניט געבן איר פרוכט! אַ וואָגלער (נע־ונד) זאָלסטו זיין אויף דער ערד, און זאָלסט אין ערגיץ קיין רו ניט האָבן!

האָט קין געזאָגט:

— מיין שטראָף איז צו גרויס איבערצוטראָגן! דו האָסט מיך דאָך פאַרטריבן היינט פון דער ערד צו זיין תמיד נע־ונד, און דו וועסט אויף מיר ניט אכטונג געבן מער, — וועט זיין, אַז ווער נאָר ס'וועט מיך טרעפן, וועט מיך טויטן!

האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— דערפאַר, וועט גענומען ווערן זיבן מאָל אַזויפיל נקמה פון דעם, וואָס וועט דיך הרג'ענען!

און גאָט האָט געמאַכט קינ'ען א צייכן, אַז קיינער זאָל אים ניט דערשלאָגן.

און קין איז געזעסן אין לאנד נוד (וואָגלעניש), און זיין ווייב האָט אים געבוירן א זון חנוך.

חנוך האָט געהאט אַ זון עירד. עירד האָט געהאט א זון מחויאל. מחויאל האָט געהאט א זון מתושלח. מתושלח האָט געהאט אַ זון למך. למך האָט געהאט א זון נח.

* * * *

אָדם האָט געלעבט ניין הונדערט און דרייסיק יאָר. און מתושלח האָט געלעבט לענגער פון אלע מענטשן — ניין הונדערט און ניין-און-זעכציק יאָר.

מעשיות און לעגענדעס

1.

ווער האָט באַשאַפן די וועלט?

אַמאָל איז אַ ניט-גלויביקער (אפיקורוס, מין) געקומען צו רבי עקיבאַ'ן און האָט אים געפרעגט:

— ווער האָט באַשאַפן די וועלט?

— גאָט האָט זי באַשאַפן! — האָט רבי עקיבא געענטפערט.

— איך גלויב ניט! קאָנסטו מיר דאָס דערווייזן?

— יאָ! — זאָגט רבי עקיבאָ — קום צו מיר מאָרגן!

אויפ'ן צווייטן טאָג, ווען דער ניט-גלויביקער איז געקומען, פרעגט אים רבי עקיבא:

— ווער האָט געמאכט אָט דאָס קלייד (בגד), וואָס דו טראָגסט?

— אַ וועבער האָט עס געמאַכט! — ענטפערט דער מאַן.

— איך גלויב ניט! קאָנסטו מיר דאָס דערווייזן? — פרעגט אים רבי עקיבאָ?

— צו וואָס דאַרף איך דיר דאָס דערווייזן? און דו אַליין ווייסט דען ניט?

— נו, און דו אַליין ווייסט דען ניט, אַז נאָר גאָט האָט געקאָנט באַשאַפן אַזאַ וועלט?

איז דער ניט-גלויביקער אַוועק אַ פאַרשעמטער, און ער האָט שוין מער ניט געפרעגט.

* * * *

2.

די וואַסערן און די זאַמד.

ווען גאָט האָט באַפוילן די וואַסערן, אז זיי זאָלן זיך איינזאַמלען אין איין אָרט אַריין, זיינען זיי ניט געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן זייער אייביקע פרייהייט.

האָבן זיך די שטאַרקע וואַסערן פון די גרויסע ים׳ען גענומען באַרימען:

— אָ, מיר זיינען די שטאַרקסטע אויף דער ערד; מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל צעשפרייטן און ווידער פאַרדעקן די ערד!

האָט גאָט אויף זיי אָנגעשריען:

— באַרימט זיך ניט אַזוי מיט אייער שטאַרקייט (גבורה)! אָט שיק איך די זאַמד צו אייערע ברעגעס, און זי וועט זיין אייער גרענעץ!

אַז די וואַסערן האָבן דערזען די קליינינקע זאַמד־ברעקעלאַך, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שפּאָסן:

— וואָס קאָנען אונז אָט די קליינינקע זעמדעלאַך טאָן? אונזער קלענסטע כוואַליע וועט זיי אַראָפּשווענקען!

האָבן זיך די קליינע זעמדעלאַך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו ציטערן.

האָט דער גרעסטער זאַמד־שטיק זיי באַרוהיקט און געזאָגט:

— האָט קיין מורא ניט, ברידערלאַך! מיר זיינען טאַקע זייער קליין, און יעדער זאַמדעלע פאַר זיך אליין איז טאַקע גאָרנישט, אַ גרינג ווינטל קאָן עס פאַרטראָגן אין עק וועלט אַריין; אָבער ווען מיר אַלע וועלן זיין פאַראייניקט און לעבן בשלום, דאַמאָלט וועלן אפילו די גרעסטע וואַסערן פון די גרעסטע ים׳ען אונז ניט קאָנען בייקומען!

זיינען באלד געקומען צופליען אַלע זעמדעלאַך פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט, און זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט געטריישאַפט און ליבע, און זיי זיינען געבליבן ליגן אויף די ברעגעס פון די ים׳ען פאַר אַן אייביקן גרענעץ.

און די שטאָלצע, שטאַרקע וואַסערן קאָנען דעמדאָזיקן זאַמד־גרעגעץ קיינמאָל ניט אריבערגיין...

* * * *

3.

די שטראָף פון קנאה.

גאָט האָט באַשאַפן די זון און די לבנה ביידע גלייך, מיט דער זעלבער ליכטיגקייט.

האָט די לבנה מקנא געווען דער זון. זי האָט ניט פארגונען דער זון, וואָס זי איז גלייך מיט איר. איז זי געקומען פאַר גאָט און האָט געזאָגט:

— האַר פון דער וועלט! קאָנען דען צוויי קעניגן טראָגן דיזעלבע קרוין?... עס איז ניט גוט, וואָס מיר ביידע, איך און די זון, האָבן דאָס־זעלבע ליכטיגקייט; קיינער וועט ניט וויסן, ווער פון אונז איז די זון, און ווער — די לבנה!...

האָט גאָט געענטפערט:

— אויב אזוי, זאָל פון היינט אָן ד י י ן ליכטיגקייט ווערן קלע־נער! און איצט וועט שוין יעדערער וויסן, אז דאָס גרויסע ליכט איז די זון, און דאָס קליינע ליכט איז די לבנה...

* * * *

4.

דאָס האָלץ און דאָס אייזן.

אז דאָס אייזן איז באַשאַפן געוואָרן, האָבן די בוימער אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר שרעק.

האָט דאָס אייזן זיי געפרעגט:

— בוימער! וואָס האָט איר אַזוי מוראַ פאַר מיר? וואָס ציטערט איר אַזוי?

האָבן די בוימער געענטפערט:

— אָ, אייזן! עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער מענטש וועט אָנהויבן מאכן פון דיר העק און זעגן, און דאמאָלט וועט מען אונז אַלע אויסהאַקן און אויסשניידן!

האָט דאָס אייזן א שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— שרעקט אייך ניט, עס געווענדט זיך נאָר אָן אייך אַליין! אויב איר וועט זיך ליב האָבן איינער דעם צווייטן און קיינער פון אייך וועט ניט געבן זיין האָלץ צו מאַכן א הענטל פאַר דער האַק און זעג, וועל איך אייך קיין שלעכטס ניט קאָנען טאָן!

* * * *

5.

דער מענטש און די וועלט.

ווען אָדם הראשון איז באשאפן געוואָרן, האָט אים גאָט אַרומגעפירט און אים געוויזן דאָס שענקייט פון דער גאַנצער וועלט, און נאָכדעם האָט ער געפלאַנצט פאַר אים דעם גן־עדן מיט די שענסטע און בעסטע פרוכטן.

און גאָט האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— זע, דו מענטש, ווי שען די וועלט איז! און אַלצדינג, וואָס דו זעסט, האָב איך באשאפן נאָר פון דיינעט וועגן; היט זיך, דו זאָלסט קיין שלעכטס ניט טאָן און דידאָזיקע שענע וועלט ניט פאַרדאַרבן, וואָרים אויב דו וועסט זי קאַליע מאכן, וועט זי קיינער שוין ניט קאָנען פאַרריכטן!...

* * * *

6.

אַ קלוגער ענטפער.

אַ קעניג האָט אמאָל געזאָגט צו רבי גמליאל׳ן:

— דו ווייסט? אייער גאָט איז אַ גנב! ער האָט צוגע׳גנב׳עט ביי אָדמ׳ן אַ ריפּ, ווען ער איז געשלאָפן, און האָט פון דער ריפּ באַשאַפן די פרוי!

ווען דעם קעניג׳ס טאָכטער האָט דאָס דערהערט, האָט זי געבעטן רבי גמליאל׳ן, ער זאָל איר דערלויבן צו ענטפערן דערויף.

און זי האָט געזאָגט:

— פאָטער, גיב אַ באַפעל צו ברייגנען אהער אַ ריכטער!

— צו וואָס דארפסטו אַ ריכטער? — פרעגט דער קעניג זיין טאָכטער.

— איך וויל, אַז ער זאָל באַשטראָפן אַ גנב, וואָס האָט אונז היינטיקע נאכט באַ׳גנב׳עט!

— וואָס אַזוינס האָט ער ביי אונז גע׳גנב׳עט?

— ער האָט ביי אונז צוגענומען אַ זילבערנעם בעכער, און האָט אונז איבערגעלאָזט אַ גילדענעם בעכער!

— אָט דאָס הייסט ביי דיר אַ גנב? — צעלאַכט זיך דער קעניג — הלואי קומען אלע נאַכט צו אונז אַזוינע גנבים!...

— אויב אַזוי, פאָטער, פאַרוואָס זאָגסטו, אַז דער אידישער גאָט איז אַ גנב? ער האָט דאָך אויך געטאָן דאָסזעלבע: ער האָט צוגענומען ביי אָדמ׳ען נאָר איין ריפּ, און האָט אים דערפאַר געגעבן אַ גאַנצע פרוי!...

* * * *

7.

די ערשטע טרערן.

ווען אָדם און חוה זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גן־עדן, האָבן זיי שטאַרק חרטה געהאַט אויף זייערע זינד און זיי זיינען אַרומגע־גאַנגען זייער טרויעריק און פאַרזאָרגט.

האָט גאָט אויף זיי רחמנות געהאַט און געזאָגט:

— יאָ, פון איצט אָן וועט איר האָבן אַ סך מאַטערנישן און יסורים אין אייער לעבן; אָבער זאָרגט נישט, איך וועל אייך ניט פאַרלאָזן און איך וועל אַלעמאָל פארגרינגערן אייערע ליידן!

— מיט וואָס וועסטו אונזערע ליידן פארגרינגערן? — פרעגן אָדם און חוה.

— איך וועל אייך שענקען אַ טייערן פּערל פון מיין אוצר! — זאָגט גאָט — און ווען נאָר עס וועט אייך טרעפן עפּיס שלעכטס, און אייערע הערצער וועלן זיין פאַרביטערט, — דאַמאָלט וועט פון אייערע אויגן אַרויספאַלן אָט דער פּערל, און ס׳וועט אייך גרינגער ווערן!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּערל? — פרעגן אָדם און חוה.

— דאָס איז אַ ט ר ע ר! — זאָגט גאָט.

און באַלד האָבן אָדם און חוה אָנגעהויבן צו וויינען, און פון זייערע אויגן האָבן גרויסע טרערן אָנגעהויבן צו רינען. דאָס זיינען געווען די ערשטע טרערן אויף דער וועלט!

און דעמדאָזיקן טייערן אוצר האָבן אָדם און חוה איבערגעלאָזן אַ ירושה צו אַלע מענטשן...

* * * *

8.

מענטשן מוזן לעבן בשלום.

נאָכדעם, ווי גאָט האָט צוגענומען הבל׳ס מתנה און קין׳ס ניט, איז געוואָרן אַ פיינטשאַפט (שנאה) צווישן די צוויי ברידער, און זיי האָבן ניט געקאָנט לעבן איינאיינעם.

האָט קין געזאָגט צו הבל'ן:

— איצט וועלן מיר צעטיילן די וועלט צווישן זיך, און לאָמיר בעסער לעבן באַזונדער!

— אויב דו ווילסט אַזוי, באַשטיי איך אויך דערויף! — האָט הבל געענטפערט.

האָט קין גענומען פאַר זיך די גאַנצע ערד; און הבל האָט גענומען פאַר זיך אַלע שאָף, און זיי זיינען זיך צעגאַנגען אין פאַרשיידענע וועגן.

איינמאָל איז קין געשטאַנען און געאַרבעט אין פעלד, האָט ער דערזען פון ווייטנס ווי הבל פיטערט זיינע שאָף. איז ער צוגעלאָפן צו הבל'ן מיט כעס און געזאָגט:

— די ערד איז דאָך מיינע, פאַרוואָס פיטערסטו דיינע שאָף אויף איר?

האָט אים הבל געענטפערט:

— די וואָל פון די שאָף איז דאָך מיינע, פאַרוואָס טראָגסטו אַ קלייד פון איר?

האָט קין געשריען:

— אַראָפּ פון מיין ערד!...

און הבל האָט געשריען:

— טו אויס מיין קלייד!...

איז קין אָנגעפאַלן אויף זיין ברודער הבל און האָט אים געטויט.

און שפּעטער, אַז קין איז אַרומגעגאַנגען נע-ונד, עלנט, און ניט געהאַט קיין איין נאָענטן מענטשן לעבן זיך, האָט ער ערשט דאַמאָלט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גרויסן פאַרברעך ער איז באַגאַנגען, און ער האָט שטאַרק חרטה געהאַט:

— איצט זע איך, — האָט ער געזאָגט — אַז מענטשן מוזן לעבן צווישן זיך בשלום, וואָרים אַנדערש קאָן די וועלט קיין קיום ניט האָבן.

———::———

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש

(וועלכע מע באנוצט אין אידיש)

בראשית (אין אָנהויב):

מעשה־בראשית, (די היסטאָריע פון דער וועלט־באַשאַפונג).

תוהו ובוהו (וויסט און ליידיק):

אַ תוהו־ובוהו, (אַן אומאָרדענונג; אַ כאַאָס).

תהום (טיפער אָפּגרונט):

ס׳איז אַ תהום, (קיין עק ניט צו דערגרייכן); אַריין ווי אין אַ תהום אַריין.

חושך (פינצטער):

אַ חשכות (אַ פינצטערניש).

ויהי אור (און ס׳איז געוואָרן ליכטיק).

ויהי ערב ויהי בוקר (און ס׳איז געווען אָוונט, און ס׳איז געווען פרי־מאָרגן.

המאור הגדול (דאָס גרויסע ליכט):

המאור הגדול (אַ גרויסער צדיק, אַ גרויסער חכם); מאור־הגולה (דאָס ליכט פונם גלות; אַזוי רופט מען אַ גרויסן גאון, אַ גרויסן פירער).

נפש חיה (אַ לעבעדיק באַשעפעניש):

נפשות (פאַרשוינען).

גן־עדן (דער גאָרטן פון עדן):

ס׳איז אַ גן־עדן דאָרט! (אויף אַ שיין אָרט, אַ שיין הויז).

עץ־הדעת (דער בוים פון וויסן):
פאַרזוכן פונם עץ־הדעת (לערנען וויסנשאַפט).

לא טוב היות האדם לבדו (ניט גוט, אַז דער מענטש זאָל זיין אליין).

עצם מעצמי ובשר מבשרי (אַ ביין פון מיינע ביינער, און פלייש פון מיין פלייש).

והוא ימשל בך (און ער זאָל געוועלטיקן איבער דיר).

בזעת אפיך תאכל לחם (מיטן שוויים פון דיין פנים זאָלסטו עסן ברויט).

השומר אחי אנוכי? (בין איך דען מיין ברודער׳ס היטער?)

נע־ונד (אַרומוואַנדערן):
דאָס אידישע פאָלק איז נע־ונד (עס וואַנדערט אַרום אויף דער גאַנצער וועלט).

———::———

סדרה

נח

נח און זיין דור.

דאָס איז די געשיכטע פון נח׳ן. נח איז געווען אַ צדיק, אַן ערלי־כער מאַן אין זיינע דורות. נח איז געגאַנגען אין די גוטע וועגן, וואָס גאָט האָט ליב.

דריי זין האָט נח געהאַט: שם, חם און יפת.

אין יענער צייט זיינען די מענטשן געוואָרן זינדיק און פאַרדאָרבן. די ערד איז פול געוואָרן מיט אומרעכט און רויב.

און גאָט האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן און צוליב אים אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן.

און ער האָט געזאָגט צו נח׳ן:

— מאַך דיר אַ גרויסן קאַסטן (אַ תבה) פון גופר־האָלץ, און דו זאָלסט אים אויסשמירן פון אינעווייניק און פון אויסענווייניק מיט פעך, אַז די וואַסער זאָל אַהין ניט קאָנען אַריינרינען. און עס זאָלן אַריינגיין אין דער תבה דו, און דיינע זין, און דיין ווייב, און דיינע זינ׳ס ווייבער. און פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן זאָלסטו אַהין אַריינברענגען צו פּאָר, אַ זכר און אַ נקבה (אַ ער און אַ זי). און דו זאָלסט אַריינעמען גענוג עסנוואַרג פאַר אַלע.

און איך וועל ברענגען אַ מבול וואַסער (אַ פאַרפלייצונג) אויף דער ערד, און איך וועל אומברענגען אַלע מענטשן און אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן פון דער וועלט.

נאָר מיט דיר וועל איך אויפשטעלן מיין בונד, וואָרים נאָר דיך האָב איך געפונען פאַר אַן ערליכן אין דעמדאָזיקן דור.

און נח האָט געטאָן אַלצדינג, ווי גאָט האָט אים באַפוילן.

* * * *

דער מבול.

אין דעם זיבעצנטן טאָג פון צווייטן חודש, חשון, ווען נח איז אַלט געוואָרן זעקס הונדערט יאָר, האָבן אויסגעבראָכן אַלע קוואַלן פון טיפן אָפּגרונט, און די פענסטער פון הימל האָבן זיך געעפנט, און ס'איז געווען אַ רעגן אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט.

די וואַסערן פון מבול האָבן זיך זייער געשטאַרקט און געמערט, עס זיינען פאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג, און אַלע מענטשן און אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד זיינען אומגעקומען.

נאָר נח'ס תבה (קאַסטן) איז אַרומגעשוואומען אויף דער אויבערפלעך פון די וואַסערן, און נח מיט זיין הויזגעזינט און אַלע באַשעפענישן, וואָס זיינען מיט אים געווען אין קאַסטן, זיינען געבליבן לעבן.

הונדערט און פופציק טעג האָבן זיך די וואַסערן פון מבול געשטאַרקט און געמערט אויף דער ערד.

און נאָכדעם האָט גאָט דורכגעפירט אַ ווינט איבער דער ערד, און די פענצטער פון הימל זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און די קוואַלן פון טיפן אָפּגרונט זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן, און די וואַסערן האָבן אָנגעהויבן אָפּצופאַלן.

און אין דעם זיבעצענטן טאָג פון זיבעטן חודש, ניסן, איז נח'ס תבה געבליבן רוען אויף איינעם פון די אררט-בערג.

האָט נח אויפגעעפנט דאָס פענצטער פון דער תבה, און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם ראָב, צו וויסן ווי עס האַלט מיט די וואַסערן. איז דער ראָב געפלויגן הין-און-צוריק ביז די וואַסערן זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן פון דער ערד.

האָט נח אַרויסגעשיקט די טויב, צו זען אויב די וואַסערן זיינען אָפּגעפאַלן, האָט די טויב ניט געפונען קיין אָרט, וואו אוועקצושטעלן זיך, און זי האָט זיך אומגעקערט צוריק. האָט נח אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אַריינגענומען די טויב אין דער תבה אַריין.

און נח האָט אָפּגעוואַרט נאָך זיבן טעג, און ער האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. איז די טויב געקומען פאַרנאַכט צוריק, און אין מויל האָט זי געהאַלטן אַן איילבירט־בלאַט. האָט נח שוין גע־וואוסט, אַז די וואַסערן זיינען אָפּגעפאַלן.

האָט ער אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. האָט זיך שוין די טויב מער ניט אומגעקערט צו אים.

און ווען די ערד האָט זיך אויסגעטריקנט אינגאַנצן, האָט גאָט באַפוילן נח'ן, אַז ער און זיין הויזגעזינט און אַלע חיות און בהמות און פויגלען און אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס אין קאַסטן, זאָלן פון דאָרטן אַרויסגיין. אױך גאָט האָט זיי אַלע געבענטשט, אַז זיי זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן און אָנפילן די ערד.

און גאָט האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין מער ניט פאַרשילטן די ערד צוליב די מענטשן, און ער וועט שוין מער ניט אומברענגען אַלץ וואָס לעבט.

און גאָט האָט געמאַכט אַ צייכן, דעם רעגנבויגן אין די וואָלקנס, פאַר אַן אָנדענק צו דעם בונד צווישן אים און די מענטשן, אַז מער וועט שוין קיין מבול ניט זיין אויף דער וועלט.

און נח האָט אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן די ערד, און ער האָט גע־פלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן. און ער האָט געטרונקן פון דעם וויין ביז ער איז שיכור געוואָרן.

נח האָט געלעבט נאָכ'ן מבול דריי הונדערט און פופציק יאָר. און זיינע זין האָבן געהאַט קינדער, און אַזוי האָבן זיך די מענטשן ווידער פאַרמערט אויף דער ערד.

* * * *

דער טורעם פון בבל.
(דער דור־הפלגה)

אַלע מענטשן האָבן דאמאָלט גערעדט איין שפּראַך און אויף איין שטייגער. און זיי האָבן זיך באזעצט אין אַ פּלוין, אין לאַנד שנער (בבל).

האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— קומט, לאָמיר מאַכן געברענטע ציגל, און לאָמיר זיך אויס־בויען אַ שטאָט, און אַ הויכן טורעם, וואָס זיין שפּיץ זאָל דערגרייכן ביזן הימל, און מיר וועלן זיך מאַכן אַ וועלט־נאָמען, כדי מיר זאָלן ניט צעשפּרייט ווערן אויף דער גאַנצער ערד!

האָט גאָט געזען דעם טורעם, וואָס די מענטשן האָבן געמאַכט, און ער האָט געזאָגט:

— זיי זיינען אַלע איין פאָלק און זיי רעדן איין שפּראַך, און איצט דענקען זיי שוין, אַז זיי קאָנען אַלץ טאָן, וואָס נאָר זיי ווילן און פאַרטראַכטן צו טאָן!

און גאָט האָט צעמישט זייער שפּראַך, און איינער האָט ניט פאַר־שטאַנען דעם אַנדערנס רייד, און ער האָט זיי צעשפּרייט פון דאָרטן איבער דער גאַנצער ערד.

און זיי האָבן אויפגעהערט צו בויען די שטאָט און דעם טורעם.

און דערפאַר האָט מען גערופן דאָס אָרט "בבל", ווייל דאָרטן האָט גאָט צעמישט די שפּראַך פון די מענטשן. (בבל איז פון דעם העברע־אישן וואָרט בלל—צעמישן).

און יענעם דור רופט מען "דור־ההפלגה"; דער דור, ווען די מענטשן זיינען צעטיילט געוואָרן אויף פעלקער און שפּראַכן.

———::———

מעשיות און לעגענדעס

1.

דער אַקעראייזן און דאָס שניידמעסער.

אַמאָל, ביי די ערשטע מענטשן, זיינען די הענט געווען פון איין שטיק. זיי זיינען ניט געווען צעטיילט אויף פינגער. און נח איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט פינגער אין זיינע הענט.

ווען זיינע עלטערן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך שטאַרק פאַר־וואונדערט. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס נח'ס הענט זיינען אַנדערש פון אַלע מענטשנס הענט. און זיי האָבן געדענקט, אַז נח איז געבוירן מיט אַ חסרון.

אַז נח איז אויסגעוואַקסן, האָט ער אַליין דערזען, אַז ער קאָן טאָן מיט זיינע הענט בעסערע אַרבעט ווי אַנדערע מענטשן. און ער האָט אָנגעהויבן צו קלערן, אַז אָט די פינגער זיינען אים געגעבן געוואָרן פון גאָט ניט אומזיסט, נאָר געווים צוליב עפּיס אַ וויכטיקן צוועק.

און נח האָט געזאָגט:

— איך וועל פּרואוון צו באַאַרבעטן די ערד מיט מיינע צען פינ־גער, און לאָמיך זען, וואָס פאַר פּרוכט זי וועט מיר אַרויסגעבן!

און די ערד האָט געגעבן נח'ן פיל מער פּרוכט, און בעסערע, ווי זי האָט געגעבן עמיצן אַנדערש ביז אים.

נאָכדעם האָט שוין נח אָנגעהויבן צו מאַכן פאַר זיך כלים פון אייזן צו באַאַרבעטן די ערד. און ער האָט דער ערשטער געמאַכט אַן אַקער־אייזן און אַ שניידמעסער.

ווען זיין פאָטער, למך, האָט דערזען די וואונדער, וואָס נח האָט אויפגעטאָן, האָט ער געזאָגט מיט פרייד:

— ניט אומזיסט האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן "נח"; ער וועט אונז טרייסטן פון דעם מאַטערניש פון אונזערע הענט אויף דער ערד, וואָס גאָט האָט זי פאַרשאָלטן!...

* * * *

2.

נח און דער דור-המבול

אַז גאָט האָט געזען, ווי דער דור-המבול איז זינדיק, האָט ער געזאָגט צו נח'ן:

— דו ביזט דער איינציקער צדיק אין דעמדאָזיקן דור! גיי און וואָרן די זינדיקע מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך באַטראַכטן און מער קיין שלעכטס ניט טאָן, וואָרים איך וועל ברענגען אַ מבול און זיי וועלן אַלע אומקומען!

האָט נח אַזוי געטאָן. ער האָט זיי אַלע געוואָרנט און געבעטן אין גאָטס נאָמען; נאָר קיינער האָט זיך צו זיינע רייד ניט געוואָלט צוהערן.

האָט גאָט געזאָגט צו נח'ן:

— אין הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום וועל איך ברענגען דעם מבול אויף דער ערד! נעם און בוי אויס אַ גרויסן קאַסטן (אַ תבה), כדי דו און דיין הויזגעזינט זאָלן זיך קאָנען ראַטעווען אין אים!

האָט נח פאַרפלאַנצט בוימער. ער האָט די בוימער אויסגעהאַקט און געמאַכט פון זיי ברעטער. די ברעטער האָט ער צוגעשניטן לויט די נויטיקע מאָסן. און ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אַ תיבה.

האָבן די מענטשן דערזען ווי נח אַרבעט, האָבן זיי אים געפרעגט:

— וואָס מאַכסטו דאָס נח?

האָט ער זיי געענטפערט:

— דאָס מאַך איך אַ קאַסטן, כדי צו ראַטעווען זיך און מיין הויזגעזינט פונם מבול!... בעסער פאַרלאָזט אייערע שלעכטע וועגן, איר זינדיקע מענטשן, וועט גאָט קיין מבול ניט ברענגען אויף דער ערד!...

האָבן זיך אַלע אויסגעלאַכט פון אים, און געזאָגט:

— מיר האָבן פאַר גאָט קיין מורא ניט, און ער קאָן אונז גאָרניט טאָן! אויב גאָט וועט מאַכן רעגענען אַ מבול, וועלן מיר נעמען גרויסע שוואָמען, און זיי וועלן איינזאַפּן די וואַסערן!...

— פאַר גאָט איז ניטאָ קיין באַוואָרעניש! — האָט נח זיי געזאָגט — אַקעגן אים וועט אייך קיין שום עצה ניט העלפן! בעסער טוט תשובה און גאָט וועט אייך פאַרגעבן!

אָט אַזוי האָט נח זיי געוואָרנט גאַנצע הונדערט און צוואַנציק יאָר, און זיי האָבן זיך אַלץ אויסגעלאַכט פון זיינע רייד, ביז גאָט האָט געבראַכט דעם מבול.

און ווען דער מבול האָט שוין אויסגעבראָכן, האָבן אַלע מענטשן אַרומגערינגלט די תיבה און גענומען שרייען און וויינען:

— נח, לאָז אונז אויך אַריין אין דיין תיבה אַריין, און לאָמיר ניט אומקומען!

האָט נח זיי געענטפערט:

— הונדערט און צוואַנציק יאָר האָב איך געהאַלטן אין איין וואָרענען און בעטן אייך און איר האָט ניט געוואָלט פאָלגן, — איצט איז שוין צו שפּעט!...

זיינען די מענטשן אָנגעפאַלן און האָבן געוואָלט צוברעכן די תיבה, זיינען אַרוים די ווילדע חיות און האָבן זיי פאַרטריבן פון דאָרטן.

* * * *

3.

דער ליגן און דער שווינדל.

ווען דער ליגן (שקר) האָט דערהערט, אַז ס'קומט אַ מבול אויף דער ערד, איז ער געקומען צולויפן צו נח'ן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אויך אַריינלאָזן אין דער תיבה.

האָט נח געזאָגט:

— גאָט האָט מיר געהייסן אַריינגעמען נאָר פּאָרלאַך-ווייז אַהער; גיי און געפין דיר אויך אַ פּאָר!

איז דער שקר אוועק זוכן א פּאָר, און ער האָט באַגעגנט דעם שווינדל.

— פון וואַנען גייסטו? — פרעגט אים דער שווינדל.

האָט דער שקר געמוזט איצט זאָגן דעם אמת, און האָט געענט־פערט:

— איך גיי פון נח'ן! איך האָב געוואָלט אריין אין זיין תיבה; נעמט ער אָבער נאָר פאַרלאָך! ווילסטו זיין מיין פּאָר און זיך ראַטעווען דאָס לעבן?

— וואָס וועל איך דערפון האָבן, וואָס איך וועל ראַטעווען "דיין" לעבן? — פרעגט אים שווינדלעריש דער שווינדל.

— דו וועסט דאָך ראַטעווען דיין אייגן לעבן אויך?

— ניין, דאָס איז ניט גענוג; איך מוז עפּיס קריגן פון דיר!

— גוט, איך וועל דיר באַצאָלן פאר מיין לעבן! — זאָגט דער שקר — אלצדינג, וואָס איך וועל פאַרדינען, וועט געהערן צו דיר!

האָט דער שווינדל מסכים געווען, און ער איז אריין מיטן שקר צו נח'ן אין דער תיבה אריין.

און פון דאַמאָלט אָן זיינען "ליגן" און "שווינדל" פאַרבליבן א פּאָר אויף אייביק...

* * * *

4.

אייגנס און פרעמדס.

ווען נח האָט געשיקט די טויב צום ערשטן מאָל פון דער תיבה, כדי צו זען אויב די וואַסערן זיינען אָפּגעפאַלן, האָט זיך די טויב באַלד אומגעקערט צוריק, ווייל זי האָט ניט געפונען קיין אָרט, וואו זיך אוועקצושטעלן.

נאָך זיבן טעג, ווען נח האָט אַרויסגעשיקט די טויב צום צווייטן מאָל, איז זי געפלויגן און געפלויגן ביז זי איז געקומען צום גן־עדן. דאָרטן האָט זי דערזען די שיינע בוימער, די גוטע פרוכטן און די פרעכ־טיקע בלומען, נאָר זי האָט זיך צו זיי ניט געוואָלט אפילו צורירן.

און אז זי האָט דערזען אַן אָראָפּגעפאַלענעם איילבירט־בלאַט, האָט זי אים געכאַפּט אין מויל אַריין, און האָט אים געבראַכט צו נח׳ן.

האָט נח געפרעגט די טויב:

— פאַרוואָס האָסטו ניט געבראַכט עפּיס אַ גוטע פרוכט צום עסן?

האָט די טויב געענטפערט:

— זאָל מיין שפּייז זיין אפילו ביטער ווי איילבירטן, נאָר כ׳זאָל זי קריגן פון גאָטס האַנט! — איידער זי זאָל זיין זיס ווי האָניק און כ׳זאָל זי דאַרפן קריגן פון אַ מענטשנס האַנט!...

און דערום זאָגט דאָס ווערטל: "בעסער ביטערס, נאָר אייגנס — איידער זיס און פרעמדס!"...

* * * *

5.

נח און דער שטן.

אַז נח האָט אָנגעהויבן צו פלאַנצן זיין ווייַנגאָרטן, איז דער שטן געקומען און האָט אים געפרעגט:

— וואָס פלאַנצטו דאָס, נח?

— איך פלאַנץ אַ ווייַנגאָרטן! — האָט נח געענטפערט.

— וואָס גיט דען אַ ווייַנגאָרטן? — מאַכט זיך דער שטן ניט־ווייסנדיק.

— ער גיט ווייַנטרויבן; די ווייַנטרויבן עסט מען, סאַי פרישע און סאַי געטריקנטע; און מ׳קאָן אויך אויסקוועטשן פון זיי ווייַן, וואָס דערקוויקט דאָס האַרץ און מאַכט דעם מענטשן פריילעך! — גיט אים נח צו פאַרשטייען.

— אויב אַזוי, נעם מיך אויך צו פאַר אַ שותף, און כ׳וועל דיר העלפן אין דער אַרבעט! — זאָגט דער שטן.

און נח האָט צוגענומען דעם שטן פאַר אַ שותף צום ווייַנגאָרטן.

וואָס האָט דער שטן געטאָן? ער איז באַלד אַוועקגעלאָפן און האָט געבראַכט אַ לעמעלע, אַ לייב, אַ מאַלפּע און אַ חזיר. ער האָט זיי געקוילעט און האָט מיט זייער בלוט באַגאָסן דעם ווייַנגאָרטן.

— צוליב וואָס טוסטו דאָס? און וואָס דאַרפסטו דאָס בלוט פון די אַלע באַשעפענישן דאָ? — פרעגט אים נח.

— דאָס האָב איך דיר געוואָלט ווייזן, וואָס ווײַן קאָן מאַכן פון אַ מענטשן! — ענטפערט דער שטן — ווען אַ מענטש טרינקט אויס נאָר איין גלאָז ווײַן, איז ער נאָך שטיל און געלאַסן ווי אַ לעמעלע! ווען ער טרינקט שוין אויס צוויי גלעזער, ווערט ער שוין באַרויִשט און דענקט, אַז ער איז שטאַרק ווי אַ לייב! ווען ער טרינקט שוין אויס דריי גלע־זער ווײַן אָדער מער, ווערט ער שוין ווי אַ מאַלפּע, ער קרומט זיך נאָך און ער טאַנצט און ער פאַרלירט דעם פאַרשטאַנד! און ווען ער טרינקט שוין ווײַן אָן אַ מאָס, דאַמאָלט ווערט ער שוין ווי אַ חזיר, און וואַל־גערט זיך אין שמוץ און אין בלאָטע!...

און ווען דער ווײַנגאָרטן האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע פרוכט, און נח האָט זיך באַלד אָנגעטרונקען און געוואָרן שיכור, האָט ער ערשט דאַמאָלט פאַרשטאַנען, אַז אין ווײַן ליגט דער כח פונם שטן...

* * * *

6.

די מלחמה מיט גאָט.

די מענטשן פונם דור־הפלגה זײַנען געווען זייער נאַריש.

זיי האָבן געזאָגט:

— מיר וועלן אויסבויען אַ הויכן טורעם, וואָס זײַן שפּיץ וועט גרייכן ביזן הימל, און דאַמאָלט וועלן מיר אַרויף צו גאָט און מלחמה האַלטן מיט אים!...

האָבן זיי געבויעט און געבויעט דעם טורעם אַזוי הויך, אַז ווען מ'האָט פון דאָרטן אַראָפּגעקוקט, האָט דער העכסטער בוים אויסגע־וויזן ווי אַ קליין גרעזעלע.

נאָר זיי האָבן נאָך אַלץ דעם הימל ניט געקאָנט דערלאַנגען...

האָבן זיי געבויט נאָך העכער. אַזוי הויך, אַז אַרויפצוברענגען אַהין אַ ציגל האָט געדויערט פיל טעג, און דערום איז אַ ציגל בײַ זיי

געוואָרן טייערער און וויכטיקער פון א מענטשן. ווען אַ מענטש איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך און איז געטויט געוואָרן, האָט עס קיינעם פון זיי ניט געאַרט; נאָר ווען א ציגל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָבן אַלע געוויינט און געקלאָגט נאָך אים...

אַז גאָט האָט געזען ווי די מענטשן זיינען נאַריש און זינדיק, האָט ער צומישט זייער שפּראַך, אַז איינער זאָל ניט קאָנען פאַרשטייען דעם אַנדערן.

האָט איינער געהייסן זיך ברייננען וואַסער, האָט אים דער אַנ-דערער געבראַכט זאַמד. האָט איינער געוואָלט אַ האַק, האָט אים דער צווייטער געבראַכט אַ לאָפּעטע.

איז דורכדעם געוואָרן צווישן זיי א קריג און א געשלעג, און זיי האָבן זיך גע'הרג'עט איינער דעם אַנדערן, און זיי האָבן געמוזט אויפ-הערן צו בויען דעם טורעם.

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש
(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

יצר-הרע (שלעכטער געדאַנק, שלעכטע נייגונג):
דער היפּוך: יצר-טוב (גוטער געדאַנק).

יום ולילה (טאָג און נאַכט):
ער לערנט יום-ולילה!

בצלם אלהים (אין גאָטס געשטאַלט האָט ער באַשאַפן דעם מענטשן).

לא ישמעו איש שפת רעהו (איינער פאַרשטייט ניט דעם אַנ-דערנס שפּראַך):

סדרה

לך־לך

(גיי דיר)

אברהם, דער זון פון תרח.

פון נח׳ן זיינען אריבער צען דורות. און דאמאלט איז געבוירן גע־וואָרן ביי תרח׳ן א זון אברהם.

אברהם האָט גענומען א ווייב שרה. שרה איז געווען אַן עקרה, זי האָט ביז איר עלטער קיין קינדער ניט געהאַט.

תרח האָט גענומען זיין זון אברהם מיט זיין שנור שרה, און אויך זיין אייניקל הרן׳ס זון, לוט, און ער איז מיט זיי אַרויס פון אור־כשדים, און זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט אין חרן. און זיי האָבן דאָרטן געוואוינט ביז תרח איז געשטאָרבן.

און גאָט האָט געזאָגט צו אברהם׳ן:

— גיי דיר אַרויס פון דיין לאַנד, און פון דיין געבורט־שטאָט, און פון דיין פאָטער׳ס הויז; צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן; — און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק! און איך וועל דיך בענטשן, און וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען!

האָט אברהם גענומען זיין ווייב שרה׳ן און זייער גאַנצן פאַרמעגן, זילבער און גאָלד, שאָף און רינדער, קנעכט און דינסטן, און זיי זיינען אַוועק פון חרן קיין כנען. און אויך לוט, זיין ברודער׳ס זון, איז מיט אים געגאַנגען.

אברהם איז דאַמאָלט אַלט געווען פינף־און־זיבעציק יאָר.

האָט זיך גאָט באַוויזן צו אברהם'ן אין לאַנד כנען, און ער האָט אים געזאָגט:

— אָט דאָסדאָזיקע לאַנד וועל איך אָוועקגעבן צו דיינע קינדער אויף אייביק!

און אברהם האָט דאָרטן אויפגעשטעלט זיין געצעלט, און ער האָט געבויט אַ מזבח צו גאָט און האָט גערופן גאָטס נאָמען!

* * * *

אברהם וואנדערט קיין מצרים.

און עס איז געווען אַ גרויסער הונגער אין לאַנד כנען. האָט אברהם אַראָפּגעניִדערט אין דעם נאָענטן לאַנד מצרים.

ווען אברהם האָט זיך דערנענטערט צום לאַנד מצרים, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב שרה'ן:

— אַזוי ווי איך ווייס, אַז דו ביזט זייער אַ שיינע, און ווען די מצריים וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב אַזאַ שיינע ווייב, וועלן זיי מיך הרג'ענען, כדי דיך צוצונעמען; דערום זאָלסטו זאָגן, אַז דו ביזט מיין שוועסטער, וועלן זיי מיך לאָזן לעבן און מיר נאָך גוטס טאָן צוליב דיר!

און אַזוי איז געווען.

ווי נאָר אברהם מיט שרה'ן זיינען געקומען קיין מצרים, האָט מען באַלד פאַרליבט שרה'ס שיינקייט פאַרן דאָרטיקן קעניג, פרעה. און מ'האָט זי גלייך צוגענומען און זי געבראַכט צום קעניג.

און דער קעניג האָט גוט באַלוינט אברהם'ן. ער האָט אים געגעבן שאָף און רינדער, און אייזלען, און קנעכט און דינסטן אלס מתנה.

האָט גאָט געשלאָגן פרעה'ן און זיין הויזגעזינט מיט גרויסע פּלאָגן איבער שרה'ן, אברהם'ס ווייב, וואָס ער האָט צוגענומען.

האָט פרעה גערופן אברהם'ן און האָט אים געפרעגט:

— וואָס האָסטו מיר געטאָן? פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז שרה איז דיין ווייב, און ניט דיין שוועסטער?

און פרעה האָט צוריקגעגעבן שרה׳ן צו איר מאַן אברהם׳ן, און ער האָט געשיקט מענטשן, אַז מ׳זאָל זיי אַרויסבאַלייטן פונם לאַנד.

און אברהם מיט שרה׳ן, און אויך לוט, זיינען צוריק אַוועק קיין כנען, אין דעמזעלבן אָרט, וואו זיי האָבן פריער אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן.

* * * *

אברהם צושיידט זיך מיט לוט׳ן.

דאָס לאַנד, וואו אברהם מיט לוט׳ן זיינען געזעסן, האָט ניט געקאָנט שפייזן אַזויפיל שאָף און רינדער, וויפיל זיי האָבן ביידע פאַרמאָגט. און עס איז געוואָרן אַ קריגעריי צווישן אברהם׳ס פאַסטוכער און צווישן לוט׳ס פאַסטוכער.

האָט אברהם געזאָגט צו לוט׳ן:

— זאָל ניט פאָרקומען קיין קריג צווישן אונז; מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן! דאָס גאַנצע לאַנד איז דאָך פאַר דיר פריי; שייד זיך אָפּ פון מיר! ווילסטו גיין לינקס, וועל איך גיין רעכטס; ווילסטו גיין רעכטס, וועל איך גיין לינקס!

האָט לוט אַרומגעקוקט דעם גאַנצן געגנט פון ירדן, און ער האָט געזען, אַז דאָס לאַנד דאָרטן איז גוט באַוואַסערט, האָט ער זיך אויסגעקליבן יענעם געגענט צו באַזעצן זיך. און זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט איינער פון אַנדערן.

אברהם איז געבליבן אין לאַנד כנען, און לוט האָט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן ביז סדום.

און נאָכדעם ווי לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון אים, האָט גאָט ווידער געזאָגט צו אברהם׳ן:

— הויב אויף דיינע אויגן און קוק אַרום דאָס לאַנד אין אַלע פיר זייטן, אין צפון און דרום און מזרח און מערב, וואָרים

דאָס גאַנצע לאַנד וועל איך גיבן צו דיר און צו דיינע קינדער אויף איי־ביק! און דיינע קינדער וועלן זיין אַזויפיל ווי דער שטויב פון דער ערד!

* * * *

אברהם ראַטעוועט לוט׳ן.

אין יענע צייטן איז פאָרגעקומען אַ מלחמה אין דעם געגנט פון סדום, וואו לוט האָט געוואוינט.

פיר מלכים האָבן מלחמה געהאַלטן אַקעגן פינף מלכים. צווישן די פינף איז אויך געווען דער מלך פון סדום.

די פיר מלכים האָבן צוגענומען דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון סדום, און זיי האָבן אויך געפאַנגען לוט׳ן און אים פאַרנומען מיט זיך.

איז געקומען אַן אַנטלאָפענער און האָט וועגן דעם מודיע געווען אברהם׳ן.

האָט אברהם באַוואָפנט זיינע קנעכט און איז מיט זיי אַוועק ביי־נאַכט נאָכצויאָגן די פיינט.

ער האָט זיי אַלע דעריאָגט און צושלאָגן, און ער האָט אָפּגענומען פון זיי לוט׳ן און אויך דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן צוגענומען פון אים און פונם קעניג פון סדום.

איז דער קעניג פון סדום אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אברהם׳ן צו באַגעגענען אים, און ער האָט אים געדאַנקט פאַר זיין טובה, און ער האָט אים געזאָגט:

— גיב מיר נאָר די נפשות צוריק, און דאָס פאַרמעגן זאָל בלייבן אַ מתנה פאַר דיר!

האָט אברהם געענטפערט:

— איך הויב מיין האַנט צום אייבערשטן, און שווער, אַז איך וועל ניט נעמען אפילו אַ פאָדעם אָדער אַ שוכבענדל, וואָס איז דיינס! איך וויל ניט עמיצער זאָל זאָגן, אַז ער האָט רייך געמאַכט אברהם׳ן!...

* * * *

גאָטס בונד מיט אברהם׳ן.

נאָך דידאָזיקע געשעענישן האָט גאָט געזאָגט צו אברהם׳ן אין זעאונג פון נבואה:

— זאָלסט ניט מורא האָבן, אברהם, איך בין דיין באַשיצער; דיין שכר (באַלוינונג) איז זייער גרויס!

האָט אברהם געזאָגט:

— וואָס קאָנסטו מיר גיבן, גאָט, אַז איך האָב קיין קינד ניט! און צו וואָס טויג מיר מיין רייכקייט, אַז מיין קנעכט וועט מיך ירש׳ענען!

האָט גאָט געזאָגט צו אים:

— טו אַ קוק אויפן הימל; קאָנסטו איבערציילן די שטערן? אַזוי וועט מען אויך דיינע קינדער ניט קאָנען איבערציילן!

און אברהם האָט געגלויבט אין אלצדינג, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט.

און ווען די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין, איז אַ טיפער שלאָף אָנגעפאַלן אויף אברהם׳ן.

און אין שלאָף האָט גאָט גערעדט צו אברהם׳ן אַזוי:

— וויסן זאָלסטו, אַז דיינע קינדער וועלן פאַרפרעמדט ווערן אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט זייערס, און מע וועט זיי פאַרקנעכטן, און מע וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר, און נאָכדעם וועל איך זיי אַרויסנעמען פון דאָרט מיט אַ גרויס פאַרמעגן! און דו וועסט אויסלעבן דיינע יאָרן מיט אַ גוטער עלטער!

אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן זיין בונד מיט אברהם׳ן, און צוגעזאָגט נאָכאַמאָל צו גיבן דאָס לאַנד כנען צו זיינע קינדער.

* * * *

שרה און הגר

שרה, אברהם'ס ווייב, האָט נאָך אַלץ ניט געבוירן קיין קינד. און זי האָט געהאַט אַ מצרי'שע דינסט, וואָס איר נאָמען איז געווען הגר.

האָט שרה געזאָגט צו אברהם'ן:

— גאָט האָט מיר קיין קינד ניט געגעבן, האָב חתונה מיט מיין דינסט הגר, און איך וועל אפשר דורך איר געהאָלפן ווערן!

און אברהם האָט גענומען הגר'ן פאַר אַ ווייב, ווי שרה האָט געזאָגט.

ווען הגר האָט געזען, אַז זי איז שוין אברהם'ס ווייב, האָט זי אָנגעהויבן גרינגשעצן איר האַרנטע שרה. האָט שרה דאָס ניט געוואָלט לײַדן, און זי האָט אַזוי געפּײַניקט הגר'ן, אַז הגר איז פון איר אַנטלאָפן.

אויפן וועג האָט אַ מלאך פון גאָט זי באַגעגנט, און ער האָט צו איר געזאָגט:

— קער זיך אום צוריק צו דײַן האַרנטע און לײַד געדולדיק דעם פּײַן! איך וועל מערן דײַנע קינדער, אַז מע וועט זיי ניט קאָנען איבערציילן! אַט וועסטו גיך געבוירן אַ זון, זאָלסטו אים רופן ישמעאל (גאָט הערט), ווײַל גאָט האָט געהערט דײַן פּײַן! דײַן זון וועט זײַן אַ מענטש אַ ווילדער, אַ מדבר־מענטש, זײַן האַנט וועט זײַן אין אַלעמען, און אַלעמענס האַנט — אין אים!

האָט זיך הגר אומגעקערט צוריק. זי האָט געבוירן אַ זון, און אברהם האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישמעאל.

און גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן צו אברהם'ן און געזאָגט צו אים:

— איך האָב מיט דיר אַ בונד געמאַכט אויף אייביק. זיי ערליך און פרום, און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ פאָטער פון פיל פעלקער. און איך וועל געבן דאָס לאַנד כנען פאַר אַן אייביקער ירושה צו דיר און צו דײַנע קינדער. און דו און דײַנע קינדער זאָלן אָפּהיטן מײַן בונד אויף דור דורות. און דאָס זאָל זײַן דער צייכן פון בונד: צו אַכט טעג זאָל יעדער מאַנספּאַרשוין גע'מל'ט ווערן (מאַכן אַ ברית־מילה)! און דײַן ווייב שרה'ן וועל איך אויך בענטשן, און איר געבן אַ זון!

האָט אברהם ביי זיך אין האַרצן געלאַכט:

— איך בין שוין הונדערט יאָר אַלט, און מיין ווייב איז שוין ניינ־ציק יאָר אַלט, קאָן דען זיין, אַז ביי אונז זאָל געבוירן ווערן אַ קינד?

האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— יאָ, דיין ווייב וועט האָבן אַ זון, און דו זאָלסט אים רופן יצחק (לאַכן)! דיין זון ישמעאל'ן וועל איך אויך מאַכן צו אַ גרויס פאָלק, אָבער מיין אייביקן בונד וועל איך אויפשטעלן נאָר מיט יצחק'ן!

———::———

מעשיות און לעגענדעס

1.

תרח׳ס ענטפער צו נמרוד׳ן.

ווען אברהם איז געבוירן געוואָרן זיינען געקומען די שטערנזעער צום קעניג נמרוד און האָבן אים געזאָגט:

— גרויסער קעניג! זאָלסט וויסן, אז ביי תרח׳ן איז איצט געבוירן געוואָרן אַ זון, אברהם, וועלכער וועט אויסוואַקסן גרוים און מעכטיק און ער וועט צושטערן אונזערע געטער!

— וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט תרח׳ס ניי־געבוירענעם זון? — האָט נמרוד געפרעגט די שטערנזעער.

— עס איז נאָר דאָ איין עצה, — האָבן די שטערנזעער געענטפערט — אַז דו זאָלסט באלד אָפּקויפן דאָס קינד ביי תרח׳ן, און דו זאָלסט עס טויטן!

האָט נמרוד געשיקט רופן תרח׳ן און ער האָט אים געזאָגט:

— תרח, מיינע שטערנזעער זאָגן זייער שלעכטע נביאות וועגן דיין ניי־געבוירענעם זון! איך וועל דיר גיבן אַזויפיל גאָלד און זילבער, וויפיל דו וועסט אליין פאַרלאַנגען, נאָר פאַרקויף מיר דיין זון!

האָט תרח געענטפערט:

— גרויסער קעניג, איך וויל ביי דיר פריער פרעגן אַן עצה, און נאָכדעם וועל איך ענטפערן אויף דיין בקשה. נעכטן איז איינער פון דיינע קנעכט געקומען צו מיר און ער האָט ביי מיר געוואָלט אָפּקויפן דאָס טייערע פערד, וואָס דו האָסט מיר געשענקט, און ער האָט מיר געוואָלט גיבן דערפאַר א פולן שטאָל מיט היי און האָבער. וואָס האָב

איך באַדאַרפט טאָן? האָב איך געוועזן באַדאַרפט פאַרקויפן דאָס פערד?
האָט זיך נמרוד צעלאַכט, און אים געענטפערט:
— דו אלטער נאַר! צו וואָס דאַרפסטו האָבן היי און האָבער, אַז דו וועסט קיין פערד ניט האָבן?
האָט תרח זיך אויך צעלאַכט, און געפרעגט נמרוד'ן:
— אויב אַזוי, גרויסער קעניג, צו וואָס דאַרף איך דיין גאָלד און זילבער, וואָס דו ווילסט מיר געבן פאַר מיין זון, אַז איך וועל דעם זון ניט האָבן מער?...

* * * *

2.

אברהם'ס ענטפער צו תרח'ן.

תרח, אברהם'ס פאָטער, פלעגט מאַכן אָפּגעטער און זיי פאַרקויפן. אַז אברהם איז אויסגעוואַקסן, איז ער געווען זייער קלוג און ער האָט ניט געגלויבט אין די אָפּגעטער.
אברהם האָט מיט זיין אייגענעם שכל פאַרשטאַנען, אַז דער איינ־ציקער גאָט איז נאָר דער, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט; און אין אים האָט ער געגלויבט.
איינמאָל איז תרח אַוועקגעגאַנגען פון הויז, און ער האָט איבער־געלאָזט אברהם'ן אכטונג צו געבן אויף די געטער.
איז אַריינגעקומען אַן אַלטער מאַן, און האָט געוואָלט ביי אים קויפן אַן אָפּגאָט.
פרעגט אים אברהם:
— ווי אַלט ביזטו?
— זיבעציק יאָר! — ענטפערט דער מאַן.
זאָגט צו אים אברהם מיט אַ געלעכטער:
— אַזאַ אלטער מאַן פון זיבעציק יאָר וויל זיך בוקן צו אַן אָפּגאָט, וואָס איז ערשט איין טאָג אַלט? איז דאָס ניט קיין נאַרישקייט?...

האָט זיך דער אַלטער מאַן פאַרשעמט, און ער האָט שוין קיין אָפּ־גאַט ניט געקויפט.

שפּעטער אַביסל איז אַריינגעקומען אַן אַלטע פרוי, און האָט גע־וואָלט קויפן אַן אָפּגאָט. און זי דערציילט אברהם׳ן, אַז נעכטן האָבן גנבים אַוועקגעגנב׳עט איר אַלטן גאָט פון הויז.

האָט זיך אברהם שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט צו דער פרוי:

— אַזאַ אַלטע פרוי, ווי־דו, בוקסטו זיך צו אַ גאָט, וואָס גנבים קאָנען אים צונעמען?...

האָט זיך די אַלטע פרוי פאַרשעמט, און איז שוין אַוועק אָן אַן אָפּגאָט.

נאָך שפּעטער איז אַריינגעקומען אַנ׳אַנדער פרוי, און זאָגט צו אברהם׳ן:

— איך בין אַן אָרימע פרוי, איך פאַרמאָג ניט קיין אייגענעם גאָט, האָב איך געבראַכט אַ טאָפּ מעל, אַ מתנה פאַר דיין פאָטער׳ס געטער. זיי אַזוי גוט און גיב זיי צו עסן!

האָט אברהם גענומען דאָס מעל און עס אַוועקגעשטעלט פאַר די געטער.

ווען די פרוי איז אַוועק, האָט אברהם גענומען אַ שטעקן און האָט צעבראָכן אַלע געטער, און דעם שטעקן האָט ער אַריינגעלעגט אין דער האַנט פונם גרעסטן אָפּגאָט.

אַז תרח האָט זיך אומגעקערט אהיים און האָט דערזען די צע־בראָכענע געטער, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף אברהם׳ן, און האָט געשריען:

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן, אברהם? ווארום האָסטו צע־בראָכן די געטער?

— ניין, פאָטער, ניט איך האָב די געטער צעבראָכן! — האָט אברהם געשפּאַסט — אַ פרוי האָט געבראַכט מעל, אַ מתנה פאַר דיינע געטער, האָב איך דאָס מעל געגעבן זיי צו עסן. איז דער גרויסער אָפּ־גאָט געוואָרן אין כעס, וואָס די קליינע געטלעך ווילן אויך עסן, האָט ער געכאַפּט דעם שטעקן און האָט זיי אַלע צעבראָכן!

— וואָס רעדסטו אַזוינע נאַרישקייטן? — בייזערט זיך תרח — ווי קאָן דען אַזאַ הילצערנער אָפּגאָט טאָן עפּיס? ער קאָן זיך דאָך אפילו ניט רירן פון אָרט!?

— אויב אַזוי, פאָטער? — ענטפערט אברהם מיט אַ געלעכטער — אויב דו פאַרשטייסט יאָ, אַז אַ הילצערנער גאָט קאָן גאָר ניט טאָן, וואָרום גלויבסטו אין אים?...

* * * *

3.

אברהם אין קאַלך-אויוון.

ווען דער קעניג נמרוד איז געוואויר געוואָרן, אַז אברהם האָט צעבראָכן זיין פאָטער'ס געטער, האָט ער באַפוילן, מע זאָל אים ברייגען אין קעניג'ס פּאַלאַץ אַריין.

און נמרוד האָט געפרעגט אברהם'ן:

— וואָרום האָסטו צעשמעטערט די געטער?

— ווייל איך וויל זיך ניט בוקן צו האָלץ און צו שטיין! — האָט אברהם געענטפערט.

— אויב ניט צו האָלץ און שטיין, בוק זיך צו פייער, וואָס ס'איז שטאַרקער פון זיי! — זאָגט נמרוד.

— דאָס וואַסער איז דאָך שטאַרקער, עס פאַרלעשט דאָס פייער!— ענטפערט אברהם.

— בוק זיך צו וואַסער! — זאָגט נמרוד.

— די וואָלקנס זיינען דאָך שטאַרקער, זיי טראָגן אין זיך דאָס וואַסער! — ענטפערט אברהם.

— בוק זיך צו די וואָלקנס!

— דער ווינט איז דאָך שטאַרקער, ער צעטרייבט די וואָלקנס!

— בוק זיך צום ווינט!

— גאָט איז דאָך שטאַרקער, ער מאַכט דעם ווינט!

אַז נמרוד האָט געזען, אַז ער קאָן זיך מיט אברהם׳ן ניט אויס־טענה׳ן, איז ער אין כעס געוואָרן און ער האָט אויסגעשריען:

— אויב אַזוי, וועל איך דיך אַריינוואַרפן אין פייער אַריין, און לאָמיך זען צי דיין גאָט וועט דיך מציל זיין פון דאָרט!

און די קנעכט האָבן געבונדן אברהם׳ס הענט און פיס, און זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין ברענענדיקן קאַלך־אויוון.

איז פּלוצלינג דאָס פייער אין קאַלך־אויוון פאַרלאָשן געוואָרן. פון די פלאַמען זיינען געוואָרן בליענדיקע ביימער מיט טייערע פרוכטן, און פונם גאַנצן קאַלך־אויוון איז געוואָרן אַ שיינער גאָרטן. און אברהם האָט גענומען אַרומשפּאַצירן אין גאָרטן און געזונגען לויב־לידער צו גאָט.

זיינען די קנעכט אַוועקגעלאָפן צום קעניג און האָבן אים דער־ציילט פון דעמדאָזיקן וואונדער.

ווען דער קעניג האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך דערשראָקן און איז געפאַלן אויף די קני פאַר אברהם׳ן. און ווען די קנעכט האָבן געזען, אַז דער קעניג אַליין קניעט פאַר אברהם׳ן, האָבן זיי אויך אַזוי געטאָן. האָט זיך אברהם צעלאַכט און געזאָגט צו זיי:

— נאַראָנים! וואָס בוקט איר זיך צו מיר? איך בין ניט מער ווי אַ מענטש, גלייך ווי איר אַלע! בוקט זיך פאַר גאָט, וואָרים נאָר אין זיינע הענט זיינען די לעבנס פון אַלע לעבעדיקע!...

און פון דאַמאָלט אָן האָבן אַסך מענטשן פאַרלאָזט זייערע אָפּגעטער, און זיי זיינען נאָכגעגאַנגען אברהם׳ן, וועלכער האָט זיי געלערנט צו גלויבן נאָר אין איין גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט.

* * * *

4.

אברהם פאַרשפּרייט ריינעם גלויבן.

אברהם האָט געעפנט טירן אין אַלע פיר זייטן פון זיין וואוינונג. און אַלע מענטשן וואָס פלעגן אָנקומען פון וועג, האָט אברהם איינגע־לאדן צו זיך אין געצעלט, און ער האָט זיי געגעבן עסן און טרינקען און אַ נאַכט־לעגער. ער איז געווען אַ „מכנים אורחים".

און ווען די אורחים, (פאַרבייגייער, געסט) פלעגן דאַנקען אברהם'ן פאַר זיין גוטסקייט, האָט ער זיי צוגעזאָגט:

— ניט מיר דאַרפט איהר דאַנקען, ליבע מענטשן, ניט פון מיין ברויט האָב איך אייך געגעבן עסן, און ניט פון מיין וואַסער האָב איך אייך געגעבן טרינקען, נאָר פון גאָט'ס, וואָרים אַלצדינג איז זיינס!

האָבן די מענטשן געפרעגט:

— ווער איז ער, אָט דער גאָט? וואו קאָנען מיר אים זען?

— גאָט איז אומעטום, נאָר זען קאָן אים קיינער ניט! — האָט זיי אברהם געענטפערט.

און אָט אזוי האָט אברהם זיי געלערנט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז נאַריש צו גלויבן אין די אָפּגעטער, וואָס אַ מענטש באַשאַפט זיי; גלויבן דאַרף מען אין גאָט, וואָס ער באַשאַפט דעם מענטשן!

און פון דאמאָלט אָן איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער ריינער גלויבן אין איין־איינציקן גאָט. (אחדות־הבורא).

———::———

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

לך-לך (גיי דיר).

אנשים אחים אנחנו (מיר זיינען אייגענע מענטשן):

מחוט ועד שרוך נעל (פון אַ פאָדעם ביז אַ שיך-בענדל):

ניט נהנה געווען דערפון מחוט ועד שרוך-נעל...

אני העשרתי את אברם (איך האָב רייך געמאַכט אברהם'ן).

אימה (שרעק, פחד):

אָנוואַרפן אַן אימה... פאַלן אַן אימה...

בשיבה טובה (אין אַ גוטער עלטער):

אַן עלטערן מענטשן ווינשט מען: "איר זאָלט האָבן אַ שיבה טובה!"

לפיד אש (פלאַם פייער).

פרא אדם (אַ ווילדער מענטש):

ידו בכל ויד כל בו (זיין האַנט אין יעדערן, און יעדערן'ס האַנט אין אים):

אויף אַ שלעגער זאָגט מען: "עס איז ידו בכל ויד כל בו"...

———::———

סדרה

וירא

(און ער האָט זיך באַוויזן)

דריי מלאָכים קומען צו אברהם'ן.

און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אברהם'ן, ווען ער איז געזעסן ביים אריינגאַנג פון געצעלט, אין אַ הייסן טאָג.

און אברהם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען, אַז דריי מענער שטייען פאַר אים. (מלאָכים אין געשטאַלט פון מענטשן).

איז ער זיי אנטקעגן געלאָפן, האָט זיך געבוקט צו דער ערד, און האָט געזאָגט:

— גייט ניט אוועק פון אייער קנעכט, איך בעט אייך! אָט וועט באַלד געבראַכט ווערן וואַסער; וואַשט אייערע פיס, לעגט אייך אָן אונטערן בוים, אין שאָטן, און איך וועל נעמען אַ שטיקל ברויט און איר וועט אונטערלענען אייער האַרץ!

און אברהם האָט זיך געאיילט אין געצעלט צו שרה'ן, און האָט געזאָגט:

— נעם גיך דריי מאָס זעמלמעל, פאַרקנעט און מאַך קוכנס!

און ער האָט גענומען פלייש פון אַ יונגן רינד, און פוטער און מילך, און ער האָט אוועקגעשטעלט פאַר זיי, און זיי האָבן געגעסן.

און זיי האָבן אים געפרעגט:

— וואו איז דיין ווייב שרה?

האָט אברהם געזאָגט:

— זי איז אין געצעלט!

האָט זיך איינער פון די מלאכים אָנגערופן: "איך וועל זיך ווידער אומקערן צו דיר איבער אַ יאָר, אין דער צייט, און דיין ווייב שרה וועט האָבן אַ זון!"

און שרה האָט דאָס געהערט און זי האָט זיך צעלאַכט.

האָט גאָט געזאָגט צו אברהם'ן:

— פאַרוואָס האָט שרה געלאַכט? זי מיינט, אַז דערפאַר וואָס זי איז שוין אַלט קאָן זי קיין קינדער ניט האָבן! איז דען דאָ עפּיס אַ שווערע זאַך פאַר גאָט?

האָט שרה מורא געהאַט, און זי האָט געלייקנט, אַז זי האָט געלאַכט.

און די מלאכים זיינען אויפגעשטאַנען, און האָבן אַראָפּגעקוקט אויף סדום, און אברהם האָט זיי באַלייט אויפן וועג.

* * * *

גאָט זאָגט אָן אברהם'ן דעם חורבן פון סדום.

נאָכדעם ווי אברהם האָט באַלייט די מלאָכים, האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— דאָס געשריי פון סדום און עמורה איז זייער גרויס! און זייערע זינד זיינען זייער שווער! און איצט וועל איך אַראָפּגיידערן אַהין און זען, אויב זיי האָבן טאַקע געטאָן אַזויפיל שלעכטס, וועל איך זיי אומברענגען!"

האָט אברהם געזאָגט צו גאָט:

— וועסטו דען אומברענגען דעם צדיק מיטן רשע אינאיינעם? און אויב עס זיינען פאַראַן דאָרט פופציק צדיקים, וועסטו דען ניט פאַרגעבן דער גאַנצער שטאָט צוליב זיי? וועט דען דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט ניט טאָן קיין גערעכטיגקייט?

האָט גאָט געזאָגט:

— אויב איך וועל געפינען פופציק צדיקים אין סדום, וועל איך פאַרגעבן דער גאַנצער שטאָט!

האָט אברהם געזאָגט:

— און טאָמער וועלן פעלן פינף פון די פופציק, וועסטו דען צע־שטערן די שטאָט איבער פינף?

האָט גאָט געזאָגט:

— ניין, אפילו נאָר צוליב פינף־און־פערציק צדיקים וועל איך אויך ניט פאַרדאַרבן די שטאָט!

האָט אברהם ווידער געזאָגט:

— און טאָמער וועלן דאָרטן געפונען ווערן נאָר פערציק צדיקים?

האָט גאָט געזאָגט:

— אפילו צוליב פערציק וועל איך אויך ניט טאָן קיין שלעכטס!

האָט אברהם געזאָגט:

— זאָל דיך, גאָט, ניט פאַרדריסן, וואָס איך רעד: און טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפינען נאָר דרייסיק?

האָט גאָט געזאָגט:

— אויך צוליב דרייסיק וועל איך ניט פאַרדאַרבן!

— און טאָמער וועלן דאָרטן זיין נאָר צוואַנציק?

— אויך צוליב צוואַנציק וועל איך ניט פאַרדאַרבן!

— און טאָמער וועלן זיין נאָר צען?

— אפילו צוליב צען וועל איך מוחל זיין דער שטאָט!

און גאָט איז אוועקגעגאַנגען, ווען ער האָט געענדיקט צו רעדן צו אברהם'ן. און אברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט.

* * * *

דאָס צעשטערונג פון סדום און עמורה.

צוויי פון די מלאָכים זיינען געקומען קיין סדום אין אָוונט, און לוט איז דאמאָלט געזעסן ביים טויער פון שטאָט.

דערזעענדיק די מלאָכים, האָט זיך לוט געבוקט צו דער ערד און געזאָגט:

— קומט אַריין, איך בעט אייך, צו אייער קנעכט אין הויז אַריין, וואַשט אייערע פיס, נעכטיקט איבער, און אינדערפרי וועט איר אייך גיין אייער וועג!

האָבן די מלאָכים געזאָגט:

— ניין, מיר וועלן נעכטיקן אויף דער גאַס!

האָט לוט זיי שטאַרק געבעטן, און זיי זיינען אַריין צו אים אין הויז. און לוט האָט געמאַכט פאַר זיי א מאָלצייט, און זיי האָבן געגעסן.

און נאָך איידער זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָבן די מענטשן פון סדום אַרומגערינגלט דאָס הויז, און זיי האָבן געפאָדערט, אַז לוט זאָל זיי אַרויסגעבן די פרעמדע מענטשן.

איז לוט צו זיי אַרויסגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

— איך בעט אייך, מיינע ברידער, טוט ניט קיין שלעכטס צו מיינע געסט!

האָבן די סדום-לייט צו אים געשריען:

— גיי אַוועק פון דאַנען! דו איינער ביזט אַליין א גר צווישן אונז, און דו ווילסט גאָר ווערן אונזער שופט, און אונז לערנען ווי זיך צו באַגיין מיט פרעמדע? איצט וועלן מיר זיך מיט דיר באגיין נאָך ערגער ווי מיט זיי!

און די סדום-לייט זיינען צוגעגאַנגען און געוואָלט איינברעכן די טיר. האָבן די מלאָכים אויסגעשטרעקט די הענט, און זיי האָבן אַריינגענומען לוט'ן אין הויז אַריין, און זיי האָבן פאַרשלאָסן די טיר, און זיי האָבן געשלאָגן די סדום-לייט מיט בלינדקייט, אַז זיי האָבן שוין ניט געקאָנט געפינען דעם אריינגאַנג צום הויז.

און די מלאָכים האָבן געזאָגט צו לוט'ן:

— וועמען נאָך האָסטו דאָ אין שטאָט? אן איידעם און דיינע זין און דיינע טעכטער, און וועמען דו האָסט נאָר, פיר ארויס פון דאַנען, וואָרים דאָס געשריי פון די איינוואוינער איז זייער גרויס פאַר גאָט, און ער האָט אונז געשיקט צו צעשטערן די שטאָט!

איז לוט אַרויסגעגאַנגען און האָט וועגן דעם גערעדט צו זיינע איידעמס; נאָר זיי האָבן ניט געגלויבט, זיי האָבן געמיינט, אַז ער מאַכט אַ שפּאַס.

און ווען דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, האָבן די מלאָכים גע־איילט לוט'ן און האָבן געזאָגט:

— שטיי אויף, און נעם אַרויס דיין ווייב און דיינע צוויי טעכ־טער, כדי זאָלסט ניט אומגעבראַכט ווערן דורך דער זינד פון דער שטאָט!

און אַז ער האָט זיך פאַרזאמט, האָבן די מלאָכים אים אָנגענומען פאַר דער האַנט, און אויך זיין ווייב און זיינע טעכטער פאַר זייערע הענט, און זיי אַלע אַרויסגעפירט אויס דער שטאָט, און זיי פאַרזאָגט צו אַנטלויפן און זיי זאָלן זיך ניט אומקוקן הינטער זיך.

איז לוט מיט זיין הויזגעזינט אַנטלאָפן און געקומען קיין צוער. נאָר לוט'ס ווייב האָט, לויפנדיק, זיך אומגעקוקט הינטער לוט'ן, און זי איז געוואָרן אַ זייל זאַלץ.

און גאָט האָט געמאַכט רעגענען שוועבל און פייער, און ער האָט אומגעבראַכט די שטעט סדום און עמורה, און דעם גאַנצן געגנד אַרום, מיט אַלע איינוואוינער.

* * * *

אברהם באַזעצט זיך אין גרר.

אברהם איז אַוועקגעגאַנגען צום לאַנד פון דרום, און ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט גרר, די קרוין־שטאָט פון די פלשתים.

און אברהם האָט דאָ אויך געזאָגט אויף זיין ווייב שרה, אַז זי איז זיין שוועסטער, אַזוי ווי ער האָט פריער געטאָן אין מצרים.

האָט דער קעניג פון גרר, אבימלך, געשיקט און האָט צוגענומען שרה'ן צו זיך.

איז גאָט געקומען צו אבימלך'ן אין חלום און האָט אים געזאָגט:

— זאָלסט וויסן, אז דו וועסט שטאַרבן, וואָרים דו האָסט צוגענומען אַ ווייב פון אַ מאַן!

האָט אבימלך געזאָגט:

— אברהם האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז זי איז זיין שוועסטער! און שרה האָט אויך געזאָגט, אז אברהם איז איר ברודער! האָב איך דאָך ניט געוואוסט, אז איך באַגיי דערמיט אַ זינד!

האָט גאָט געזאָגט צו אבימלך'ן:

— איצט קער אום דאָס ווייב צוריק צו איר מאַן, וואָרים ער איז אַ נביא, און ער וועט בעטן גאָט פאַר דיר, וועסטו בלייבן לעבן!

גאַנצפרי האָט אבימלך געשיקט רופן אברהם'ן און האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? דו האָסט געבראַכט אויף מיר און אויף מיין קעניגרייך אַ גרויסע זינד! האָסט געטאָן צו מיר אַזעלכע זאכן, וואָס ווערן אין ערגיץ ניט געטאָן!

האָט אברהם געענטפערט:

— איך האָב געדענקט, אז אין דערדאָזיקער שטאָט האָט מען פאַר גאָט קיין מורא ניט, וועט מען מיך הרג'ענען איבער מיין ווייב!

האָט אבימלך אומגעקערט שרה'ן צו אברהם'ן, און ער האָט אים געשענקט מתנות, און האָט אים געזאָגט:

— מיין גאַנץ לאנד איז פריי פאַר דיר, דו קאָנסט זיך באַזעצן וואו נאָר עס וועט דיר געפעלן, און קיינער וועט דיר קיין שלעכטס ניט טאָן!

און אברהם האָט געבעטן גאָט פאַר אבימלך'ן ער זאָל לעבן בלייבן.

* * * *

יצחק ווערט געבוירן

און גאָט האָט דערמאָנט שרה׳ן צו גוטן, ווי ער האָט געזאָגט. און שרה האָט געבוירן אברהם׳ן אַ זון אויף דער עלטער, פּונקט צו דער צייט, וואָס גאָט האָט אים פריער אָנגעזאָגט.

און אברהם האָט אַ נאָמען געגעבן זיין ניי־געבוירענעם זון: יצחק. און צו אַכט טעג האָט אברהם געמאַכט יצחק׳ס ברית, ווי גאָט אים באַפוילן.

אברהם איז דאַמאָלט אַלט געווען הונדערט יאָר, און שרה — ניינציק יאָר. און שרה האָט געזאָגט:

— אַ געלעכטער האָט מיר גאָט געמאַכט! וואָרים איטליכער, וואָס וועט הערן, וועט לאַכן פון מיר! ווער האָט זיך דען געקאָנט ריכטן, אַז איך וועל נאָך זויגן אַ קינד!

און יצחק איז געוואַקסן, און ער איז אנטוואוינט געוואָרן. און אברהם האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה אין יענעם טאָג.

* * * *

אברהם פאַרטרייבט הגר׳ן מיט איר זון.

איינמאָל האָט שרה געזען, ווי ישמעאל, הגר׳ס זון, שפּילט זיך מיט איר יצחק׳ן. האָט זי געזאָגט צו אברהם׳ן:

— טרייב אַרויס די דינסט מיט איר זון, וואָרים ער קאָן ניט זיין קיין יורש, ווי מיין זון יצחק!

איז אברהם׳ן דידאָזיקע זאַך ניט געפעלן געווען. ער האָט ישמעאל׳ן אויך גערעכנט פאַר אַ זון, און ער האָט רחמנות געהאָט אויף אים.

האָט גאָט געזאָגט צו אברהם׳ן:

— טו אַלצדינג, וואָס שרה זאָגט דיר. וואָרים נאָר אויף יצחק׳ן

וועלן גערופן ווערן דיינע קינדער. אָבער אויך דעם זון פון דער דינסט וועל איך מאַכן פאַר אַ פאָלק, ווייל ער איז אויך דיין קינד!"

איז אברהם אויפגעשטאַנען אינדערפרי, און ער האָט גענומען ברויט און אַ קריגל וואַסער און האָט אַרויפגעלעגט אויף הגר'ס אַקסל, און ער האָט זי מיטן קינד אַוועקגעשיקט פון הויז.

און הגר האָט אומגעבלאָנדזשעט אין דעם מדבר באר־שבע.

ווען די וואַסער פון קריגל איז אויסגעגאַנגען, האָט הגר אַוועקגעלעגט דאָס קינד אונטער איינעם פון די בוימער, און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגנאיבער, אויף אַ ווייטקייט פון אַ בויגן־שאָס, וואָרים זי האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי דאָס קינד גייט אוים פון דורשט, און זי האָט געוויינט אויף אַ קול.

האָט א מלאך פון גאָט צו איר גערופן:

— האָב קיין מורא ניט, הגר! גאָט האָט דערהערט דעם קינד'ס קול, וואו ס'איז דאָרט! שטיי אויף און האַלט דאָס קינד מיט זיך, וואָרים פון אים וועט נאָך אַרויסקומען אַ גרויס פאָלק!

און גאָט האָט אויפגעעפנט אירע אויגן, און זי האָט דערזען אַ ברונעם. איז זי געגאַנגען, האָט אָנגעפילט דאָס קריגל מיט וואַסער, און האָט אָנגעטרונקען דאָס אינגל.

און פון דאמאָלט אָן איז גאָט געווען מיט ישמעאל'ן. ער איז אויסגעוואַקסן, און ער איז פאַרבליבן וואוינען אין דער מדבר פאָרן אַלס אַ בויגן־שיסער.

און זיין מוטער האָט פאַר אים גענומען א ווייב פון לאַנד מצרים.

* * * *

די עקדה פון יצחק'ן.

און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן מיט ישמעאל'ן, האָט גאָט געפּרואווט אברהם'ן און האָט צו אים געזאָגט:

— נעם דיין איין איינציקן זון (בן־יחיד), יצחק'ן, וואָס דו האָסט ליב, און גיי אין לאַנד מוריה, און ברייננ אים דאָרטן פאַר אַ קרבן, אויף איינעם פון די בערג, וואָס איך וועל דיר זאָגן!

איז אברהם אויפגעשטאנען גאנצפרי, האט אנגעזאטלט זיין אייזל, האט אנגעהאקט האלץ פארן קרבן, און ער האט גענומען מיט זיך זיינע צוויי באדינער און זיין זון יצחק'ן, און איז אוועקגעגאנגען צו דעם ארט, וואס גאט האט אים געזאגט.

אויפן דריטן טאג האט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן, און ער האט דערזען דאס ארט פון וויטן.

האט אברהם געזאגט צו זיינע באדינער:

— איר בלייבט ווארטן דא מיט'ן אייזל, און איך מיט יצחק'ן וועלן גיין ביז יענעם ארט, און מיר וועלן זיך בוקן צו גאט, און זיך אומקערן צו אייך!

אברהם האט ארויפגעלעגט דאס האלץ אויף יצחק'ן, און ער האט מיטגענומען דאס פייער און דאס שלאכטמעסער, און זיי זיינען ביידע אוועקגעגאנגען.

האט יצחק געפרעגט זיין פאטער:

— דאס פייער און דאס האלץ האבן מיר מיט זיך, אבער וואו איז דאס לעמעלע פאר דעם קרבן?

האט אברהם געענטפערט:

— גאט וועט זיך שוין זען א לעמעלע פאר א קרבן, מיין זון!

און זיי זיינען געקומען צום ארט, וואס גאט האט געזאגט. און אברהם האט דארטן אויסגעבויט א מזבח, און האט אויסגעלייגט דאס האלץ אויף אים. און ער האט געבונדן זיין זון יצחק'ן און האט אים ארויפגעלייגט אויפן מזבח, איבערן האלץ.

און ווי נאר אברהם האט אויסגעשטרעקט זיין האנט, און ער האט גענומען דאס שלאכטמעסער צו קוילען זיין זון, האט א מלאך פון גאט גערופן צו אים פון הימל און האט געזאגט:

— אברהם! אברהם! זאלסט ניט לייגן דיין האנט אויפן אינגל און זאלסט אים גארניט טאן! ווארים ערשט איצט ווייס איך, אז דו האסט מורא פאר גאט, און דו האסט דיין איינציקן זון ניט פארמיטן פון מיר!"

און אברהם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האָט דערזען, אַז אַ ווידער (אַ רעם) האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט זיינע הערנער אין די צווייגן.

האָט אברהם גענומען דעם ווידער און האָט אים געבראַכט פאַר אַ קרבן אַנשטאָט זיין זון.

און דער מלאך פון גאָט האָט גערופן צו אברהם'ן אַ צווייטן מאָל פון הימל און האָט געזאָגט:

— איך שווער ביי זיך, זאָגט גאָט, אַז דערפאַר וואָס דו האָסט געטאָן דידאָזיקע זאַך, און דו האָסט געוואָלט דיין איינציקן זון מקריב זיין צו מיר, וועל איך דיך בענטשן, און וועל מערן דיינע קינ־דער אַזוי ווי די שטערן פון הימל און אַזוי ווי די זאַמד, וואָס אויפן ברעג פון ים! אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן זיך בענטשן מיט דיינע קינדער, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך געפאָלגט!"

און אברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיינע באַדינער, און זיי זיי־נען אַלע געגאַנגען צוריק קיין באר־שבע.

———::———

מעשיות און לעגענדעס

1.

די מענטשן פון סדום און זייערע פירונגען.

די מענטשן פון סדום זיינען געווען זייער שלעכט און זינדיק. איינער ביים אנדערן האָט גע׳גנב׳עט און גערויבט. און אויך די סדומ׳ער ריכטער (שופטים) זיינען ניט געווען בעסער.

איינמאָל איז אליעזר, אברהם׳ס קנעכט, געקומען קיין סדום. זיי־נען דאָרטן אָנגעפאלן אויף אים מענטשן, און זיי האָבן אים צעשלאָגן און פארוואונדעט.

איז אליעזר אַוועק אין געריכט און האָט פארקלאָגט די שלעגער. האָט דער ריכטער צו אים געזאָגט:

— אליעזר, נעם שוין און באצאָל די מענטשן, וואָס האָבן דיר געלאָזט בלוט, ווארים דאָס איז גוט פאר דיין געזונט!...

אַז אליעזר האָט דאָס דערהערט, האָט ער געכאַפּט אַ שטיין, און ער האָט מיט אים פארוואונדעט דעם ריכטער, און האָט געזאָגט צו אים:

— איצט, מיין האַר, באצאָל מיר פאַר דעם, וואָס איך האָב דיר געלאָזט בלוט, וועל איך מיט דעמזעלבן געלט באַצאָלן די מענטשן, וואָס האָבן מיר געלאָזט בלוט!...

* * * *

אין סדום זיינען געשטאַנען פיר בעטלעך אינמיטן גאַס, צוויי קור־צע און צוויי לאַנגע. ווען עס איז געקומען אהין אַ פרעמדער מענטש, האָבן זיי אים געהייסן זיך אַוועקלייגן אויף אַ וואָסער בעטל ער וויל.

האָט זיך דער פרעמדער אוועקגעלייגט אויף א קורץ בעטל, האָט מען אים אונטערגעהאַקט זיינע פיס; האָט ער זיך געלייגט אויף אַ לאַנג בעטל, האָט מען זיינע פיס געצויגן אַזוי לאַנג, ביז מע האָט זיי אַרויסגעריסן.

* * * *

איינמאָל האָט א מיידל דערזען אין גאַס אַן אָרימאַן, וואָס איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון הונגער, אַז ער האָט כמעט ניט געקאָנט א וואָרט אַרויסריידן. האָט זי אים געבראַכט אַביסל עסנוואַרג.

אַז די מענטשן פון סדום זיינען געוואויר געוואָרן דערפון, האָבן זיי גענומען און באַשמירט דעם מיידעל'ס קערפער מיט האָניק און האָבן זי אוועקגעשטעלט אויף אַ דאַך נעבן א בינשטאָק. און די בינען זיינען זי באַפאַלן, און האָבן דאָס מיידל פאַרגיפטעט צום טויט.

* * * *

פלטית, לוט'ס טאָכטער, האָט אמאָל געפונען אין גאַס אַן אָרימאַן, וואָס איז געווען פאַר'חלש'ט פון דורשט, וואָרים קיינער האָט אים קיין טרונק-וואַסער ניט געוואָלט געבן. איז זי געלאָפן און געבראַכט אַביסל וואַסער, און זי האָט דעם אָרימאַן אָפּגעמינטערט.

האָבן די סדום-לייט געכאַפּט לוט'ס טאָכטער און האָבן זי געבראַכט צום ריכטער, האָט דער ריכטער געהייסן זי פאַרברענען.

* * * *

2.

לוט'ס ווייב.

עידית, לוט'ס ווייב, איז אויך געווען זייער א שלעכטע, אַזוי ווי אַלע סדום'ער איינוואוינער.

ווען לוט האָט פאַרבעטן די צוויי מַלאָכים צו זיך אין הויז אַריין, האָט זיין ווייב, עידית, זיך אויף אים צעשריען:

— וואָס פאַר געסט האָסטו מיר געבראַכט? ווער דאַרף זיי, אָט די פרעמדע מענטשן? זאָלן זיי גייען פון וואַנען זיי זיינען געקומען!...

האָט זי לוט מיט גרוים מי איינגעשטילט, און האָט זי געבעטן צו דערלאנגען צום טיש ברויט מיט זאַלץ. האָט עידית געזאָגט, אַז נאָר א שטיקל ברויט קאָן זי זיינע געסט געבן, אָבער קיין זאַלץ האָט זי נישט.

און זי איז אוועק צו אירע שכנה׳ס און געזאָגט:

— לייט מיר אביסל זאַלץ, מיין מאן האָט געבראַכט געסט (אורחים) אין הויז אריין!

זיינען די סדום-לייט געוואויר געוואָרן, אַז ביי לוט׳ן זיינען דאָ פרעמדע מענטשן, און זיי האָבן באלד ארומגערינגלט זיין הויז, און ביי אים געפאָדערט, אז ער זאָל זיי די מענטשן אַרויסגעבן.

און דערפאַר איז זי באַשטראָפט געוואָרן "מדה כנגד מדה", ווען לוט איז אנטלאָפן מיט זיין הויזגעזינט פון סדום, איז פון לוט׳ס ווייב געוואָרן אַ זייל זאַלץ...

* * * *

3.

דער שטן הייסט פּרואוון אברהם׳ן.

ווען יצחק איז אנטוויינט געוואָרן, האָט אברהם געמאַכט א גרויסע סעודה, און ער האָט איינגעלאַדן אַלע זיינע פריינט און די אָנגעזעענע מענטשן פון לאנד.

האָט זיך דער שטן פארשטעלט פאַר אַן אָרימאַן, און איז אויך גע־קומען צו אברהם׳ן אין הויז אַריין.

אברהם איז געווען זייער פארנומען מיט זיינע געסט, און ער האָט אַזוי גיך דעם פרעמדען אָרימאַן ניט באַמערקט.

האָט דער שטן געפונען א געלעגנהייט צו פאַר׳מסר׳ן אברהם׳ן פאַר גאָט, און ער האָט געזאָגט:

— דו זעסט, גאָט, דו באַרימסט זיך מיט אברהם׳ן, אז ער איז דער בעסטער און דער פיינסטער מענטש אין דער וועלט! אָט בין איך גע־קומען צו אים אין הויז אַריין אלס אַן אָרימאַן, און ער האָט זיך אפילו

ניט אומגעקוקט אויף מיר, און מיר ניט געגעבן קיין שטיקל ברויט צו עסן!

האָט גאָט געענטפערט דעם שטן:

— איך קען אברהם׳ן, און איך ווייס, אז ער וועט אפילו דעם גרעסטן קרבן ברענגען צוליב א מצוה! ער וועט אפילו זיין איין־איינ־ציקן זון ניט פארמיידן פון מיר!

האָט דער שטן געזאָגט:

— פרואוו אים אויס, גאָט, מיט אַזאַ מין קרבן, וועסטו זען, אז ער וועט אַזאַ נסיון ניט ביישטיין!

האָט גאָט געזאָגט:

— אויב אזוי, וועל איך דיר שוין ווייזן, וואָס פאר אַ געטרייער דינער אברהם איז צו מיר!...

און גאָט האָט באלד געהייסן אברהם׳ן צו ברענגען יצחק׳ן צו דער עקידה.

* * * *

4.

ישמעאל און יצחק.

שרה האָט געזען, אז ישמעאל פירט זיך אויף זייער שלעכט, פלעג זי אים אלעמאָל אריינרופן צו זיך און אים אויסשטראָפן מיט גוטן:

— הער אויס, ישמעאל, דיין פאָטער אברהם לערנט אַלע מענטשן צו גיין אין גוטן וועג; און דו, זיין זון, פירסט זיך אויף אַזוי שלעכט. עס איז דאָך א זינד פאר גאָט און א בזיון פאר לייט!...

נאָר ישמעאל האָט זיך קיינמאָל צו שרה׳ס רייד ניט געוואָלט צו־הערן.

האָט שרה זייער מורא געהאט, אז איר זון יצחק וועט זיך אָפּ־לערנען פון ישמעאל׳ן און ער וועט אויך אַוועק אויף די שלעכטע וועגן. און זי האָט שטענדיק געזוכט מיטלען, ווי אזוי אָפּצוהיטן יצחק׳ן פון ישמעאל׳ס איינפלוס.

איינמאָל האָבן זיך ישמעאל און יצחק געשפּילט אין פעלד. האָט ישמעאל געכאַפּט דעם פייל-און-בויגן און אָנגעהויבן שיסן אויף יצחק'ן.

— פאַרוואָס שיסטו אויף מיר, דו קאָנסט דאָך מיך טויטן ? — האָט יצחק געשריען.

— דאָס איז דאָך בלויז אַזאַ שפּיל ! — האָט ישמעאל געלאַכט.

אָבער ישמעאל האָט אין דער אמת'ן טאַקע געמיינט צו טויטן יצחק'ן, כדי ער זאָל בלייבן אברהם'ס איינציקער יורש.

אַז שרה האָט דאָס דערהערט, איז זי אַ דערשראָקענע אַוועק צו אברהם'ן און האָט צו אים געזאָגט מיט כעס :

— אברהם, דו זעסט דאָך, אַז ישמעאל איז אַ ווילדער יונג, אַ פּרא־אָדם, און ער וועט נאָך, חלילה, ווען־עס־איז הרג'ענען יצחק'ן ! מער וויל איך אים ביי אונז אין הויז ניט האָבן, טרייב אים אַרויס !

אברהם האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף זיין זון ישמעאל'ן, און ער האָט געפּרוּווט צו פאַרענטפערן אים פאַר שרה'ן.

האָט אים גאָט געזאָגט :

— אברהם, אַלץ וואָס דיין ווייב שרה הייסט דיר, זאָלסטו טאָן !

און דאַמאָלט האָט ער פאַרטריבן הגר'ן מיט איר זון ישמעאל'ן פון הויז.

* * * *

5.

אברהם באַזוכט ישמעאל'ס הויז.

אברהם האָט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ ווייב ישמעאל האָט גענומען, און ווי אַזוי זי פירט דאָס הויז. איז ער איינמאָל אַוועקגעפאָרן אין מדבר פּאָרן, צו דעם אָרט, וואו ישמעאל האָט געוואוינט.

ווען ער איז אָנגעקומען אהין, האָט אים באַגעגנט ישמעאל'ס ווייב אויף דער טיר פון געצעלט.

— וואו איז דיין מאַן? — האָט אברהם געפרעגט.

— מיין מאַן און זיין מוטער זיינען אוועק אין פעלד! — האָט זי געענטפערט.

— גיב מיר א שטיקל ברויט און אַביסל וואַסער, איך בין זייער הונגעריק און דורשטיק פון דעם וועג! — האָט אברהם געבעטן.

— איך האָב ניט קיין ברויט און קיין וואַסער! — האָט ישמעאל׳ס ווייב געענטפערט מיט כעס.

האָט דאָס אברהם׳ן שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט צו איר געזאָגט:

— ווען דיין מאַן וועט קומען, זאָלסטו אים זאָגן, אז דאָ איז געווען אַן אַלטער מאַן פון לאַנד כנען, און ער האָט באַפוילן ארויסצוּוואַרפן די שוועל פון געצעלט, וואָרים זי איז ניט גוט, און אריינשטעלן א נייע שוועל, אַ בעסערע!...

אַז ישמעאל איז געקומען אהיים, האָט אים זיין ווייב אַלץ דערציילט. האָט ער באַלד אוועקגעשיקט זיין ווייב פון הויז, און האָט גענומען אַן אַנדער ווייב.

דריי יאָר שפּעטער איז אברהם ווידער געפאָרן צו ישמעאל׳ן.

ווען ער איז אָנגעקומען אהין, האָט אים באַגעגענט ישמעאל׳ס צווייטע ווייב אויף דער טיר פון געצעלט.

— וואו איז דיין מאַן? — האָט אברהם געפרעגט.

— מיין מאַן און זיין מוטער זיינען אַוועק אין פעלד! — האָט זי געענטפערט — אָבער דו קאָנסט אַריינקומען אין געצעלט, אַלטער מאַן, און איך וועל דיר געבן עפּיס עסן און טרינקען, דו ביזט געוויס הונגעריק און דורשטיק פון וועג!...

אברהם האָט זיך זייער געפרייט. ער האָט איר געדאַנקט פאַר אַלץ און געזאָגט:

— ווען דיין מאַן וועט קומען, זאָלסטו אים זאָגן, אז דאָ איז געווען אַן אַלטער מאַן פון לאַנד כנען, און ער האָט געזאָגט, אַז די נייע שוועל אין געצעלט איז זייער א גוטע, און זי איז א כבוד פאַר אים!...

אַז ישמעאל איז געקומען אהיים, האָט אים זיין ווייב אַלץ דער־ציילט. האָט ער איר געדאַנקט פאַר איר גוט האַרץ און איר געגעבן מתנות.

און ישמעאל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זיין פאָטער אברהם באַזוכט זיין הויז צוויי מאָל. און ער האָט זיך זייער געפרייט.

* * * *

6.

דער שטן אויפן וועג צו דער עקידה.

ווען אברהם האָט געפירט יצחק׳ן צו דער עקידה, האָט זיך דער שטן פאַרשטעלט פאַר אַן׳אַלטן מאַן און האָט אָנגעיאָגט אברהם׳ן אויפ׳ן וועג, און ער האָט אים געפרעגט:

— וואוהין גייסטו דאָס, אברהם?

— כ׳גיי בעטן צו גאָט אויפ׳ן באַרג מוריה! — האָט אברהם גע־ענטפערט.

— אַז דו גייסט בעטן צו גאָט, צו וואָס דאַרפסטו טראָגן מיט זיך האָלץ און פייער און אַ שלאַכטמעסער?

— כ׳וועל דאָרטן ברייננגען אַ קרבן אויך!

— צו וואָס דאַרפסטו מיך נאַרן, ווייס איך דען ניט, אַז דו גייסט ברייננגען דיין זון פאַר אַ קרבן צו גאָט?

— אויב דו ווייסט, צו וואָס פרעגסטו?

— אָט דאָס פרעג איך טאַקע ביי דיר, וואָרום זאָלסטו נעמען אַזאַ טייערן זון, וואָס איז דיר געבוירן געוואָרן צו הונדערט יאָר, און זאָלסט אים אומברייננגען מיט דיינע הענט?

— איך טו דאָס, וואָס גאָט האָט מיר געהייסען! — האָט אברהם געענטפערט — און קיין זאַך אין דער וועלט וועט מיך ניט אָפּהאַלטן פון צו טאָן גאָט׳ס ווילן!...

איז דער שטן אַוועק פון אברהם'ן און האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ יונגען בחור, און איז צוגעקומען צו יצחק'ן און אים געפרעגט:

— וואוהין גייסטו דאָס, יצחק?

— איך גיי מיט מיין טאַטן לערנען תורה! — האָט יצחק געענט־פערט.

— ווען וועסטו דאָס לערנען תורה, נאָכ'ן טויט?

— כ'פאַרשטיי ניט דיין נארישע פראַגע, — וואונדערט זיך יצחק — איך בין נאָך יונג, כ'גיי נאָך ניט שטאַרבן!

— דו פאַרשטייסט ניט, ווייל דו ווייסט ניט דעם אמת! — זאָגט דער שטן — זאָלסט וויסן, אז דאָס פירט דיך דיין טאַטע צו דער שחיטה, ער וועט דיך אויפברייינגען פאַר אַ קרבן צו גאָט!... און וואָס וועט זיין מיט דיין מאַמען, אַז זי וועט זיך דערוויסן דערפון? זי וועט דאָך אַזאַ מין אומגליק ניט קאָנען איבערלעבן? בעסער אַנטלויף, דו נאַריש אינגל, ראַטעווע זיך פון דיין טאַטנס הענט!...

האָט יצחק א טראַכט געטאָן און געענטפערט:

— מיין ערליכער טאַטע טוט קיינמאָל ניט קיין זאַך, וואָס גאָט הייסט אים ניט. און אויב ער גייט איצט אפילו טאָן דאָס, וואָס דו זאָגסט מיר, האָט אים געוויס גאָט אַזוי באַפוילן. און איך וועל זיך ניט שטעלן אַקעגן גאָט און אַקעגן מיין פאָטער!,,,

ווען דער שטן האָט געזען, אז ער קאָן ניט איבעררעדן ניט אברהם'ן און ניט יצחק'ן, איז ער אַוועק און האָט געמאַכט אויפן מיטן וועג אַ גרויסן טייך מיט שטורעמדיקע כוואַליעס.

אברהם האָט זיך אָבער פאַרן טייך אויך ניט אָפּגעשראָקן. ער איז גלייך אַריין אין די טיפע וואַסערן, און ער האָט באַפוילן אויך יצחק'ן און די יונגען, אז זיי זאָלן אים נאָכגיין.

די וואַסערן פון טייך האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו די העלזער; די כוואַליעס האָבן געברויזט און געשטורעמט, און אברהם האָט געזען, אַז אָט־אָט וועלן זיי אַלע דערטרונקן ווערן.

האָט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, און געזאָגט:

— גרויסער גאָט, ווער וועט מקיים זיין דיין געבאָט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, אויב איך מיט מיין זון וועלן אומקומען אין די־דאָזיקע טיפע וואַסערן?

האָט גאָט באלד אָנגעשריען אויפן שטן, און דער טייך איז אויס־געטריקנט געוואָרן.

דאמאָלט איז דער שטן געפאַלן אויף אַן עצה צו מאַכן קלענער די מצווה, און ער איז נאָכגעלאָפן אברהם׳ן, און האָט אים געזאָגט:

— כ׳האָב פאַר דיר אַ גרויסע בשורה, אברהם! כ׳האָב נאָר־וואָס געהערט אַ קול אין הימל, פון הינטערן "כסא־הכבוד", וואָס האָט אויס־גערופן, אז ניט יצחק, נאָר אַ לעמעלע וועט זיין דער קרבן!...

האָט אברהם אים געענטפערט:

— גיי, גיי דיר דיין וועגס! אַ ליגנער, ווען ער זאָגט שוין אפילו אַן אמת, גלויבט מען אים שוין אויך ניט!...

* * * *

7.

דער טראַגישער מאָמענט פון דער עקידה.

אויפן דריטן טאָג־גאַנג האָט אברהם דערזען פאַר זיך אַ באַרג, און אויפן שפּיץ־באַרג איז געשטאַנען אַ זייל פון פייער וואָס האָט דערגרייכט ביזן הימל, און אַ געדיכטער וואָלקן האָט אַרומגעוויקלט דעם באַרג פון אונטן.

האָב אברהם געפרעגט יצחק׳ן:

— זאָג מיר, מיין זון, וואָס זעסטו דאָרטן?

— כ׳זע אַ באַרג, און אַ פייערדיקן זייל אויבן, און אַ געדיכטן וואָלקן אונטן! — האָט יצחק געענטפערט.

— אָט דאָס איז דער באַרג, צו וועלכן מיר גייען! — האָט אברהם געזאָגט.

און אברהם האָט אָפּגעשטעלט די יונגען און געזאָגט צו זיי:

— איר וואַרט דאָ צו מיטן אייזל און איך מיט יצחק'ן וועלן גיין ביז אהין און זיך בוקן, און נאָכדעם וועלן מיר קומען צוריק צו אייך!

אברהם איז ארויף אויפן באַרג. ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט אַ מזבח, און האָט אויף אים אויסגעלעגט דאָס האָלץ און אָוועקגעלייגט דאָס פייער. און יצחק איז געשטאַנען לעבן אים און האָט צוגעקוקט, וואָס זיין פאָטער טוט, און ער האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען אצינד.

און דאמאָלט האָט ער מיט א ווייכן און בעטענדיקן קול געזאָגט:

— כ'בעט דיך, טייערער טאַטע, בינד מיר מיינע הענט און מיינע פיס אַזוי שטאַרק, אז כ'זאָל זיך ניט קאָנען אַ ריר טאָן! עס קאָן דאָך טרעפן, אַז כ'זאָל זיך פּלוצים דערשרעקן, דערזעענדיק דעם שאַרפן חלף (שלאַכטמעסער) איבער מיין האַלז, און כ'זאָל זיך ניט לאָזן שעכטן.

האָט אברהם א קוק געטאָן מיט גרויס ליבע און רחמנות אויף יצחק'ן, און ער האָט געטאָן אַזוי ווי יצחק האָט אים געבעטן.

אברהם האָט אויפגעהויבן יצחק'ן, א שטאַרק געבונדענעם, האָט אים אַרויפגעלייגט אויפן האָלץ פון מזבח, האָט אַרויסגענומען דאָס שלאַכטמעסער און ער האָט עס גוט באַקוקט, צי עס איז גענוג שאַרף. פון אברהם'ס אויגן האָבן זיך הייסע טרערן געגאָסן, זיין האַרץ האָט אים וויי געטאָן אויף זיין איינציקן ליבן זון. ער האָט אַריינגעקוקט אין יצחק'ס אויגן און האָט געזען, אז זיינע בליקן זיינען געווענדט אַרויף צו די הימלען, און ער אַליין ליגט שטיל, רוהיק און געהאָרכזאַם.

און... אברהם האָט אויפגעהויבן דעם חלף איבער יצחק'ס האַלז.

אין יענעם מאָמענט האָבן זיך אַלע מלאָכים אין די הימלען צו־נויפגעזאַמלט און זיי האָבן אָנגעהויבן צו וויינען, און זייערע טרערן זיינען אַראָפּגעפאַלן אויפן מזבח.

און די מלאָכים האָבן אויסגעשריען צו גאָט:

— רבונו־של־עולם! דו האָסט דאָך געשוואָרן אברהם'ן, אַז זיינע קינדער וועלן זיין אַזויפיל, ווי די שטערן אין הימל; וואָס וועט זיין מיט דיין שבועה?...

האָט זיך באַלד דערהערט אַ שטים פון אויבן:

— אברהם! אברהם! זאָלסט ניט אויסשטרעקן דיין האַנט אויפן אינגל!

— ווער ביזטו, וואָס האָסט מיך גערופן? — האָט אברהם געפרעגט.

— איך בין אַ מלאך פון גאָט! — האָט די שטים געענטפערט.

— ניין, כ'וועל ניט אַראָפּנעמען דעם חלף פון מיין זונ'ס האַלז, ביז גאָט אַליין וועט מיר ניט הייסן! — האָט אברהם אויסגעשריען — גאָט אַליין האָט מיר באַפוילן צו מקריב זיין יצחק'ן, און נאָר ער אַליין קאָן מיר באַפוילן צו לאָזן אים לעבן!...

האָט די שטים פון אויבן ווידער אַמאָל אויסגערופן:

— דאָס האָט גאָט אַליין באַפוילן! זאָלסט דעם אינגל גאָרניט טאָן! דאָס האָט דיך גאָט נאָר געוואָלט פּרואוון, אָבער ער וויל ניט קיין מענטשן-קרבנות!...

און אברהם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט דערזען פון וויטן דעם ווידער (רעם, באַראַן), וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט זיינע הערנער צווישן די צווייגן, און ער האָט אים גענומען און אויפגעבראַכט פאַר אַ קרבן אַנשטאָט יצחק'ן.

* * * *

8.

די הערנער פון דעם ווידער

ווען אברהם האָט אויפגעבראַכט דעם ווידער פאַר אַ קרבן, האָט ער געבעטן צו גאָט:

— זע, דו אַלמעכטיקער גאָט! כ'האָב ניט פאַרמיטן פון דיר מיין איינציקן זון, וואָס איז ביי מיר טייערער פון מיין לעבן, און דו האָסט זיך אויף אים דערבאַרעמט, בעט איך דיך דערום, אַז דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען אויך אויף יצחק'ס קינדער, ווען זיי וועלן זיך אַמאָל פאַרזינדיקן אַקעגן דיר!...

האָט אים גאָט געענטפערט:

— יאָ, כ'וויס, אברהם, אז יצחק'ס קינדער וועלן אמאָל זינדיקן, זיי זיינען דאָך ניט מער ווי מענטשן פון פלייש און בלוט (בשר ודם); נאָר אין יעדן אָנהויב פון יאָר, ראש השנה, ווען זיי וועלן חרטה האָבן אויף זייערע זינד, און זיי וועלן בעטן צו מיר, און זיי וועלן בלאָזן מיט אַ האָרן פון אַ ווידער, (קרן-איל, שופר), וועל איך זיך דערמאָנען אין דער עקידה און וועל זיי די זינד פאַרגעבן!...

האָט אברהם גענומען די הערנער פון דעם ווידער און האָט זיי באַטראַכט, ווי אַזוי זיינע קינדער וועלן אַמאָל מאַכן פון זיי שופרות.

און דאַמאָלט האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— האָסטו געזען, אברהם, ווי אַזוי אָט דידאָזיקע הערנער האָבן זיך אריינגעדרייט אין די צווייגן? — אָט אזוי וועלן זיך אמאָל דיינע קינדער אריינדרייען אין פיל גלות'ן צווישן אסך פעלקער און לענדער, און עס וועט זיי זיין שווער צו באפרייען זיך, ביז עס וועט קומען דער גליקליכער טאָג, ווען איך אליין וועל בלאָזן מיט דעם שופר-פון-פריי-הייט אַזוי הויך, אַז אלע פאַרשטויסענע אידן אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט וועלן דערהערן, און זיי וועלן זיך אומקערן אויסגעלייזטע אין זייער אייגן לאנד!...

און אברהם האָט גענומען און האָט געמאַכט פון די צוויי הערנער צוויי שופרות. פון דעם לינקן האָרן האָט ער געמאַכט דעם שופר, מיט וועלכן מ'האָט געבלאָזן אויפן בארג סיני בשעת די אידן האָבן גענומען די תורה. און פון דעם רעכטן האָרן האָט ער געמאַכט דעם שופר, מיט וועלכן גאָט אליין וועט בלאָזן, ווען ער וועט שיקן זיין משיח אויס-צולייזן די אידן פון גלות.

און דערדאָזיקער "שופר של משיח" ליגט נאָך באַהאַלטן ביז ס'וועט קומען דער גליקליכער טאָג פון דער גאולה!...

——————::——————

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

איה שרה אשתך? (וואו איז שרה, דיין ווייב?).

היפלא מאדוני דבר? (איז דען עפּיס פאַרמיטן פון גאָט?):
אַנשטאָט: איז דען ביי גאָט פאַראַן אַן אוממעגליכע זאַך?

הכצעקתה... (אויב אַזוי ווי דאָס געשריי):
"לאָמיר נאָר געוואויר ווערן הכצעקתה..." (אויב ס'איז אמת, וואָס דער געשריי איז...)

השופט כל הארץ לא יעשה משפט? (דער וואָס משפּט די גאַנצע וועלט, זאָל אליין ניט טאָן ריכטיק?).

סדום...:
מיט דעם נאָמען רופט מען יעדע שטאָט, וואָס זי פאַרמאָגט אַסך שלעכטע מענטשן.

ואנוכי עפר ואפר (און איך בין שטויב און אַש).

האחד בא לגור וישפוט שפוט! (דער איינער איז געקומען אַהער צו וואוינען, און ער וויל שוין ווערן אַ ריכטער!):
ווען אַ פרעמדער קומט ערגיץ צו זאָגן אַ דעה.

——::——

סדרה

חיי־שרה

(שרה׳ס לעבן)

שרה שטארבט און אברהם קויפט אַ קבר פאַר איר.

שרה האָט געלעבט הונדערט און זיבן־און־צוואנציק יאָר. זי איז געשטאָרבן אין קרית־ארבע, דאָס איז חברון, אין לאנד כנען. און אברהם האָט באוויינט און באקלאָגט שרה׳ן.

און ער איז געגאנגען צו די קינדער פון חת און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— איך בין אַ פרעמדער, אָבער איך בין שוין אַן אַלטער איינוואוינער ביי אייך, גיט מיר אַ קבר־אייגענטום צו באַגראָבן מיין טויטן (מת).

האָבן די קינדער פון חת געענטפערט אברהם׳ן:

— הער אונז צו, גרויסער האַר, דו ביזט אַ געטליכער פירשט צווישן אונז; אין דעם בעסטן פון אונזערע קברים קאָנסטו באַגראָבן דיין מת, קיינער פון אונז וועט דיר ניט אָפּזאָגן אין דעם.

האָט אברהם זיך געבוקט פאַר זיי און געזאָגט:

— הערט מיך צו, אויב אייער גוטער ווילן איז, אז איך זאָל באַגראָבן מיין מת, בעט פאַר מיר ביי עפרון, צוחר׳ס זון, ער זאָל מיר געבן זיין הייל פון מכפלה, וואָס אין עק פון זיין פעלד, און איך וועל אים באַצאָלן דעם פולן פרייז.

עפרון איז אויך דאמאָלט געזעסן צווישן די קינדער פון חת. און ער האָט געענטפערט אברהם'ן:

— ניין, מיין האַר! דאָס פעלד שענק איך דיר, און אויך די הייל וואָס זי איז דאָרטן דאָ. נעם און באַגראָב דיין מת!

האָט אברהם זיך געבוקט פאַר אַלע און האָט געזאָגט צו עפרונ'ען:

— עס וואָלט גוט געווען, ווען דו זאָלסט מיך צוהערן! כ'גיב דיר דאָס געלט פאַרן פעלד, נעם עס צו פון מיר!

האָט עפרון געענטפערט:

— הער מיך צו, מיין האַר! אַ לאַנד אין ווערט פון פיר הונ־דערט זילבער־שקלים, וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס צווישן מיר און צווישן דיר? נעם עס און באַגראָב דיין מת!

האָט אברהם געהערט, וואָס עפרון האָט געזאָגט, און ער האָט אָפּגעוואויגן פיר הונדערט גאַנגבאַרע זילבער־שקלים צו עפרונ'ען, און ער האָט אָפּגעקויפט ביי אים דאָס פעלד מיט דער הייל און מיט אַלע ביימער.

און אברהם האָט דאָרטן באַגראָבן זיין ווייב שרה'ן. יענער פּלאַץ ווערט גערופן "מערת המכפלה", די הייל פון מכפלה, ביז היינטיקן טאָג.

* * * *

אברהם שיקט זיין קנעכט צו נעמען אַ ווייב פאַר יצחק'ן.

אברהם איז געוואָרן אַלט, און גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַלצדינג.

האָט אברהם געזאָגט צו זיין קנעכט אליעזר:

— איך באַשווער דיך ביי גאָט, אַז דו זאָלסט ניט נעמען קיין ווייב פאַר מיין זון יצחק'ן פון די כנעני'שע טעכטער; נאָר דו זאָלסט גיין צו מיין געבורטס־לאַנד און דאָרטן נעמען אַ ווייב פאַר אים.

האָט אליעזר געפרעגט אברהם'ן:

— טאָמער וועט די פרוי פון דיין געבורטס־לאַנד ניט וועלן גיין

מיט מיר אַהער אין דעמדאָזיקן לאַנד? צי מעג איך אומקערן דיין זון צום לאַנד, פון וואַנען דו ביזט אַרויסגעגאַנגען?

האָט אברהם געענטפערט:

— היט זיך, זאָלסט ניט אומקערן מיין זון אהין! דער גאָט, וואָס האָט מיך ארויסגענומען פון מיין פאָטער'ס הויז און פון מיין געבורטס־לאַנד, און האָט מיר געשוואָרן, אַז ער וועט געבן דאָסדאָזיקע לאַנד כנען צו מיינע קינדער, — ער וועט שיקן זיין מלאך פאר דיר און דו וועסט נעמען אַ ווייב פאר מיין זון פון דאָרטן. און אויב די פרוי וועט ניט וועלן גיין מיט דיר אַהער, וועסטו זיין פריי פון מיין שבועה; נאָר מיין זון זאָלסטו אהין ניט אומקערן!

און אליעזר האָט געשוואָרן צו אברהם'ן, און ער האָט גענומען צען קעמלען און פון אלעם בעסטן פון זיין האַר'ס הויז, און ער איז אַוועקגעגאַנגען קיין חרן, אין ארם־נהרים.

* * * *

אליעזר טרעפט רבקה'ן ביים ברונעם.

אליעזר איז אָנגעקומען צו דער שטאָט פאַרנאַכט, אין דער צייט ווען די שעפערינס גייען ארויס צום ברונעם אָנשעפּן וואַסער, ווי ס'איז דער מנהג אין יענע לענדער.

האָט ער געמאַכט קניען די קעמלען ביים ברונען, און ער האָט געבעטן צו גאָט:

— גאָט פון מיין האַר אברהם, טו חסד מיט מיין האַר און באַשער מיר היינט וואָס איך דאַרף! אָט שטיי איך ביים קוואַל וואַסער, און די טעכטער פון די שטאָטלייט קומען אַרויס אַהער צו שעפּן וואַסער. וועט זיין אַזוי, אַז איך וועל זאָגן צו אַ מיידל: "בייג אָן דיין קרוג, און לאָמיך טרינקען!" וועט זי מיר ענטפערן: "טרינק, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען!" — איז אַ סימן, אַז זי האָסטו באַשערט פאַר דיין קנעכט יצחק'ן, און דורך איר וועל איך וויסן, אַז דו האָסט געטאָן חסד מיט מיין האַר!

און נאָך איידער אליעזר האָט געענדיקט צו רעדן, איז אָנגעקומען רבקה מיט איר קרוג אויף איר אקסל. רבקה איז געווען די טאָכטער פון בתואל, דער זון פון מלכה און נחור, אברהם׳ס ברודער. און זי איז געווען זייער א שיינע.

און אַזוי ווי רבקה איז אַראָפּ צום קוואַל און האָט אָנגעפילט איר קרוג, איז אליעזר איר געלאָפן אנטקעגן און האָט געזאָגט:

— לאָז מיך, איך בעט דיך, א זופּ טאָן אביסל וואסער פון דיין קרוג!

האָט רבקה געענטפערט:

— טרינק, מיין האר!

און זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר קרוג, און האָט אים געגעבן טרינקען.

און אַז ער האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט זי געזאָגט צו אים:

— אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען, וויפיל נאָר זיי ווילן!

און זי איז געלאָפן און האָט אָנגעשעפּט וואסער פאר אַלע זיינע קעמלען.

אליעזר איז געשטאַנען שוויינענדיק און האָט צוגעקוקט פאר־וואונדערט, צו ווימן אויב גאָט האָט באגליקט זיין וועג אָדער ניט. און אַז די קעמלען האָבן געענדיקט טרינקען, האָט אליעזר ארויסגענומען א גאָלדענעם נאָזרינג און צוויי אָרעמבענדער, און ער האָט זי געפרעגט:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וועמעס טאָכטער ביזטו? און צי איז פאַראַן אין דיין פאָטער׳ס הויז אַן אָרט פאר אונז צום נעכטיקן?

האָט רבקה געענטפערט:

— איך בין די טאָכטער פון בתואל, דעם זון פון מלכה, וואָס זי האָט געבוירן צו נחור׳ן! און ביי אונז איז פאַראַן גענוג עסנוואַרג פאר די בהמות און אויך אַן אָרט צו נעכטיקן!

האָט אליעזר איר געגעבן די מתנות, האָט זיך געבוקט צו גאָט און האָט געזאָגט:

— געלויבט איז דער גאָט פון מיין האַר אברהם'ן, וואָס האָט ניט פאַרלאָזט זיין חסד און זיין אמת, און ער האָט מיך געפירט אויף דעם וועג צום הויז פון מיין האַר'ס קרובים!

* * * *

אליעזר אין בתואל'ס הויז.

רבקה איז באַלד געלאָפן אַהיים און זי האָט דאָרטן אַלצדינג דער־ציילט.

און רבקה האָט געהאַט אַ ברודער מיטן נאָמען לבן. און ווען לבן האָט דערהערט וואָס רבקה האָט דערציילט, און ער האָט דערזען די צירונג אויף זיין שוועסטער, איז ער געלאָפן צו אליעזר'ן, צום ברונעם, און ער האָט צו אים געזאָגט:

— קום, געבענטשטער פון גאָט, פאַרוואָס שטייסטו אין דרויסן? איך האָב דאָך אויפגעראַמט דאָס הויז און אויך געמאַכט אַן אָרט פאַר די קעמלען!

אליעזר איז אריינגעקומען אין הויז אַריין. און לבן האָט באַלד אָפּגעבונדן די קעמלען און ער האָט זיי געגעבן שטרוי און פוטער צו עסן, און אויך וואַסער פאַר אליעזר'ן מיט זיינע מענטשן צו וואַשן זיי־ערע פיס. און מע האָט דערלאַנגט עסן פאַר אליעזר'ן.

אָבער אליעזר האָט געזאָגט:

— איך וועל ניט עסן ביז איך וועל רעדן, וואָס איך האָב נויטיג צו רעדן!

און אליעזר האָט דערציילט ווער ער איז און צוליב וואָס ער איז געקומען, און ער האָט געפרעגט:

— אַצינד, זאָגט מיר, צי ווילט איר טאָן חסד מיט מיין האַר און געבן רבקה'ן פאַר א ווייב צו יצחק'ן, אָדער ניט?

האָבן לבן און בתואל געענטפערט:

— עס איז א באַשערטע זאַך פון גאָט, און מיר קאָנען ניט זאָגן

אַנדערש! אַט איז רבקה פאַר דיר, נעם זי און זאָל זי זיין אַ ווייב צו דיין האַר'ס זון, ווי גאָט האָט געוואָלט!

האָט אליעזר ארויסגענומען זילבערנע און גאָלדענע כלים און גע־געבן מתנות צו רבקה'ן, און אויך צו איר ברודער און מוטער האָט ער געגעבן מתנות.

און אַלע האָבן געגעסן און געטרונקען, און אליעזר מיט זיינע מענטשן האָבן דאָרטן איבערגענעכטיקט.

אינדערפרי איז אליעזר אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— איצט מוז איך זיך אומקערן צוריק צו מיין האַר.

האָבן לבן און די מוטער געזאָגט, אַז זיי ווילן נאָך פאַרהאַלטן רבקה'ן ביי זיך אַ שטיקל צייט.

נאָר אליעזר האָט ניט געוואָלט וואַרטן און ער האָט געענטפערט:

— האַלט מיך ניט אויף! אַז גאָט האָט באַגליקט מיין וועג, לאָמיך גיין צו מיין האַר!

האָבן זיי געזאָגט:

— לאָמיר רופן דאָס מיידל און זי אַליין פרעגן!

און זיי האָבן גערופן רבקה'ן און זי געפרעגט:

— ווילסטו גיין מיט דעמדאָזיקן מאַן?

האָט זי געזאָגט:

— יאָ, איך וויל גיין!

האָבן זיי אַרויסבאַגלייט רבקה'ן און איר אַם, און זיי האָבן זי גע־בענטשט.

* * * *

יצחק האָט חתונה מיט רבקה'ן.

פאַרנאַכט, ווען יצחק איז אַרויסגעגאַנגען זיך דורכצוגיין אביסל אין פעלד, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט דערזען פון וייטן, אַז קעמלען קומען אָן.

און רבקה האָט אויך אויפגעהויבן אירע אויגן און האָט דערזען

פון ווייטן א מאן, אַנקומענדיק אַקעגן. האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פונם קעמל, און זי האָט געפרעגט אליעזר׳ן:

— ווער איז אָט יענער מאַן, וואָס גייט אין פעלד אַקעגן אונז?

האָט אליעזר געענטפערט:

— דאָס איז מיין האַר, יצחק!

האָט זיך רבקה פאַרדעקט איר פנים מיט דעם שלייער.

אליעזר האָט דערציילט יצחק׳ן אלצדינג, וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן. און יצחק האָט אריינגעבראכט רבקה׳ן אין זיין מוטער שרה׳ס געצעלט, און ער האָט גענומען רבקה׳ן פאַר אַ ווייב און האָט זי שטאַרק ליב געהאַט.

אברהם האָט אַוועקגעגעבן יצחק׳ן זיין גאַנץ פאַרמעגן, און צו ישמעאל׳ן און צו זיינע אַנדערע קינדער האָט ער געגעבן מתנות.

און אברהם איז געשטאָרבן אין עלטער פון הונדערט און פינף־און זיבעציק יאָר. און יצחק מיט ישמעאל׳ן האָבן אים באַגראָבן אין דער "מערת המכפלה", אין פעלד פון עפרון, וואָס אברהם האָט אָפּ־געקויפט.

מעשיות און לעגענדעס

1.

שרה׳ס טויט.

בשעת אברהם האָט געבונדן יצחק׳ן און האָט אים אַרויפגעלעגט אויפן מזבח, האָט זיך דער שטן פאַרשטעלט אין יצחק׳ס געשטאַלט, און ער איז אַוועקגעלאָפן צו שרה׳ן אַ שטאַרק איבערגעשראָקענער.

אַז שרה האָט אים דערזען, האָט זי אַ פאַרציטערטע געפרעגט:

— וואָס איז דאָרטן געשען מיט דיר, זון מיינער?

האָט דער שטן מיט אַ וויינענדיקער שטים געענטפערט:

— אוי, מאַמע, דו ווייסט גאָרניט, וואָס דער טאַטע האָט געטאָן! ער האָט מיך גענומען און אַרויפגעפירט אויף אַ הויכן באַרג, דאָרט האָט ער אויסגעבויט אַ מזבח און ער האָט אַרויפגעלייגט האָלץ און פייער, נאָכדעם האָט ער מיך געבונדן און האָט געכאַפּט דאָס שלאַכטמעסער און געוואָלט מיך קוילען. און ווען גאָט זאָל ניט געווען אַ געשריי טאָן צו אים: "שטרעק ניט אויס דיין האַנט צום אינגל!", וואָלט איך שוין איצט געווען טויט...

און נאָך איידער דער שטן האָט געענדיקט, איז שרה פון גרויס שרעק אומגעפאַלן און איז געשטאָרבן.

* * * *

2.

"אַ רויז צווישן דערנער"

רבקה, בתואל׳ס טאָכטער, איז געווען זייער אַ שיינע און אַ גוטהערציקע, און איטליכער האָט זי ליב געהאַט.

אַז זי איז עלטער געוואָרן און האָט שוין אָנגעהויבן קומען צווישן מענטשן, זיינען איר זייערע פירונגען ניט געפעלן געוואָרן. איבער־

הויפט האָט זי ניט געקאָנט דערליידן די שלעכטע מעשים פון איר אייגענעם פאָטער און פון איר ברודער לבן. זי האָט ניט געקאָנט צוזען דאָס אכזריות און פאַלשקייט, וואָס זיי האָבן געטאָן צו אַנדערע מענטשן.

רבקה האָט שטענדיג רחמנות געהאַט אויף אָרימע און געדריקטע מענטשן, און זי פלעג זיי העלפן מיט וואָס נאָר זי האָט געקאָנט.

אַז איר פאָטער האָט איר געגעבן דינסטן, זיי זאָלן זי באַדינען, ווי דער שטייגער איז דאַמאָלט געווען, האָט רבקה זיך ניט געוואָלט באַניצן מיט די דינסטן, און זי האָט זיי געלאָזט פריי.

— איטליכער מענטש דאַרף אַליין אַרבעטן פאַר זיך, און מע טאָר ניט לאָזן, אַז עמיצער אַנדערש זאָל באַדינען! — האָט רבקה געזאָגט.

און זי האָט שטענדיג אַליין געבאַקן און געקאָכט און געפיטערט אירע שאָף, אָן קיין שום פרעמדע הילף.

און ווען זי פלעג אַרויסגיין אין שטאָט און דערזען, ווי די דאַרפטיקע מענטשן נאַרן איינער דעם אַנדערן, און ווי זיי קריגן זיך און שלאָגן זיך, האָט דאָס איר שטאַרק וויי געטאָן און זי האָט באַשיצט די באַליידיקטע.

און דערפאַר האָט רבקה וואָס אַמאָל מער פיינט באַקומען די פאַרדאָרבענע שטאָט און איר פאָטער'ס הויז, און זי האָט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל זי אַרויסראַטעווען פון דאָרטן.

און גאָט האָט צוגעשיקט אליעזר'ן קיין חרן, און ער האָט זי פון דאָרט אַרויסגענומען, ווי מ'נעמט אַרויס אַ רויז פון צווישן דערנער...

* * * *

ווי אליעזר האָט באַגעגנט רבקה'ן.

אליעזר, אברהם'ס קנעכט, איז אָנגעקומען צום ברונעם אין דער צייט, ווען אַלע מיידלאך פון שטאָט גייען אַרויס אָנשעפּן וואַסער.

האָט אליעזר דערזען, ווי אַ קינד איז אומגעפאַלן און האָט זיך פאַרוואונדעט א פיסל, און עס האָט זיך שטאַרק צעוויינט. נאָר קיין איינע פון די שעפּערינס האָט זיך אויפן קינד ניט אומגעקוקט און אַלע זיינען זיך אַוועק זייער וועגס.

און אַט איז איינע, די שענסטע צווישן די שעפּערינס, אַנגעקומען צום ברונעם. און ווי זי האָט נאָר דערזען דאָס וויינענדיקע קינד, איז זי באַלד צוגעלאָפן צו דעם און האָט אַ פרעג געטאָן מיט צערטליכקייט:

— וואָס איז געשען? פאַרוואָס וויינסטו, קינד?

— כ׳בין געפאַלן און זיך פאַרוואונדעט אַ פיסל! — ענטפערט דאָס קינד.

האָט דאָס מיידל באַלד געכאַפּט וואַסער און האָט אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון פיסל, און זי האָט אַראָפּגענומען איר טיכל פון קאָפּ און האָט פאַרבונדן די וואונד, און דאָס קינד האָט זיך באַרוהיקט.

און אַזוי ווי זי איז נאָר אַוועק פונם קינד, האָט זי דערזען, ווי אַן אַלטע פרוי, אַ בלינדע, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, זוכט דעם וועג און קאָן ניט געפינען.

איז דאָס מיידל צוגעלאָפן צו דער פרוי, האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געפרעגט:

— וואוהין גייסטו, ליבע פרוי? זאָג מיר, וועל איך דיך אָפּפירן אַהין!

דאָס מיידל האָט אָפּגעפירט די אַלטע בלינדע פרוי אַהיים, און זי איז צוריקגעקומען צום ברונעם זייער אַ מידע, און זי האָט זיך אַוועק־געזעצט אָפּרוען.

דערווייל האָט זי דערזען אליעזר׳ן, אָנקומענדיק איר אַקעגן. האָט זי זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט געזאָגט:

— איך זע, אַלטער מאַן, אַז דו קומסט נאָרוואָס אָן פון וועג, און דו ביזט געווים מיד און דורשטיק. אפשר ווילסטו אַ קאַלטן טרונק־וואַסער צו דערפרישן זיך?

און, ניט וואַרטענדיק אפילו אויף זיין ענטפער, האָט זי געכאַפּט איר קרוג, האָט אָנגעשעפּט וואַסער און זי האָט באַלד אָנגעטרונקען אליעזר׳ן און אויך זיינע קעמלען.

אליעזר האָט איר זייער געדאַנקט, און ער האָט געזאָגט:

— געבענטשט זאָלסטו זיין צו גאָט, טייערע מיידל; נאָר אַזאַ גוטע און ערליכע ווי דו, איז ווערט צו זיין די פרוי פון מיין האַר׳ס זון!...

* * * *

4.

בתואל וויל טויטן אליעזר'ן.

ווען אליעזר איז געקומען צו בתואל'ן אין הויז אַריין, און בתואל האָט דערזען, וואָס פאַר אַ רייכטום אליעזר פירט מיט זיך, האָט ער באַלד באַטראַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו הרג'ענען אליעזר'ן און צונעמען ביי אים זיין גאַנץ פאַרמעגן.

בתואל האָט פאַרבעטן אליעזר'ן צום טיש, ער האָט אַוועקגע־שטעלט פאַר אים אַסך עסענוואַרג, און ער האָט אַריינגעטאָן גיפט (סם) אין אליעזר'ס טעלער, און ער האָט געוואַרט, אַז אליעזר זאָל שוין אָפּ־עסן און וואָס גיכער שטאַרבן פונם גיפט.

אליעזר האָט זיך אָבער ניט געאיילט צום עסן, און ער האָט גע־זאָגט:

— איך וועל ניט עסן ביז איך וועל ניט רעדן מיט אייך וועגן דער זאַך, צוליב וועלכער איך בין אַהער געקומען!

און בשעת אליעזר האָט געהאַלטן אין רעדן, האָט דער מלאך, וואָס האָט באַגלייט אברהם'ס קנעכט אויף זיין וועג, גענומען און איבער־געדרייט די טעלער אויפן טיש אַזוי, אַז אליעזר'ס טעלער האָט ער אַוועקגעשטעלט פאַר בתואל'ן און בתואל'ס טעלער פאַר אליעזר'ן.

אליעזר האָט געענדיקט זיין שמועס און בתואל און זיין פאַמיליע האָבן אַלע מסכים געווען אויף דעם שידוך צווישן רבקה'ן און יצחק'ן. נאָכדעם האָט אליעזר געגעבן מתנות צו דער כלה, צו איר ברודער לבן און אויך צו איר מוטער. און אַלע אַרום טיש האָבן געגעסן און גע־טרונקען און זיך געפרייט.

פּלוצלינג האָט זיך בתואל אָנגעכאַפּט ביים בויך, און ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו שרייען:

— אוי, ס'איז מיר ניט גוט, איך האָב באַקומען שרעקליכע ווייטאָגן אין מאָגן!...

און נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז בתואל געשטאָרבן פון דעם סם, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאר אליעזר'ן.

אויפן צווייטן טאָג, גאַנץ פרי, האָט דער מלאך געזאָגט צו אליעזר'ן:

— פארזאם זיך דאָ ניט, אליעזר! נעם ארויס רבקה'ן פון דאַנען און קער זיך אום גיך אהיים, צו דיין האר, בשלום!...

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

גר (אַ פרעמדער; אַ נייער איינוואוינער):
"איך בין א גר אין לאנד." "גר" הייסט אויך אַ גוי, וואָס איז געוואָרן א איד. (זיך מגייר געווען).

תושב (אַן אַלטער איינוואוינער).

באָ בימים (געקומען אין די יאָרן):
"ער איז שוין א באָ בימים" (אַ באַטאָגטער מאַן).

מאדוני יצאָ הדבר (פון גאָט איז אַרויסגעגאַנגען די זאַך):
אָנשטאָט: "ס'איז א באַשערטע זאַך; אַ גאָט'ס זאַך".

נקראָ לנערה ונשאלה את פיה (לאָמיר רופן דאָס מיידל און זי פרעגן.

סדרה

תולדות

(די געשיכטע)

יעקב און עשו

דאָס איז די געשיכטע פון יצחק'ן, אברהם'ס זון.

יצחק איז אַלט געווען פערציק יאָר, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט רבקה'ן.

און רבקה איז געווען אַן עקרה, זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

האָט יצחק געבעטן צו גאָט פאַר איר, און גאָט האָט אים צוגע־הערט, און רבקה איז געוואָרן טראָגעדיק.

און די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר. זי האָט געליטן גרוי־סע ווייטאָגן. און זי האָט געזאָגט:

— אויב דער ווייטאָג איז אַזוי גרויס, צו וואָס טויג מיר מיין לעבן?

און זי איז געגאַנגען פרעגן ביי די נביאים פון גאָט. האָט איר גאָט געזאָגט דורך זיינע שלוחים:

— צוויי נאַציאָנען (אומות) זיינען אין דיין לייב, צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיין אינגעווייד צעשיידן, און איין פאָלק וועט זיך שטאַרקן אויפן צווייטן, און דער עלטערער וועט דינען דעם אינגערן!

און רבקה האָט געבוירן אַ צווילינג. דער ערשטער איז אַרויס־געקומען אַ רויטער, אינגאַנצן באַדעקט מיט האָר, ווי אַ האָריקער מאַנטל, און מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן עשו (אין אַראַביש: אַ האָריקער). און נאָכדעם איז אַרויסגעקומען זיין ברודער, און זיין

האנט האָט אָנגעהאלטן דעם טריט פון עשו'ן, און מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן יעקב (אין העברעאיש איז אַ טריט: עקב).

יצחק איז אַלט געווען זעכציק יאָר ביי זייער געבוירן ווערן.

און אַז די אינגלאך זיינען אויפגעוואַקסן, איז עשו געווען אַ יע־גער, א פעלד־מענטש, און יעקב איז געווען א שטילער מענטש, אַן אָרנטליכער, וואָס זיצט אין די געצעלטן.

האָט יצחק ליב געהאַט עשו'ן, ווייל ער פלעגט ברייננען געפאַנג פון פעלד און אים געבן צו עסן; און רבקה האָט ליב געהאַט יעקב'ן.

האָט איינמאָל יעקב געקאָכט אַ געקעכץ פון רויטע לינדזן, און עשו איז אָנגעקומען פון פעלד א מידער און א הונגעריקער.

האָט עשו געזאָגט צו יעקב'ן:

— לאָז מיך זיך אָנזופן, איך בעט דיך, פון דעמדאָזיקן רויטן מאכל! (דערפאַר האָט מען אים גערופן "אֶדום"! אין העברעאיש: רויט).

האָט יעקב צו אים געזאָגט:

— פאַרקויף מיר דיין בכורה! (די רעכט פון אַן ערשטגעבוירע־נעם, אַ בכור).

האָט עשו געענטפערט:

— איך וועל זי דיר פארקויפן! צו וואָס דאַרף איך די בכורה? סאַי־ווי בין איך יעדן טאָג אין סכנה צו שטאַרבן, ווען איך גיי אויף יאגד!

האָט יעקב געזאָגט:

— שווער מיר איצט דערויף!

האָט עשו אים געשוואָרן, און ער האָט פאַרקויפט יעקב'ן זיין בכורה. האָט יעקב אים געגעבן ברויט און געקעכץ פון לינדזן, און עשו האָט געגעסן און געטרונקען.

און אַט אַזוי האָט עשו מבזה געווען (פאַרשעמט) די בכורה.

* * * *

יצחק אין לאנד פון די פלשתים.

און עס איז געוואָרען אַ הונגער אין לאַנד, איז יצחק אַוועק צו אבימלך'ן, דעם קעניג פון די פלישתים, קיין גרר.

און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים און האָט געזאָגט:

— וואוין אין דעמדאָזיקן לאַנד, און איך וועל זיין מיט דיר און וועל דיך בענטשן. צו דיינע קינדער וועל איך געבן דידאָזיקע לענ־דער, ווי איך האָב געשוואָרן צו דיין פאָטער אברהם'ן, דערפאַר וואָס ער האָט געהיט מיין געבאָט, מיינע געזעצן און מיינע לערנונגען.

און ווען יצחק האָט זיך באַזעצט אין גרר, האָבן אים די מענטשן פון דער שטאָט געפרעגט וועגן זיין ווייב רבקה, האָט ער זיי געזאָגט, אַז זי איז זיין שוועסטער. וואָרים רבקה איז געווען זייער אַ שיינע, האָט יצחק מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי אים הרג'ענען איבער איר.

ווען אבימלך דער קעניג איז שפּעטער געוואויר געוואָרן, אַז רבקה איז יצחק'ס ווייב, האָט ער אים גערופן און האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז זי איז דיין שוועסטער?

האָט יצחק געענטפערט:

— איך האָב מורא געהאַט פאַר די מענטשן פון דער שטאָט!

אַז אבימלך האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַפוילן צום גאַנצן פאָלק, אַז ווער עס וועט אָנרירן יצחק'ן אָדער זיין ווייב, וועט געטויט ווערן.

און יצחק איז געבליבן וואוינען אין יענעם לאַנד, און גאָט האָט אים געבענטשט, און ער איז דאָרטן געוואָרן זייער רייך.

האָבן די פלישתים אים מקנא געווען, און זיי האָבן פאַרשטאָפּט די אַלע ברונעמער, וואָס זיין פאָטער'ס קנעכט האָבן אמאָל אויסגע־גראָבן.

האָט אבימלך געזאָגט צו יצחק'ן:

— פאָלג מיך, און גיי אַוועק פון דאַנען, וואָרים דו ביזט שוין רייכער פון אונז, און דערפאַר איז דיר יעדערער אַ שונא!

איז יצחק אַוועק פון דאָרטן און ער האָט זיך באַזעצט אין טאָל

פון גרר. אָבער אויך דאָרטן איז שפּעטער פאָרגעקומען קריגעריי צווישן יצחק׳ס פּאַסטוכער און צווישן די פּאַסטוכער פון גרר איבער די ברונעמער. און יצחק איז אַוועק פון דאָרטן קיין באר־שבע.

און גאָט האָט אים אין יענער נאַכט ווידער געזאָגט:

— זאָלסט ניט מורא האָבן, איך בין מיט דיר און איך וועל דיך בענטשן!

און דאַמאָלט איז געקומען אבימלך, דער קעניג פון גרר, מיט זיי־נע פריינט צו יצחק׳ן און זיי האָבן מיט אים געשלאָסן א בונד פון פריינטשאַפט.

* * * *

יעקב קריגט יצחק׳ס ברכה.

און עס איז געווען, אַז יצחק איז אַלט געוואָרן און ער האָט שוין ניט געקאָנט זען, האָט ער איינמאָל צוגערופן עשו׳ן און ער האָט צו אים געזאָגט:

— מיין זון! איך בין שוין אַלט, און איך ווייס ניט ווי לאַנג איך וועל נאָך לעבן. נעם דיינע כלי־זיין (וואָפן) און גיי אַרויס אין פעלד, און פאַנג פאַר מיר עפּיס אַ געפאַנג, און מאַך פאַר מיר אַ מאכל אַזוי ווי איך האָב ליב, וועל איך דיך בענטשן איידער איך שטאַרב!

און רבקה האָט געהערט ווי יצחק האָט גערעדט צו עשו׳ן. און באַלד ווי עשו איז אַוועק אין פעלד, האָט רבקה צוגערופן יעקב׳ן, און זי האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— איך האָב נאָר וואָס געהערט, אַז דיין פאָטער האָט געשיקט עשו׳ן צו פאַנגען פאַר אים עפּעס און אים ברייננגען צו עסן, כדי ער זאָל אים בענטשן פאַר זיין טויט. גיי־זשע שוין, מיין זון, צו די שאָף און ברייננג מיר פון דאָרטן צוויי גוטע, יונגע ציגעלאַך, און איך וועל פון זיי צוגרייטן א מאכל פאר דיין פאָטער, אַזוי ווי ער האָט ליב, און דו וועסט עס ברייננגען צו אים, וועט ער ד י ך בעסער בענטשן!

האָט יעקב געזאָגט צו זיין מוטער:

— ווי אַזוי קאָן איך דאָס טאָן? מיין ברודער איז אַ האָריקער, און איך בין אַ גלאַטער. טאָמער וועט מיך מיין פאָטער א טאַפּ טאָן, וועל

איך דאַך אויסקוקן ביי אים ווי אַן אָפּנאַרער (אַ שווינדלער), און איך וועל ברענגען אויף זיך אַ קללה, און ניט קיין ברכה!

האָט רבקה צו אים געזאָגט:

— אויף מיר דיין קללה, מיין זון! גיי און ברענג מיר, ווי איך זאָג דיר!

איז יעקב געגאַנגען און האָט געבראַכט צוויי גוטע, יונגע ציגע־לאַך, און זיין מוטער האָט פון זיי אָפּגעקאָכט אַ מאכל ווי יצחק האָט ליב געהאַט. און רבקה האָט אָנגעטאָן יעקב'ן אין עשו'ס בעסטע קליידער. און די פעלכלאַך פון די ציגעלאַך האָט זי אָנגעטאָן אויף זיינע הענט און אויף זיין גלאַטן האלז.

און יעקב איז געקומען צו יצחק'ן און האָט אים באַגריסט:

— פאָטער מיינער!

האָט יצחק געפרעגט:

— ווער ביזטו, מיין זון!?

האָט יעקב געענטפערט:

— איך בין... עשו דיין בכור! איך האָב געטאָן אַזוי ווי דו האָסט מיר געהייסן. זעץ זיך אויף, איך בעט דיך, און עס פון מיין געפאַנג, כדי דו זאָלסט מיך בענטשן!

האָט יצחק ווידער געפרעגט:

— ווי האָסטו עפּעס אַזוי גיך געפונען, מיין זון?

האָט יעקב געענטפערט:

— ווייל גאָט, דיין האר, האָט מיר צוגעשיקט!

האָט יצחק געזאָגט:

— קום נאָר אהער, מיין זון, און לאָמיך דיך אַ טאַפּ טאָן, אויב דו ביזט דאָס טאַקע מיין זון עשו, אָדער ניט.

איז יעקב צוגעקומען, און זיין פאָטער האָט אים אָנגעטאַפּט, און ער האָט געזאָגט:

— דאָס קול איז יעקב'ס קול, און די הענט זיינען עשו'ס הענט!...

און יצחק האָט נאָכאַמאָל געפרעגט:

— ביזטו דאָס מיין זון עשו?

— איך בין עס !... — האָט יעקב געענטפערט.

און יעקב האָט דערלאַנגט דאָס עסן צו זיין פאָטער, און ער האָט אים געבראַכט אויך וויין צו טרינקען.

ווען יצחק האָט געענדיקט, האָט ער געזאָגט יעקב׳ן, אַז ער זאָל צוגיין צו אים און אים אַ קוש טאָן. האָט יעקב אים אַ קוש געטאָן. און יצחק האָט געשמעקט דעם ריח פון זיינע קליידער, און ער האָט אים געבענטשט, און געזאָגט אַזוי :

זע, דער ריח פון מיין זון
איז אַזוי ווי דער ריח פון פעלד,
וואָס גאָט האָט עס געבענטשט.
און גאָט זאָל דיר געבן פונם טוי פון הימל,
און פון די פעטקייטן פון דער ערד,
און אַסך תבואה און וויין.
עס זאָלן דיך דינען אַסך פעלקער,
און נאַציאָנען זאָלן זיך בוקן צו דיר !
זאָלסט זיין אַ האַר איבער דיינע ברידער,
און דיין מוטער׳ס קינדער זאָלן זיך בוקן צו דיר.
דיינע שילטערס זאָלן זיין פאַרשאָלטן,
און דיינע בענטשערס זאָלן זיין געבענטשט !

* * * *

עשו ווערט געוואויר וועגן יעקב׳ס אויפטו.

ווי נאָר יעקב איז ארויסגעגאַנגען פון זיין פאָטער, איז עשו אָנ־געקומען פון דעם יאגד און ער האָט געבראַכט א מאכל, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר יצחק׳ן.

און עשו האָט געזאָגט :

— זאָל מיין פאָטער אויפשטיין און עסן פון זיין זונ׳ס געפאַנג, כדי ער זאָל מיך בענטשן !

האָט יצחק פארוואונדערט געפרעגט :

— ווער ביזטו ?

— איך בין דיין זון, דיין בכור עשו! — האָט עשו געענטפערט.
איז יצחק דערציטערט געוואָרן און האָט געזאָגט:

— ווער־זשע איז דער, וואָס האָט מיר פריער געבראכט אַ מאכל, און איך האָב געגעסן און האָב אים געבענטשט? און ער זאָל טאַקע זיין געבענטשט!

ווען עשו האָט דערהערט זיין פאָטער'ס ווערטער, האָט ער אויס־געשריען א גרויס און ביטער געשריי, און ער האָט געזאָגט:

— בענטש מיך אויך, מיין פאָטער!

האָט יצחק געזאָגט:

— דיין ברודער איז געקומען מיט באַטרוג און האָט צוגענומען דיין ברכה!

— ניט אומזיסט איז מיין ברודער'ס נאָמען יעקב!

האָט עשו געזאָגט:

— ער האָט מיך שוין צוויי מאָל אָפּגענאַרט! ("יעקב" אין העב־רעאיש מיינט אויך אָפּנאַרן). מיין בכורה האָט ער צוגענומען, און איצטער האָט ער צוגענומען מיין ברכה אויך!

האָט יצחק געזאָגט:

— אָבער וואָס קאָן איך איצטער טאָן פאַר דיר, מיין זון?

— איך האָב אים דאָך געמאַכט פאַר אַ האַר איבער דיר, און אַלע זיינע ברידער האָב איך אים געגעבן פאַר קנעכט, און מיט תבואה און וויין האָב איך אים באַוואָרנט!

האָט עשו געזאָגט, און האָט זיך צעוויינט אויף א קול:

— איז דאָס דען די איינציקע ברכה, וואָס דו האָסט, מיין פאָטער? בענטש מיך אויך מיט עפּעס!

האָט יצחק זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט:

— אָט דאָס וועט זיין דיין גורל:

דיין וואוינונג וועט זיין וויט פון די פעטקייטן פון דער ערד,
און דו וועסט ניט האָבן קיין טוי פון הימל, פון אויבן;
אויף דיין שווערד וועסטו לעבן,
און דיין ברודער וועסטו דינען!
און עס וועט אָבער אויך זיין א צייט,

וואָס דו וועסט געוועלטיקן,

און דו וועסט אראָפּוואַרפן זיין יאָך פון דיין האַלז!

און עשו האָט געהאַסט יעקב'ן איבער דער ברכה, וואָס זיין פאָ־טער האָט אים געבענטשט. און עשו האָט ביי זיך אין הארצן גע־טראַכט: זאָל נאָר דער פאָטער שטאַרבן, וועל איך הרג'ענען מיין ברו־דער יעקב'ן!

* * * *

יעקב אנטלויפט פאַר עשו'ן.

און רבקה איז געוואויר געוואָרן, וואָס עשו טראַכט צו טאָן, האָט זי געשיקט רופן איר זון יעקב'ן און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

דיין ברודער עשו טרייסט זיך מיט דעם, וואָס ער וועט דיך הרג'ענען, אַז דער טאַטע וועט שטאַרבן! דערום הער מיך אויס, מיין זון, נעם און אנטלויף פון אים צו מיין ברודער לבנ'ען, קיין חרן, אויף עטליכע יאָר. און אַז עשו'ס כעס וועט אָפּגיין, און ער וועט פאַרגעסן וואָס עס איז צווישן אייך פאָרגעקומען, וועל איך שיקן און דיך אָפּנעמען פון דאָרטן. פאַרוואָס זאָל איך אייך ביידע פאַרלירן אין איין טאָג?

און רבקה איז געקומען צו יצחק'ן און אים געזאָגט:

— מיין לעבן איז מיר נמאס איבער די טעכטער פון חת, וואָס עשו האָט גענומען פאַר ווייבער! און אויב יעקב וועט אויך נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון לאַנד, צו וואָס טויג מיר אינגאַנצן מיין לעבן? און דערום וויל איך אים אַוועקשיקן צו מיין ברודער!

האָט יצחק גערופן יעקב'ן, און האָט אים געבענטשט, און ער האָט אים באַפוילן:

— זאָלסט ניט נעמען קיין ווייב פון די טעכטער פון כנען. גיי קיין פדן־ארם, צו דיין זיידן בתואל'ס הויז, און נעם דיר דאָרטן אַ ווייב פון דיין פעטער לבנ'ס טעכטער. און גאָט וועט דיר געבן די ברכה פון דיין זיידן אברהמ'ען, צו דיר און צו דיינע קינדער, דו זאָלסט ירש'ען דאָס לאַנד פון דיין וואוינונג, ווי גאָט האָט פאַרשפּראָכן.

און יעקב האָט צוגעהערט צו זיין פאָטער און מוטער, און ער איז אַוועק געגאַנגען קיין פדן־ארם.

———::———

מעשיות און לעגענדעס

1.

דער צווילינג.

אַז רבקה איז געוואָרן טראָגענדיק האָט זי באַמערקט אַ זייער וואונדערליכע זאַך: ווען עס איז איר אויסגעקומען דורכצוגיין נעבן אַ הויז פון אָפּגעטער, האָט זי דערפילט אַ וויטאָק אין איין זייט בויך; און ווען זי איז דורכגעגאַנגען נעבן אַ אידישן בית-המדרש, האָט זי דערפילט אַ וויטאָק אין אַ צווייטער זייט בויך.

האָט רבקה ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס באַטייט, און זי האָט געפרעגט אירע שכנות און פריינט. נאָר קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דערויף.

און אַז די וויטאָקן רבקה׳ם זיינען וואָס אַמאָל געוואָרן שטאַרקער, איז זי געגאַנגען אין דעם בית-מדרש, וואו די צוויי גרויסע, געטליכע מענער, שם און עבר, האָבן געלערנט, און זי האָט ביי זיי געפרעגט.

האָבן איר די צוויי מענער געענטפערט:

— זאָלסט וויסן, אַז דו טראָגסט צוויי זין אין דיין אינגעווייד. און ווען דידאָזיקע צוויי זין וועלן געבוירן ווערן, וועלן זיי זיין פאַרשיידן איינער פונם צווייטן מיט זייערע כאַראַקטערס און מיט זייערע זיטן (מידות), און זייערע וועגן וועלן זיין פאַרשיידענע: איינער וועט שטענדיק נאָכלויפן נאָך די פאַרגעניגנס פון דער וועלט (עולם הזה); און דער צווייטער וועט תמיד טראַכטן וועגן דעם גליק פון דער קומענדיקער וועלט (עולם הבא)!

און אַזוי איז טאָקע געווען. די וועגן פון יעקבֿ'ן און עשו'ן האָבן זיך צעשיידט און זיי זיינען אַזוי פאַרבליבן אויף אייביג.

* * * *

2.

די מידות פון יעקבֿ'ן און עשו'ן.

אַז דידאָזיקע צוויי ברידער זיינען אויפגעוואַקסן, און די איינוואוינער פון יענעם אָרט האָבן געזען ווי אַזוי יעדערער פון זיי פירט זיך אויף, האָבן זיי געזאָגט:

— יעקב איז ווי אַ פּראַכטיקע בלום, און עשו איז ווי אַ שטעכעדיקער דאָרן!...

יעקב איז געווען אַ שטילער, אַ גוטער, אַ באַשיידענער, ער האָט מיט איטליכן געלעבט בשלום, און ער איז תמיד געזעסן אין געצעלט און האָט געלערנט.

און עשו איז געווען אַ ווילדער, אַ כעסן, ער האָט זיך מיט איטליכן געקריגט, און ער איז שטענדיק אַרומגעלאָפן מיטן פייל־און־בויגן און געשאָסן חיות און פויגלען.

יעקב האָט ליב געהאַט צו דערציילן זיין פאָטער און מוטער נאָר דעם אמת.

און עשו האָט זיינע עלטערן שטענדיק אָפּגענאַרט.

ווען עשו פלעגט קומען פון יאַגד מיד און פאַרמאַטערט, און יצחק האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער קומט, האָט ער אים געענטפערט:

— איך האָב געלערנט אַסך תורה, טאַטע!...

האָט זיך יצחק געפרייט, וואָס ער האָט אַזאַ טייערן זון. און ער האָט אים שטאַרק ליב געהאַט דערפאַר.

און אַמאָל פלעג עשו קומען און דערציילן דעם פאָטער אַן־אַנדער שקר:

— דו ווייסט, טאַטע, איך גיב אָוועק צו אָרימעלייט אַ צענטל (מעשר) פון אלצדינג, וואָס גאָט באַשערט מיר אויפן יאגד!

האָט יצחק זייער הנאָה געהאַט דערפון, וואָס זיין זון עשיו איז אַזאַ גוטהארציקער.

און איינמאָל איז עשיו געקומען צום פאָטער, און האָט אים גע־פרעגט:

— טאַטע, דאַרף מען אויך געבן מעשר (אַ צענט־חלק) פון זאַלץ און פון שטרוי?

איז יצחק געוועזן גליקליך, וואָס זיין זון איז אַזוי פרום, אַז ער וויל אפילו פון אַזוינע זאכן אויך געבן צדקה.

און אַז גאָט האָט געזען, אַז עשיו נאַרט אָפּ זיין פאָטער, און אָט אַזוי וועט ער אויך אויסנאַרן אַלע ברכות פאַר זיך, האָט גאָט געזאָגט:

— אויף דער עלטער וועלן יצחק׳ס אויגן טונקל ווערן, ער וועט ניט קאָנען זען, און דאַמאָלט וועט קומען יעקב און קריגן די ברכה, וואָס ער האָט באמת פאַרדינט!...

* * * *

3.

עשו׳ס פּלאַן.

עשו׳ס שנאה צו זיין ברודער יעקב׳ן איז וואָס אמאָל געוואָרן גרעסער און שטארקער. און ער האָט ביי זיך געמאַכט אַזאַ פּלאַן:

— אויב איך וועל הרג׳ענען יעקב׳ן, וועט מען דאָך מיך נאָכדעם הרג׳ענען. בעסער וועל איך אַוועקגיין צום פעטער ישמעאל און נעמען זיין טאָכטער פאַר א ווייב. נאָכדעם וועל איך אָנרייצן דעם פעטער אויף יעקב׳ן, אַז ער זאָל אים הרג׳ענען איבער דער בכורה, וואָס ער האָט ביי מיר אויסגענאַרט. און אַז ישמעאל וועט הרג׳ענען יעקב׳ן, וועל איך דאַמאָלט הרג׳ענען ישמעאל׳ן, דערפאַר וואָס ער האָט פאַר־גאָסן מיין ברודער׳ס בלוט, וואָרים איך בין דאָך דער "גואל הדם". און אָט אַזוי וועל איך זיי ירש׳ענען ביידע מיטאַמאָל!...

האָט גאָט געלאָזט וויסן רבקה'ן וועגן עשיו'ס פּלאַן, און רבקה האָט באַלד אַוועקגעשיקט יעקב'ן צו איר ברודער לבנ'ען, כדי צו ראַטעווען אים פון עשיו'ס הענט.

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

אלה תולדות (דאָס איז די געשיכטע):

ויתרוצצו הבנים (און די קינדער האָבן זיך געשטויסן):
"ס'איז געוואָרן א ויתרוצצו!"... (ווען מענטשן שפּאַרן זיך, אָדער צעשלאָגן זיך).

אם כן למה זה אנכי? (אויב אַזוי, צו וואָס טויג מיר מיין לעבן?).

הלעיטני נא! (לאָז מיך אַנזופּן):
אַ פרעסער אָדער אַ זויפער רופט מען "הלעיטני'ניק"!

הקול קול יעקב והידים ידי עשיו (די שטים איז יעקב'ס, און די הענט זיינען עשיו'ס):
מ'זאָגט דאָס אויף איינעם, וואָס רעדן רעדט ער איידל און פיין; נאָר טון טוט ער ווי אַ רשע.

סדרה

ויצא

(און ער איז ארויסגעגאנגען)

יעקב׳ס חלום.

און יעקב איז ארויסגעגאנגען פון באר־שבע, און ער איז געגאנגען קיין חרן.

האט ער געטראפן צו אן ארט און איז דארטן געבליבן נעכטיקן, ווארים די זון איז אונטערגעגאנגען.

און ער האט גענומען פון די שטיינער פון יענעם ארט און האט זיי אוועקגעלייגט פאר זיין צוקאפנס, און ער האט זיך געלייגט שלאפן.

האט זיך אים גע׳חלומ׳ט אזא חלום: א לייטער שטייט אויף דער ערד און זיין שפיץ גרייכט ביז דעם הימל, און מלאכים פון גאט גייען ארויף און אראפ אויף אים.

און אט שטייט גאט לעבן אים און ער זאגט:

— איך בין דער גאט פון דיינע עלטערן, אברהם׳ן און יצחק׳ן! דאס לאנד, וואס דו ליגסט דערויף, וועל איך געבן צו דיר און צו דיינע קינדער. און דיינע קינדער וועלן זיין אזויפיל ווי דער שטויב פון דער ערד. דו וועסט זיך צעשפרייטן קיין מערב און קיין מזרח און קיין צפון און קיין דרום. און אלע משפחות פון דער ערד וועלן זיך בענטשן מיט דיר און מיט דיינע קינדער. איך בין מיט דיר און איך וועל דיך ניט פארלאזן. איך וועל דיך היטן אומעטום, וואו דו וועסט גיין. און איך וועל דיך אומקערן צוריק צו דעראזיקער ערד!

האָט זיך יעקב אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און ער האָט געזאָגט:

— געווים איז גאָט פאַראַן אין דעמדאָזיקן אָרט, און איך האָב ניט געוואוסט!

און יעקב האָט מורא באַקומען און האָט געזאָגט:

— ווי שרעקליך איז דאָסדאָזיקע אָרט! ניט אַנדערש, אַז דאָ איז דאָס הויז פון גאָט, און דאָס איז דער טויער פון הימל!

האָט יעקב גענומען דעם שטיין פון זיין צוקאָפּנס, און האָט אים געמאַכט פאַר אַ מצבה, און ער האָט געגאָסן בוימל אויף זיין שפּיץ. און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט בית־אל (דאָס הויז פון גאָט). אָבער דער נאָמען פון דער שטאָט איז פריער געווען לוז.

און יעקב האָט אַ נדר געטאָן, און געזאָגט:

— אויב גאָט וועט זיין מיט מיר און ער וועט מיך היטן אויף דעמדאָזיקן וועג, וואס איך גיי, און ער וועט מיר געבן ברויט צום עסן און אַ קלייד צום אָנטאָן, און איך וועל זיך אומקערן בשלום צו מיין פאָטער׳ס הויז, — וועט ער בלייבן מיין גאָט אויף אייביק, און דאָ וואו איך האָב אַוועקגעשטעלט דעמדאָזיקן שטיין פאַר אַן אָנדענק, וועט זיין אַ הויז פון גאָט, און פון אַלצדינג וואָס איך וועל פאַרמאָגן, וועל איך געבן מעשר (אַ צענט־חלק) פאַר דיר!

* * * *

יעקב באַגעגנט רחל׳ען.

און יעקב איז ווייטער געגאַנגען זיין וועגס צום לאַנד פון די מזרח־שבטים.

און ער איז צוגעקומען צו אַ ברונעם אין פעלד, וואו עס זיינען דאַמאָלט געלעגן דריי סטאַדעס שאָף מיט זייערע פאַסטוכער. וואָרים דער ברונעם איז געווען צוגעדעקט מיט אַ גרויסן שווערן שטיין, און ווען אַלע פאַסטוכער פלעגן זיך פאַרזאַמלען מיט זייערע סטאַדעס, פלעגן זיי אינאיינעם אַראָפּקייקלען דעם שטיין און אָנטרינקען די שאָף, און נאָכדעם צוריק צודעקן דעם ברונעם.

האָט יעקב זיי געפרעגט:

— פון וואַנען זענט איר, מיינע ברידער?

האָבן זיי געענטפערט:

— פון חרן!

האָט יעקב ווידער געפרעגט:

— קענט איהר דאָרטן לבנ׳ען, דעם זון פון נחור?

האָבן זיי געענטפערט:

— מיר קענען אים! און אָט קומט אָן זיין טאָכטער רחל מיט די שאָף אַהער!

און ווי ער רעדט נאָך מיט זיי, איז רחל אָנגעקומען מיט איר פאָטער׳ס שאָף. און ווי נאָר יעקב האָט דערזען רחל׳ען מיט די שאָף, איז ער צוגעגאַנגען צום ברונעם און האָט איינער אַליין אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין, און ער האָט אָנגעטרונקען אירע שאָף.

און יעקב האָט געזאָגט רחל׳ען, אַז ער איז רבקה׳ס זון, איר פאָטער׳ס פלימעניק, און ער האָט זי געקושט און געוויינט פאַר פרייד. און רחל איז באַלד געלאָפן און האָט אָנגעזאָגט איר פאָטער די בשורה.

און אַז לבן האָט דאָס דערהערט, איז ער געלאָפן יעקב׳ן אַנטקעגן, און ער האָט אים געהאַלזט און געקושט, און האָט אים געבראַכט צו זיין הויז.

האָט יעקב דערציילט לבנ׳ען וועגן אַלע געשעעניש, און לבן האָט געזאָגט:

— גוט, זיץ ביי מיר, דו ביזט דאָך מיין ביין און מיין פלייש! און ער איז געזעסן ביי אים אַ חודש צייט.

* * * *

יעקב דינט ביי לבנ׳ען פאַר זיינע טעכטער.

לבן האָט געהאַט צוויי טעכטער. די עלטערע האָט געהייסן לאָה, און די אינגערע האָט געהייסן רחל.

לאָה האָט געהאַט שוואַכע אויגן און זי איז ניט געווען קיין שיינע. און רחל האָט געהאַט אַ שיין געשטאַלט און אַ שיין פּנים.

האָט יעקב ליב געקריגן רחל׳ען.

אין א צייט אַרום האָט לבן געזאָגט צו יעקב׳ן:

— צי מיינסטו, אַז דערפאַר וואָס דו ביזט מיינער אַן אייגענער, דאַרפסטו מיר דינען אומזיסט? זאָג מיר, וואָס איז דיין לוין, וויפיל זאָל איך דיר באַצאָלן?

האָט יעקב געענטפערט:

— איך וועל דיר דינען זיבן יאָר פאַר דיין אינגערער טאָכטער, רחל׳ען!

האָט לבן צוגעשטימט דערצו און געזאָגט:

— גוט, איך וועל בעסער דיר געבן מיין טאָכטער, איידער אַן אַנדערן!

האָט יעקב געדינט לבנ׳ען פאַר רחל׳ען זיבן יאָר, און זיי זיינען ביי אים אין די אויגן געווען ווי עטליכע טעג, וואָרים ער האָט זי זייער ליב געהאַט.

און ווען די זיבן יאָר האָבן זיך געענדיקט, האָט יעקב געזאָגט צו לבנ׳ען:

— איצטער גיב מיר מיין ווייב, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט!

האָט לבן געמאַכט א מאָלצייט און האָט איינגעלאַדן זיינע פריינט. און אַז עס איז געקומען דער אָוונט פון דער חתונה, האָט לבן אריינ־געבראַכט צו יעקב׳ן זיין טאָכטער לאה׳ן פאַר א ווייב. און ער האָט איר אויך מיטגעגעבן זיין דינסט זלפּה׳ן פאַר א מתנה.

ווי יעקב האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אָנגערופן צו לבנ׳ען:

— וואָס האָסטו מיר דאָ געטאָן? איך האָב דאָך דיר געדינט פאַר רחל׳ען, און דו האָסט מיך אָפּגענאַרט און מיר געגעבן לאה׳ן!

האָט לבן געענטפערט:

— עס פירט זיך ניט אַזוי ביי אונז אויסצוגעבן די אינגערע טאָכ־טער פאַר דער עלטערער! און אויב דו ווילסט די אינגערע אויך, מוזטו דינען נאָך אַנדערע זיבן יאָר!

און יעקב האָט אַזוי געטאָן. ער האָט געדינט ביי אים נאָך זיבן

יאָר. און לבן האָט אים געגעבן אויך זיין טאָכטער רחל׳ען פאַר אַ ווייב, און ער האָט איר אויך מיטגעגעבן זיין דינסט בלהה׳ן פאַר אַ מתנה.

און יעקב האָט מער ליב געהאט רחל׳ן פון לאה׳ן.

* * * *

יעקב׳ס קינדער.

און גאָט האָט געזען, אַז לאָה איז ניט באַליבט ביי יעקב׳ן, האָט ער לאָה׳ן געגעבן קינדער; און רחל איז געווען אַן עקרה. (זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט).

לאָה האָט געבוירן פיר זין.

דעם ערשטן, דעם בכור, האָט זי נאָמען געגעבן ראובן, ווייל זי האָט געזאָגט: גאָט האָט געזען מיין פיין, און איצט וועט מיך מיין מאַן ליב האָבן! (ראובן באַשטייט פון צוויי העברעאישע ווערטער: "ראָה בעניי", ער האָט געזען מיין פיין).

דעם צווייטן זון האָט זי אַ נאָמען געגעבן שמעון, ווייל זי האָט געזאָגט: גאָט האָט דערהערט, אַז איך בין ניט באַליבט ביים מאַן! (שמעון איז פון דעם העברעאישן וואָרט: "שמע", הערן).

דעם דריטן זון האָט זי אַ נאָמען געגעבן לוי, ווייל זי האָט געזאָגט: איצטער וועט מיין מאַן זיך באַהעפטן און מער צובינדן צו מיר! (לוי איז פון העברעאישן וואָרט: "לוה", באַהעפטן).

און דעם פערטן זון האָט זי אַ נאָמען געגעבן יהודה, ווייל זי האָט געזאָגט: דאָס מאָל טו איך לויבן גאָט! (יהודה איז פון העברעאישן וואָרט: "הודה", לויבן, דאנקן).

און לאה האָט אויפגעהערט צו געבוירן.

האָט רחל זייער מקנא געווען איר שוועסטער לאָה׳ן, וואָס זי גע־בערט קינדער, און זי האָט געזאָגט צו יעקב׳ן:

— גיב מיר קינדער, אַניט שטאַרב איך!

איז יעקב שטאַרק בייז געוואָרן אויף רחל׳ען דערפאַר, און ער האָט געענטפערט:

— בין איך דען אויפן אָרט פון גאָט, אַז איך זאָל דיר קאָנען געבן דיין פאַרלאַנג?

האָט רחל געזאָגט:

— אויב אַזוי, נעם מיין דינסט בלהה'ן פאַר א ווייב, און אַז זי וועט געבוירן קינדער, וועלן זיי זיין א טרייסט פאַר מיר, און איך וועל דורך איר געהאָלפן ווערן!

האָט יעקב גענומען בלהה'ן פאַר אַ ווייב, און זי האָט געבוירן יעקב'ן צוויי זין. האָט רחל דעם ערשטן זון א נאָמען געגעבן דן, ווייל זי האָט געזאָגט: גאָט האָט מיך ריכטיק גע'משפט און ער האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר! (דן איז פון העברעאישן וואָרט: "דין", משפט'ן). און דעם צווייטן זון האָט זי נאָמען געגעבן נפתלי, ווייל זי האָט געזאָגט: איך האָב זיך געראַנגלט מיט מיין שוועסטער, און איך בין ביי־געקומען! (נפתלי איז פון העברעאישן וואָרט: "פתל", ראַנגלען זיך).

האָט לאָה געזען, אַז זי האָט אויפגעהערט צו געבוירן, האָט זי אויך גענומען איר דינסט זלפה'ן און זי געגעבן יעקב'ן פאַר א ווייב.

און זלפה, לאָה'ס דינסט, האָט אויך געבוירן יעקב'ן צוויי זין. האָט לאה א נאָמען געגעבן דעם ערשטן זון גד, ווייל זי האָט געזאָגט: דאָס מזל איז געקומען! ("גד" איז אין העברעאיש מזל). און דעם צווייטן זון האָט זי אַ נאָמען געגעבן אָשר, ווייל זי האָט געזאָגט: דאָס איז אויף מיין גליק! (אָשר איז פון העברעאישן וואָרט: "אושר", גליק).

שפּעטער האָט לאָה ווידער געבוירן יעקב'ן צוויי זין און איין טאָכ־טער. דעם פינפטן זון האָט זי א נאָמען געגעבן יששכר, ווייל זי האָט געזאָגט: גאָט האָט מיר געגעבן מיין לוין, דערפאַר וואָס איך האָב גע־געבן מיין דינסט צו מיין מאַן! (יששכר איז פון העברעאישן וואָרט: "שכר", לוין). און דעם זעקסטן זון האָט זי א נאָמען געגעבן זבולון, ווייל זי האָט געזאָגט: איצטער וועט שוין מיין מאַן וואוינען מיט מיר אין מיין געצעלט! (זבולון איז פון העברעאישן וואָרט: "זבול", אַ וואוינונג). און דער טאָכטער האָט זי א נאָמען געגעבן דינה.

האָט רחל געבעטן צו גאָט, און גאָט האָט צוגעהערט איר געבעט,

און זי האָט אויך געבוירן א זון. און רחל האָט אים א נאָמען געגעבן יוסף, ווייל זי האָט געזאָגט: גאָט האָט אָפּגעטאָן מיין שאַנד, און ער זאָל מערן צו געבן מיר נאָך א זון! (יוסף איז פון העברעאישן וואָרט: "אָסף", אָפּטאָן; און אויך פון "יסף" מערן).

* * * *

יעקב׳ס נייער לוין ביי לבנ׳ען.

נאָכדעם ווי רחל האָט געבוירן יוספ׳ן, האָט יעקב געזאָגט צו לבנ׳ען:

— איצט לאָז מיך אָפּ! גיב מיר מיינע ווייבער און קינדער, און איך וועל מיר גיין צו מיין לאַנד! דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיר ערליך געדינט, טאָרסטו מיך ניט פאַרהאַלטן!

האָט לבן געזאָגט צו אים:

— יאָ, איך ווייס, אז גאָט האָט מיך געבענטשט צוליב דיר, און איצט זאָג מיר דיין לוין און איך וועל דיר געבן וויפיל דו וועסט אַליין וועלן, נאָר בלייב נאָך ביי מיר!

האָט יעקב געזאָגט צו לבנ׳ען:

— דו ווייסט ווי געטריי איך האָב דיר געדינט; וואָרים זייער ווייניג האָסטו פאַרמאָגט פּי איידער איך בין געקומען, און איצט האָט זיך אַלץ אזוי פאַרמערט נאָר צוליב מיר, — אָבער ווען וועל איך שוין עפּיס טאָן פאַר מיין אייגן הויזגעזינט?

האָט לבן אים געפרעגט:

— זאָג אליין, וואָס זאָל איך דיר געבן פון איצט אָן?

האָט יעקב געענטפערט:

— איך וויל פון דיר גאָרניט, נאָר אויב דו וועסט באַשטיין אויף דערדאָזיקער זאַך, וועל איך ווידער בלייבן צו היטן דיינע שאָף: איך וועל דורכגיין היינט צווישן אלע דיינע שאָף, און דו זאָלסט אַרויסנע־מען פון דאָרטן אלע געשפּרענקלטע און געפלעקטע לעמעלאַך און ציי־געלאַך, און אלע טונקעלע שעפּסעלאַך, און אזוינס זאָל זיין מיין לוין! אַלע געשפּרענקלטע און געפלעקטע, וואָס וועלן געבוירן ווערן, זאָלן

קערן צו מיר! און שפּעטער וועסטו זען מיין ערליכקייט, אז דו וועסט קומען איבערקוקן די שאָף, און וועסט געפינען אין מיין סטאַדע ניט קיין געשפּרענקלטע און געפלעקטע, — איז א סימן, אז עס איז גע־גנב׳עטס ביי מיר!

האָט לבן מסכים געווען און געזאָגט:

— גוט, אַזוי זאָל עס זיין ווי דו ווילסט!

און לבן האָט אַזוי געטאָן, ער האָט אַרויסגענומען אלע געשפּרענקל־טע און געפלעקטע שאָף, און האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע זין, און ער האָט אָפּגעטיילט אויף א שטרעקע (ווייטקייט) פון דריי טעג וועגס צווישן זיינע און צווישן יעקב׳ס סטאַדעס. און יעקב האָט ווידער געפּיטערט לבנ׳ס שאָף.

האָט יעקב גענומען פייכטע שטעקעלאך פון טאָפּאָל־בוים און פון מאנדל־בוים און פון פלאטאנענבוים, און ער האָט אויסגעשיילט אויף זיי ווייסע אויסשיילונגען, ביז זיי זיינען געוואָרן געשפּרענקלט און גע־פלעקט, און דידאָזיקע שטעקעלאך האָט ער אריינגעשטעלט אין די וואַסער־רינעס (קאָריטעס), וואו די שאָף טרינקען.

און די שאָף האָבן בשעת׳ן טרינקען זיך פאַרקוקט אויף די שטע־קעלאך, און זיי האָבן געבוירן נאָכדעם געשטרייפטע, געשפּרענקלטע און געפלעקטע שעפּסלאך.

און יעקב איז אַזוי אַרום געוואָרן זייער רייך, און ער האָט געהאַט פיל שאָף, און דינסטן און קנעכט, און קעמלען און אייזלען.

* * * *

יעקב אנטלויפט פון לבנ׳ען.

איינמאָל האָט יעקב געהערט, ווי לבנ׳ס זין האָבן גערעדט צווישן זיך:

— יעקב האָט צוגענומען אלץ, וואָס אונזער פאָטער האָט געהאַט, און דערפון האָט ער זיך געמאַכט דאָסדאָזיקע רייכקייט זיינס!

און אויך אין לבנ׳ס פּנים האָט יעקב דערקענט, אַז ער איז צו אים ניט אַזוי ווי שטענדיק.

און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבֿ'ן:

— קער זיך אום צום לאַנד פון דיינע עלטערן, און איך וועל זיין מיט דיר!

האָט יעקבֿ געשיקט רופן רחל'ען און לאה'ן, זיי זאָלן קומען צו אים אין פעלד אַריין, וואו ער איז געווען מיט זיינע שאָף, און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— איך זע אין אייער פאָטער'ס פּנים, אַז ער איז צו מיר ניט ווי שטענדיק. ער קוקט אויף מיר ברוגז. און איר ווייסט דאָך, אַז גאָט איז געווען מיט מיר. איך האָב מיט מיין גאַנצן כח געדינט אייער פאָטער, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט געשפּעט פון מיר און האָט געביטן מיין לוין צען מאָל. נאָר גאָט האָט מיך געבענטשט, ער האָט אָפּגעטיילט פון אייער פאָטער'ס שאָף און האָט מיר געגעבן, וואָרים ער האָט געזען, וואָס לבן טוט צו מיר. און איצט האָט גאָט צו מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך אומקערן צום לאַנד פון מיין געבורט!

האָבן רחל און לאה געענטפערט:

— האָבן מיר דען אַ חלק און אַ ירושה אין אונזער פאָטער'ס הויז? מיר זיינען דאָך ביי אים פאַררעכנט ווי פרעמדע. ער האָט אונז פאַרקויפט, און ער האָט אויפגעגעסן דאָס געלט אונזערס! און איצט, טו אַלץ ווי גאָט האָט דיר געהייסן!

איז יעקבֿ אויפגעשטאַנען און האָט אַרויפגעזעצט זיינע קינדער און זיינע ווייבער אויף די קעמלען, און ער האָט אַוועקגעפירט דאָס גאַנצע פי און זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס ער האָט געמאַכט אין פדן ארם, און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין פאָטער יצחק'ן, קיין כנען.

און אַזוי ווי לבן איז דאַמאָלט געווען אַוועקגעגאַנגען שערן זיינע שאָף, האָט רחל אַרויסגעגנב'עט איר פאָטערס אָפּגאָט (תרפים).

און יעקבֿ איז אַנטלאָפן מיט אַלצדינג, וואָס ער האָט געהאַט, און ער איז אַריבערגעגאַנגען דעם טייך פרת, און האָט זיך געלאָזט גיין צום באַרג גלעד.

* * * *

לבן יאָגט נאָך יעקבין און כאַפּט אים.

אויפ׳ן דריטן טאָג האָט מען אָנגעזאָגט לבנ׳ען, אַז יעקב איז אַנט־לאָפן. האָט ער גענומען זיינע פריינט מיט זיך און האָט אים נאָכ־געיאָגט זיבן טעג וועגס, און ער האָט אים דערגרייכט ביים באַרג גלעד.

איז גאָט געקומען צו לבנ׳ען אין חלום און האָט אים געזאָגט:

— היט זיך, דו זאָלסט ניט רעדן מיט יעקב׳ן קיין שלעכטס!

האָט לבן געזאָגט צו יעקב׳ן:

— וואָס האָסטו געטאָן? פאַרוואָס האָסטו גע׳גנב׳עט מיין האַרץ, און האָסט אַוועקגעפירט מיינע טעכטער אַזוי ווי געפאַנגענע פון אַ מלחמה? פאַרוואָס ביזטו אַנטלאָפן באַהאַלטענערהייט, פאַר׳גנב׳נענ־דיק זיך פון מיר, און האָסט מיר גאָרניט געזאָגט, און האָסט מיך ניט געלאָזט קושן מיינע זין און מיינע טעכטער? איך וואָלט דאָך דיך גע־וועזן באַלייט מיט פרייד און מיט געזאַנג, מיט פּויק און מיט פידל. איצט האָסטו געטאָן נאַריש! איך וואָלט געהאַט בכוח צו טאָן שלעכטס מיט אייך, נאָר דער גאָט פון אייער פאָטער האָט מיר נעכטן ביינאַכט אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל מיט דיר ניט רעדן קיין שלעכטס. נאָר מילא, ביזט אַוועקגעגאַנגען ווייל דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך דיין פאָטער׳ס הויז; אָבער וואָרום האָסטו צוגע׳גנב׳עט מיין גאָט?

האָט יעקב געענטפערט צו לבנ׳ען:

— איך האָב מורא געהאַט, וואָרים איך האָב געטראַכט, טאָמער וועסטו אַוועקרויבן דיינע טעכטער פון מיר!... און וועגן דיין גאָט, — איז ביי וועמען דו וועסט אים געפינען, דער זאָל ניט לעבן!...

און יעקב האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס האָט רחל אַוועקגע׳גנב׳עט דעם גאָט.

איז לבן דורכגעגאַנגען און געזוכט אין אַלע געצעלטן, אין יעקב׳ס, אין לאה׳ס, אין בלהה׳ס און זלפה׳ס, און ער האָט ניט געפונען; און צולעצט איז ער אַריין אין רחל׳ס געצעלט. און רחל האָט באַהאַלטן דעם אָפּגאָט (תרפים) אין זאָטלקישן פון דעם קעמל, און זי האָט זיך אַרויפגעזעצט דערויף. האָט לבן געזוכט און האָט דאָרטן אויך ניט

געפונען זיין אָפּגאָט.

האָט דאָס יעקב׳ן פאַרדראָסן, און ער האָט זיך געקריגט מיט לבנ׳ען:

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט, וואָס דו האָסט מיר נאָכגעיאָגט? אָט האָסטו איבערגעטאַפּט אַלע מיינע זאַכן, און וואָס האָסטו געפונען פון דיינע הויז-כלים? צוואַנציק יאָר בין איך מיט דיר געווען, און דו האָסט קיינמאָל קיין שאָדן ניט געהאַט. פון דיינע שאָף האָב איך ניט געגעסן. קיין פאַרצוקטע שאָף האָב איך דיר קיינמאָל ניט געבראַכט. און ווען עס פלעג זיך עפּיס מאַכן א שאָדן, האָב איך אַליין אים געליטן. ביי טאָג פלעג מיך די היץ אויפעסן, און ביי נאַכט — די קעלט; קיין שלאָף האָב איך אויף מיינע אויגן ניט געלאָזט. פאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב געדינט אין דיין הויז: פערצן יאָר פאַר דיינע צוויי טעכטער, און זעקס יאָר פאַר דיינע שאָף, האָסטו געביטן מיין לוין צען מאָל. און איצט, ווען ניט די מורא פאַר דעם גאָט פון מיין פאָטער, וואָלסטו מיך אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן!...

האָט לבן געענטפערט יעקב׳ן:

— די טעכטער זיינען מיינע טעכטער, די קינדער זיינען מיינע קינדער, די שאָף זיינען מיינע שאָף און אלצדינג איז מיינס, — און וואָס קאָן איך דען טאָן צו זיי? קום און לאָמיר שליסן א בונד פון שלום צווישן זיך!

האָט יעקב גענומען א שטיין און האָט אים אויפגעשטעלט פאַר אַ מצבה, אלס אָנדענק פון שלום. און ער האָט געשאָכטן שאָף אויפן באַרג און זיי האָבן דאָרטן געגעסן און איבערגענעכטיקט.

און לבן איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און האָט געקושט זיינע טעכטער און די קינדער, און האָט זיי געבענטשט, און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

און יעקב איז ווייטער געגאַנגען אויף זיין וועג, און מלאָכים פון גאָט האָבן אים באַגעגנט. און אז יעקב האָט זיי דערזען, האָט ער געזאָגט: דאָס איז גאָט׳ס מחנה! און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט מחנים.

——————::——————

מעשיות און לעגענדעס

1.

יעקב אין וועג.

ווען יעקב איז געגאנגען אין וועג, אנטלויפנדיק פון עשו'ן, איז ער געווען זייער טרויעריק און פארזארגט, און ער איז געבליבן שטיין ביים בארג מוריה, וואו עס איז פארגעקומען די עקידה פון זיין פאטער יצחק'ן.

האט זיך גאט צו אים באוויזן און געזאגט:

— זאלסט קיין מורא ניט האבן, מיין קנעכט יעקב! זיי ניט פאר־זארגט ווען דיין צוקונפט! הויב אויף דיינע אויגן צום הימל און זע די צוועלף שטערן, וואס לייכטן אקעגן דיר; זיי ווייזן, אז דו וועסט האבן צוועלף זין, וואס זיי וועלן פארשיינען די וועלט!

יעקב האט זיך דערשראקן און געזאגט:

— ווי שרעקליך איז דאס דאזיקע ארט! ניט אנדערש, אז דא איז דאס הויז פון גאט, און דא איז דער טויער פון הימל!

און ער איז דארטן געבליבן נעכטיקן.

ער האט גענומען צוועלף שטיינער פונם מזבח, וואס איז פאר־בליבן פון זיין פאטער'ס עקידה, און האט זיי ארומגעלעגט ארום זיך ווי א קאסטן, כדי די חיות זאלן צו אים ניט צוקומען ביינאכט, און די איבעריקע שטיינער האט ער אוועקגעלעגט פאר א צוקאפנס.

האבן זיך די שטיינער פונם צוקאפנס אנגעהויבן צו קריגן צווישן זיך. איטליכער שטיין האט געוואלט, אז נאר אויף אים זאל יעקב הצדיק לעגן זיין קאפ.

האט גאט געזאגט צו די שטיינער:

— קריגט זיך נישט, איך וועל פון אלע שטיינער מאכן איין שטיין.

און דערדאָזיקער שטיין וועט ווערן ווייך ווי אַ קישן, כדי עס זאָל יעקב׳ן זיין באַקוועם צו שלאָפן!

האָבן די שטיינער זיך זייער דערפרייט, זיי האָבן שלום געמאַכט צווישן זיך, און זיי האָבן זיך באלד באַהעפט איינער אָן צווייטן מיט ליבשאַפט.

און דאמאָלט האָט יעקב נאָכאמאָל געזען, אַז גאָט איז מיט אים, ווייל דאָרטן וואו עס הערשט שלום, רוט שטענדיק גאָט׳ס שכינה...

* * * *

2.

דאָס ליבשאפט פון אַ רמאי (שווינדלער).

אַז לבן האָט דערזען יעקב׳ן, איז ער אויף אים אַרויפגעפאַלן און האָט אים געהאַלזט און געקושט.

אָבער דאָס איז ניט געווען פון גרויס ליבשאפט צו יעקב׳ן, נאָר פון ליבשאפט צו רייכקייט.

לבן האָט געדענקט, אַז ווען אליעזר, אברהם׳ס קנעכט, איז צו זיי געקומען, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַסך גאָלד און זילבער און גוטע קליידער, האָט ער געטראַכט, אַז מסתמא האָט איצט אויך יעקב געבראַכט מיט זיך אַ גרויס פארמעגן.

און אַז לבן האָט דערזען, אַז יעקב איז גאָר אָנגעקומען צופוס, איינער אַליין, אָן קעמלען און אָן קנעכט, האָט ער געטראַכט, אַז מסתמא האָט יעקב באַהאַלטן גאָלד און זילבער אין די קעשענעס.

און דערפאַר האָט דער שווינדלער לבן געהאַלזט יעקב׳ן, און דערווייל בשעת־מעשה געטאַפּט ביי אים אין די קעשענעס.

און אַז ער האָט געזען, אַז אויך יעקב׳ס קעשענעס זיינען ליידיק, האָט לבן געטראַכט, אַז מסתמא האַלט יעקב באַהאַלטן טייערע דימענטן אין מויל, אונטער דער צונג.

האָט דערפאַר דער ליגנער לבן געקושט יעקב׳ן אין מויל פיל מאָל, טאָמער וועט עפּיס פון דאָרטן אַרויספאַלן.

און אַז ער האָט געזען, אַז אויך יעקב׳ס מויל איז ליידיק, און ער

קאָן שוין קיין רייכקייט פון אים ניט דערוואַרטן, האָט לבן געזאָגט צו אים:

— גוט, דו קאָנסט זיצן ביי מיר אין הויז ע ט ל י כ ע ט ע ג !...

* * * *

3.

צו אַ שווינדלער העלפן ניט קיין תנאים.

יעקב האָט זייער גיך דערקענט זיין פעטער לבנ'ען, און ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער ליגנער און אַ שווינדלער.

ווי נאָר יעקב האָט אָנגעהויבן צו אַרבייטן ביי לבנ'ען פאַר זיין טאָכטער רחל'ן, איז ער געקומען צו אים און געזאָגט:

— הער אויס, פעטער, איך האָב אויסגעפונען, אַז אַלע איינוואוי־נער פון דיין שטאָט זיינען פאַלשע מענטשן און זיי נאַרן אָפּ איינער דעם אַנדערן. און דערפאַר וויל איך אפילו מיט דיר אויך רעדן קלאָרע ווערטער: וואָס וועסטו מיר געבן נאָכדעם, ווי איך וועל ביי דיר אָפּ־אַרבייטן זיבן יאָר? לאָמיך וויסן אויף זיכער!

האָט לבן געענטפערט:

— איך האָב דאָך דיר שוין איינמאָל געזאָגט: איך וועל דיר געבן רחל'ען!

— יאָ, אָבער עס זיינען דאָ אַסך רחל'ס אין שטאָט! — זאָגט יעקב.

— איך מיין, מיין טאָכטער רחל! — זאָגט לבן.

— יאָ, אָבער דו קאָנסט דאָך דיין עלטערער טאָכטער אַ נאָמען געבן רחל און מיר זי נאָכדעם געבן? — פרעגט ווידער יעקב.

— ניין, איך מיין רחל, די קלענסטע טאָכטער מיינע! — זאָגט לבן.

— זאָלסטו געדענקן, פעטער, — זאָגט אים יעקב אָן די תנאים — איך רעד מיט דיר בפירוש אויס, אַז איך גיי אַרבייטן זיבן יאָר פאַר דיין קלענסטער טאָכטער, רחל'ען! געדענק: "ברחל בתך הקטנה"; איז דאָס געמאַכט?

— אודאי, אָפּגערעדט איז אָפּגערעדט! — פאַרזיכערט אים לבן.
און ערשט נאָך די אלע תנאים האָט לבן אָפּגענאַרט יעקב'ן, און ער האָט אים געגעבן לאה'ן אָנשטאָט רחל'ען.
און דערפאר זאָגט מען: צו א שווינדלער העלפן ניט די בעסטע תנאים!...

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

מה נורא המקום הזה (ווי שרעקליך איז דאָסדאָזיקע אָרט).

לחם לאכול ובגד ללבוש (ברויט צום עסן און א קלייד צום אָנטאָן):

עצמי ובשרי אתה (ביזט מיין ביין און מיין פלייש).

ברחל בתך הקטנה (פאַר דיין קלענסטער טאָכטער רחל'ען):
"כ'האָב מיט אים אויסגענומען בפירוש "ברחל בתך הקטנה"...

מתי אעשה גם אנוכי לביתי? (ווען וועל איך אויך עפּיס טאָן פאַר מיין הויז?).

עקודים נקודים וברודים (געשטרייפטע, געשפרענקלטע און גע־פלעקטע).

איננו אלי כתמול שלשום (ער איז ניט צו מיר ווי נעכטן און איינעכטן).

ויברח יעקב... (און יעקב איז אנטלאָפן):
"געמאַכט א ויברח"...

מה פשעי ומה חטאתי? (וואָס איז מיין פאַרברעכן און וואָס איז מיין זינד?).

מידי תבקשנה (פון מיין האנט פלעגסטו עס זוכן):
אויף מיין אחריות!

סדרה

וישלח

(און ער האָט געשיקט)

יעקב שיקט שלוחים צו זיין ברודער עשו'ן.

און יעקב האָט געשיקט שלוחים צו זיין ברודער עשו קיין שעיר, אין פעלד פון אדום, און ער האָט זיי באַפוילן אַזוי צו זאָגן אין יעקב'ס נאָמען:

— איך, דיין קנעכט יעקב, האָב געוואוינט ביי לבנ'ען ביז איצט! איך האָב אָקסן און אייזלען און שאָף, און קנעכט און דינסטן! און איך האָב געשיקט אָנצוזאָגן מיין האַר, כדי צו געפינען לייטזעליגקייט (חן) אין דיינע אויגן!

האָבן זיך די שלוחים אומגעקערט צו יעקב'ן און אים געזאָגט:

— מיר זיינען געקומען צו דיין ברודער עשו'ן, — און ער אויך גייט אַנטקעגן דיר, און פיר הונדערט מאַן מיט אים!

האָט יעקב זייער מורא געהאַט, און עס האָט אים באַנג געטאָן. און ער האָט צעטיילט זיינע מענטשן און די שאָף און רינדער און קעמלען אין צוויי מחנות, און ער האָט געטראַכט: אויב עשו וועט אָנפאַלן אויף איין מחנה, און וועט זי שלאָגן, וועט די צווייטע מחנה אַנטלויפן.

און יעקב האָט געבעטן צו גאָט:

— גאָט פון מיינע עלטערן, אברהם און יצחק, וואָס האָט מיר געזאָגט, איך זאָל זיך אומקערן צו מיין לאַנד און צו מיין געבורטספּלאַץ,

און ער וועט מיט מיר גוטס טאָן! איך בין צו קליין, און איך בין ניט ווערט די אַלע חסדים און דאָס געטריישאַפט, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר, דיין קנעכט! ווארים בלויז מיט מיין שטעקן בין איך אַרי־בערגעגאַנגען דעמדאָזיקן ירדן, מער האָב איך ניט פאַרמאָגט; און איצט האָב איך שוין צוויי מחנות; — העלף מיר, איך בעט דיך, פון דער האַנט פון מיין ברודער עשו, ווארים איך האָב מורא, טאָמער וועט ער אָנפאַלן אויף מיר און ער וועט שלאָגן מיך מיט די מוטערס און מיט די קינדער! און דו, גאָט, האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מערן מיינע קינדער, ווי די זאַמד פונם ים, אַז מע וועט זיי ניט קאָנען אי־בערציילן!

און יעקב האָט דאָרט איבערגענעכטיקט יענע נאַכט, און ער האָט גענומען פון וואָס עס איז אים געקומען צו דער האַנט, און ער האָט געגעבן צו זיינע קנעכט, זיי זאָלן ברייננגען א מתנה צו זיין ברודער עשו׳ן: צוויי הונדערט ציגן און צוואַנציק בעק, צוויי הונדערט שעפּסן און צוואַנציק ווידערס, דרייסיק קעמלען זייגענדיקע מיט זייערע יונגע, פערציק קי און צען אָקסן, צוואַנציק אייזעלינס און צען יונגע אייזלען; און ער האָט אָנגעזאָגט זיינע קנעכט, אַז זיי זאָלן צעטיילן די פי אויף סטאַדעס, און לאָזן ליידיק פּלאַץ פון איינער צו דער צווייטער, כדי עס זאָל אויסקוקן אסך.

און ער האָט אָנגעזאָגט איטליכן קנעכט אַזוי:

— אַז מיין ברודער עשו וועט דיך באַגעגענען און וועט דיך פרעגן: וועמעס ביזטו, און וואוהין גייסטו, און פאַר וועמען איז דאָס אַלץ וואָס דו פירסט? זאָלסטו ענטפערן: איך בין דיין קנעכט יעקב׳ס, און דאָס איז א מתנה געשיקט צו מיין האַר עשו, און אויך דיין קנעכט יעקב אַליין גייט הינטער אונז! ווארים ער האָט געזאָגט: איך וויל איינשטילן זיין כעס מיט א מתנה, און דערנאָך וועל איך אים זען, אפשר וועט ער מיך ווען אויפנעמען!

איז די מתנה אַוועק פאַראויס אים, און ער האָט גענעכטיקט יענע נאַכט אין דער מחנה (לאַגער).

* * * *

יעקב קעמפט מיט אַ מלאך אין וועג.

יעקב איז אויפגעשטאַנען אין יענער נאַכט, און ער האָט גענומען זיינע ווייבער, און זיינע צוויי דינסטן, און זיינע עלף קינדער, און ער האָט זיי איבערגעפירט איבערן טייך יבוק, נאָכדעם האָט ער איבער־געפירט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און ער איז געבליבן אַליין.

האָט א מלאך פון גאָט, אין געשטאַלט פון אַ מענטשן, זיך גע־ראַנגלט מיט יעקב׳ן ביז דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען. און אַז דער מלאך האָט געזען, אַז ער קאָן אים ניט בייקומען, האָט ער אָנגערירט אין לעפל פון זיין דיך, און יעקב׳ס דיך איז אויסגעלונקען געוואָרן; נאָר יעקב האָט דעם מלאך ניט אָפּגעלאָזט.

האָט דער מלאך געזאָגט:

— לאָז מיך אָפּ, ווייל׳עס איז שוין ליכטיק, און איך מוז גיין!

האָט יעקב געענטפערט:

— איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, סיידן דו וועסט מיך בענטשן!

האָט דער מלאך געזאָגט:

— וואָס איז דיין נאָמען?

האָט יעקב געענטפערט:

— מיין נאָמען איז יעקב!

האָט דער מלאך געזאָגט:

— פון איצט אָן זאָל דיין נאָמען מער ניט גערופן ווערן יעקב, נאָר ישראל, ווארים דו האָסט געקעמפט מיט א מלאך פון גאָט, און ביזט אים בייגעקומען! (ישר־אל מיינט אין העברעאיש: קעמפן מיט גאָט).

האָט יעקב געפרעגט דעם מלאך:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, דיין נאָמען?

האָט דער מלאך געזאָגט:

— נאָך וואָס פרעגסטו אויף מיין נאָמען? א מלאך׳ס נאָמען איז לויט זיין שליחות.

און ער האָט אים דאָרטן געבענטשט. און יעקב האָט גערופן דאָס

אָרט פניאל, ווייל ער האָט געזאָגט: איך האָב געזען גאָט פּנים אל פּנים, און איך בין ניצול געוואָרן! (פּני־אל מיינט אין העברעאיש: דאָס פּנים פון גאָט).

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, איז יעקב אַריבערגעגאַנגען פּניאל, און ער האָט געהונקען אויף זיין דיך.

דערום עסן ניט די בני־ישראל דעם שפּרינגאָדער, וואָס אויפן לעפל פון דיך, ביז אויף היינטיקן טאָג.

* * * *

יעקב באַגעגנט זיך מיט עשו׳ן.

און יעקב האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען, אַז עשו קומט אָן און די פיר הונדערט מענטשן מיט אים. האָט ער צעטיילט די קינדער צו לאה׳ן, און צו רחל׳ען, און צו די צוויי דינסטן. און ער האָט געשטעלט די דינסטן און זייערע קינדער צום ערשטן, און לאה׳ן און אירע קינדער נאָך זיי, און רחל׳ען און יוסף׳ן צום לעצטן.

און ער איז אַריבער פאַראויס זיי, און ער האָט זיך געבוקט זיבן מאָל צו דער ערד ביז ער איז צוגעקומען צו זיין ברודער.

איז עשו אים געלאָפן אנטקעגן, און ער האָט אים אַרומגענומען, און איז געפאַלן אויף זיין האלז און אים געקושט, און זיי האָבן ביידע געוויינט.

יעקב האָט פאָרגעשטעלט פאר עשו׳ן זיינע ווייבער און קינדער, און זיינע דינסטן, — און זיי אלע האָבן זיך פאַר אים געבוקט.

האָט עשו געפרעגט יעקב׳ן:

— וואָס איז דאָס ביי דיר יענע מחנה, וואָס איך האָב באַגעגנט אויפ׳ן וועג?

האָט יעקב געענטפערט:

— דאָס איז צו געפינען לייטזעליגקייט אין די אויגן פון מיין האַר!

האָט עשו צו אים געזאָגט:

— איך האָב גענוג, מיין ברודער; זאָל דיינס בלייבן ביי דיר!

האָט יעקב אים געבעטן:

— זאָג מיר ניט אָפּ, איך בעט דיך, אויב איך האָב געפונען לייט־זעליגקייט אין דיינע אויגן, זאָלסטו צונעמען ביי מיר מיין מתנה! וואָרים איצט, ווען איך האָב דיך געזען, איז ביי מיר פּונקט ווי איך האָב געזען דאָס פּנים פון גאָט; נעם עס, און איך וועל וויסן, אַז דו האָסט זיך מיט מיר איבערגעבעטן!

און נאָכדעם, ווי יעקב האָט אים שטאַרק געבעטן, האָט ער ביי אים די מתנה צוגענומען.

און נאָך אין יענעם טאָג האָט זיך עשו אומגעקערט אויף זיין וועג קיין שעיר, און יעקב איז געגאַנגען דורך סוכות, און נאָכדעם איז ער געקומען בשלום אין דער שטאָט שכם, וואָס אין לאַנד כנען, און ער האָט אָפּגעקויפט דאָס שטיק פעלד, וואו ער האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט. און ער האָט אויפגעשטעלט דאָרטן אַ מזבח צו גאָט.

* * * *

דינה ווערט געפאַנגען.

איינמאָל איז דינה, לאה'ס טאָכטער, ארויסגעגאַנגען צו זען די טעכטער פונם לאַנד, האָט שכם דער זון פון חמור, דעם פירשט פון לאַנד, זי דערזען, און ער האָט זי צוגענומען צו זיך.

האָט יעקב דערהערט, אז מע האָט צוגענומען זיין טאָכטער דינה'ן, נאָר ווייל זיינע זין זיינען געווען אין פעלד מיט זיינע פי, האָט ער גע־שוויגן און געוואַרט ביז זיי וועלן קומען.

דערווייל איז חמור, דער פאָטער פון שכם, ארויסגעגאַנגען צו יעקב'ן צו רעדן מיט אים וועגן דינה'ן. און יעקב'ס זין זיינען אָנגעקומען פון פעלד, וואָרים זיי האָבן דערהערט וואָס עס האָט געטראָפן, און עס האָט זיי זייער פאַרדראָסן אויף דער נבלה (מיאוסע זאך). האָט שוין חמור גערעדט צו זיי אלע און געזאָגט:

— מיין זון שכם האָט זייער ליב אייער טאָכטער; גיט זי אים, איך בעט אייך, פאַר א ווייב! און איר אלע וועט קאָנען נעמען אונ־זערע טעכטער, און איר וועט אונז געבן אייערע טעכטער, און איר וועט וואוינען מיט אונז אין לאַנד, און איר וועט זיך פריי איינבירגערן דאָ!

און שכם אליין איז אויך ארויסגעקומען און געזאגט:

— לאמיך געפינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגן, און וואס נאר איר וועט מיר זאגן וועל איך געבן, וויפיל נדן און מתנות אירווילט אליין, וועל איך אייך געבן, נאר גיט מיר דאס מיידל פאר א ווייב!

האבן יעקב'ס זין געענטפערט שכם'ן און חמור'ן זיין פאטער:

— מיר קאנען ניט געבן אונזער שוועסטער צו א מאן פון אן אנ־דער פאלק, וואס ער איז ניט גע'מל'ט (באשניטן), ווייל עס איז א שאנד פאר אונז. נאר אויב איר אלע וועט זיך מל זיין, דאמאלט וועלן מיר זיך מיט אייך משדך זיין און קאנען ווערן איין פאלק!

האבן חמור און שכם גערעדט צו אלע מענטשן פון דער שטאט וועגן דעם, און זיי זיינען אלע באשטאנען דערויף, און זיי האבן זיך מל געווען.

און עס איז געווען אויפן דריטן טאג, האבן יעקב'ס צוויי זין, שמעון און לוי, גענומען זייערע שווערדן, און זיי זיינען אנגעפאלן אויף דער שטאט און אויסגע'הרג'עט אלע מאנספארשוינען, און אויך שכם און חמור זיינען געפאלן טויט, — און זיי האבן ארויסגענומען דינה'ן פון שכם'ס הויז.

* * * *

רחל'ס טויט.

און גאט האט געזאגט צו יעקב'ן:

— שטיי אויף, גיי ארויס קיין בית־אל און זיץ דארטן!

האט יעקב געזאגט צו זיין הויזגעזינט און צו אלע מענטשן, וואס מיט אים:

— טוט אפ און ווארפט אוועק אלע פרעמדע אפגעטער, מאכט זיך ריין און בייט איבער אייערע קליידער, און לאמיר גיין קיין בית־אל, און איך וועל דארטן בויען א מזבח צו דעם גאט, וואס איז מיט מיר געווען אויף דעם וועג, וואס איך בין געגאנגען, און וואס האט מיר גע־האלפן אין מיין נויט!

און יעקב איז געקומען קיין לוז, דאס איז בית־אל, אין לאנד כנען, און ער האט דארטן געבויעט א מזבח צו גאט.

נאָכדעם איז יעקב אוועקגעגאנגען פון בית־אל ווייטער אויף זיין וועג אהיים.

און ווען עס איז נאָך געווען א שטרעק לאַנד צו קומען קיין אפרת, איז רחל געגאנגען צו קינד, און זי האָט געהאַט א שווער געבוירן. האָט איר די הייבאם געזאָגט, אַז זי זאָל זיך ניט שרעקן, ווייל דאָס וועט אויך זיין אַ זון.

און רחל האָט געבוירן א זון, און זי האָט אים גערופן בן־אוני (דער זון פון מיין פיין) און יעקב האָט אים גערופן בנימין (דער זון, וואָס איז מיר טייער ווי מיין רעכטע האנט).

און רחל איז געשטאָרבן און זי איז באגראָבן געוואָרן אויפן וועג פון אפרת, דאָס איז בית־לחם. און יעקב האָט געשטעלט א מצבה אויף איר קבר. דאָס איז די מצבה, פון רחל׳ס קבר ביז היינטיקן טאָג.

און יעקב איז געקומען צו זיין פאָטער יצחק׳ן קיין חברון. און יצחק איז געשטאָרבן אלט און זאַט מיט יאָרן. הונדערט און אכציק יאָר האָט ער געלעבט.

און עשו מיט יעקב׳ן האָבן אים באגראָבן אין דער מערת־המכפלה.

* * * *

יעקב׳ס קינדער און זייערע מוטערס

לאָה האָט געבוירן:

ראובן (דער בכור)
שמעון,
לוי,
יהודה,
יששכר,
זבולון,
דינה (די טאָכטער).

רחל האָט געבוירן:

יוסף,
בנימין.

זלפה, לאָה׳ס דינסט, האָט געבוירן:

גד,
אָשר.

בלהה, רחל׳ס דינסט האָט געבוירן:

דן,
נפתלי.

מעשיות און לעגענדעס

1.

עשו׳ס שטראַף.

אַז יעקב׳ס שלוחים זיינען געקומען צו עשו׳ן און אים אָנגעזאָגט, אַז יעקב וויל זיך מיט אים איבערבעטן, האָט עשו באַפוילן מיט שטאָלץ און מיט כעס:

— גייט און זאָגט יעקב׳ן, אַז איצט וועל איך זיך ערשט אָן אים נוקם זיין! איצט וויים איך, אַז ער האָט ניט נאָר מיך אַליין באַשווינדלט, נאָר ער האָט אויך אָפּגענאַרט אונזער פעטער לבנ׳ען. ער האָט ביי אים צוגענומען זיינע טעכטער און זיין גאַנצן פאַרמעגן, און ער איז פון אים אַנטלאָפן! דערום גיי איך אויף אים מיט פיר הונדערט מאַן, און איך וועל אים באַצאָלן אי פאַר מיר און אי פאַר לבנ׳ען!

יעקב האָט דאָס דערהערט, און ער האָט זיך זייער שטאַרק דערשראָקן. האָט ער געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אים מציל זיין פון עשו׳ס הענט.

האָט גאָט אַראָפּגעשיקט פיר הונדערט טויזנט מלאָכים, רייטנדיק אויף שטאַרקע פערד און אָנגעטאָן אין פאַנצערס, און זיי זיינען אַרום אַנטקעגן עשו׳ן.

אַז עשו האָט דערזען דידאָזיקע גרויסע אַרמיי, האָט ער א דערציטערטער א פרעג געטאָן:

— וועמעס אַרמיי איז דאָס?

האָבן די מלאָכים אים געענטפערט:

— דאָס איז יעקב׳ס אַרמיי!

און אַזוי ווי עשו האָט געוואָלט אָנהויבן די מלחמה, האָבן די מלאָכים צעקלאַפּט אַלע זיינע מענטשן ביז איינעם, און עשו אַליין איז אויך שיער ניט געפאַלן א פאַרוואונדעטער.

האָט עשו זיך אָנגעהויבן צו בעטן ביי די מלאָכים:

— שוין צוואַנציק יאָר, אַז איך האָב מיין ליבן ברודער יעקב'ן ניט געזען; און איצט וויל איך זיך מיט אים איבערבעטן, — שטעלט אָפּ די מלחמה!...

האָבן אים די מלאכים געזאָגט:

— היט זיך, עשו, אונז וועסטו ניט אָפּנאַרן! זאָלסט זיך ניט דער־וועגן אָנצורירן אַ האָר יעקב'ס, און זאָלסט מיט אים קיין שלעכט וואָרט ניט אויסרעדן אפילו! וואָרים אַז ניט, וועט פון דיר קיין שריד־ופּליט ניט בלייבן!

ווען עשו האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד געלאָפן אַנטקעגן יעקב'ן, און ער האָט אים אַרומגענומען, און איז געפאַלן אויף זיין האַלז און האָט אים געקושט...

*　*　*　*

2.

יעקב העלפט די אָרימע אין שכם.

יעקב איז געקומען קיין שכם, און ער האָט באַלד באַמערקט, ווי שלעכט די רייכע באַגייען זיך מיט די אָרימע דאָרטן.

אויף אַלע נויטיקע זאַכן, ווי עסנוואַרג און קליידונג, האָבן די רייכע קרעמער געשטעלט אַזעלכע הויכע פּרייזן, אַז די אָרימע האָבן קיינ־מאָל ניט געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן פאַר זיי. און דערפאַר זיינען די אָרימע אַרומגעגאַנגען הונגעריק און נאַקעט.

פאַר די שווערסטע אַרבייטן, וואָס די אָרימע האָבן געאַרבייט ביי די רייכע, פלעגט מען זיי באַצאָלן דעם קלענסטן לוין, און דערצו נאָך מיט פאַלשע געלט, וואָס קיינער האָט עס ניט געוואָלט נעמען.

האָט יעקב זייער רחמנות געהאַט, און ער איז אַוועק צו די רייכע לייט פון שכם און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— פאָלגט מיך, הערט אויף אַזוי צו באַשווינדלען און צו באַרויבן אייערע אָרימע אַרבייטער, וואָרים אַז ניט וועלן זיי פון אייך איינגאַנצן אַוועק, און איר וועט נאָכדעם ניט האָבן ווער עס זאָל טאָן פאַר אייך די

נויטיקע ארבייט! בעסער באגייט זיך מיט אלע יושר'דיק און ערליך, און צאלט זיי מיט ריכטיקע מטבעות, דאמאלט וועט אייך אלע זיין גוט!

האבן די רייכע צו אים געזאגט:

— וואו זאלן מיר נעמען ריכטיקע מטבעות, אז ביי אונז אין לאנד זיינען גאר אזוינע ניט פאראן!

האט יעקב געענטפערט:

— אויב אזוי, לאזט מיך, וועל איך פאר אייך מאכן ריכטיקע מטבעות פון ערליכער וואג!

האבן אלע איינוואוינער פון שכם געפאלגט יעקב'ן, און זיי האבן צו אים געבראכט זייער גאנץ זילבער און גאלד, און יעקב האט עס צע־שמאלצן און האט אויסגעגאסן פאר זיי ריכטיקע מטבעות.

און פון דאמאלט אן האבן די ארימע געקריגן ערליך באצאלט פאר זייער ארבייט, און זיי האבן געקאנט קויפן אלע נויטיקע זאכן צום לעבן.

* * * *

3.

רחל'ס קבורה.

יעקב האט געוואלט טראגן זיין ליב ווייב רחל'ען קיין חברון, און זי באגראבן אין דער מערת־המכפלה, וואס זיין זיידע אברהם האט אפ־געקויפט אויף אייביק. נאר ער האט געזען מיט'ן "רוח־הקודש" (מיט נבואה), וואס עס וועט געשען אויף דעמדאזיקן וועג אין אסך יארן ארום, האט ער באשלאסן צו מאכן רחל'ס קבר אויפן וועג קיין בית־לחם.

וואס האט יעקב געזען?

ער האט געזען בנבואה, אז עס וועט קומען אמאל א שלעכטע צייט אויף די בני־ישראל. דער שונא וועט חרוב מאכן זייער לאנד ארץ־ישראל, און ער וועט פארטרייבן די אידן אין גלות אריין. ווען זיי

דאמאָלט דורכגיין אויף דעמדאָזיקן וועג, לעבן דער מוטער רחל׳ס קבר, און זיי וועלן וויינען און קלאָגן און עס וועט ניט זיין אפילו ווער עס זאָל זיי זאָגן א טרייסט-וואָרט.

דאמאָלט וועט רחל דערהערן דאָס געוויין פון אירע קינדער, און זי וועט אויפשטיין און שרייען און בעטן פאר זיי צו גאָט, און איר שטים וועט געהערט ווערן אין די הויכע הימלען, ווי דער נביא ירמיהו האָט געזאָגט:

— קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים, רחל מבכה על בניה!... (אַ קול וועט אין הימל געהערט ווערן, א קלאָג און א ביטער געוויין, רחל וויינט אויף אירע קינדער).

וועט איר גאָט ענטפערן:

— ושבו בנים לגבולם!... (טרייסט זיך, רחל, דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן צוריק צו דעם גרעניץ פון זייער לאנד!...)

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

עם לבן גרתי (מיט לבנ׳ען האָב איך געוואוינט):
מ׳זאָגט עס אויף איינעם וואָס וואוינט צווישן גויים, און איז דאָך אַ גוטער איד. אָדער: אויף איינעם, וואָס זיצט אין א געמיינער שכנה׳שאַפט, און איז פאָרט אַ לייטישער מענטש.

ויירא ויצר (און ער האָט מורא געהאַט, און עס האָט אים באַנג געטאָן):
אָנשטאָט: איך האָב מורא פאר זיך, און ס׳טוט מיר לייד פאר יענעם.

קטונתי מכל החסדים (איך בין צו קליין פאַר אַלע חסדים):
ווען איינער וויל זאָגן, אַז ער איז גאָר ניט ווערט, וואָס מ׳טוט אים אַזויפיל גוטס...

כי במקלי עברתי (וואָרים מיט מיין שטעקן בין איך איבערגעגאַנגען):
אָנשטאָט: געקומען מיט ליידיקן, און אַוועק מיט פולן...

כחול הים (ווי די זאַמד פון ים):
מ׳באַצייכנט דערמיט אַסך מענטשן, אָדער אַסך געלט. "ממש כחול הים"...

מן הבא בידו (פון וואָס ס׳איז אים געקומען צו דער האַנט):
"ער נעמט מן הבא בידו"...

אכפרה פניו במנחה (לאָמיך אים איינשטילן זיין כעס מיט אַ מתנה):
מ׳באַצייכנט דערמיט איינעם אַ שררה, ווען מ׳גיט שוחד (גרעפט).

מה שמך (וואָס איז דיין נאָמען).

פנים אל פנים (געזיכט צו געזיכט):
"זען זיך פנים אל פנים"...

סדרה

וישב

(און ער איז געזעסן)

יוסף׳ס חלומות

און יעקב איז געזעסן אין דעם לאנד כנען. און דאָס זיינען די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט יעקב׳ן.

יוסף איז צו זיבעצן יאָר שוין געווען אַ פּאַסטוך ביי די שאָף אינאיינעם מיט זיינע ברידער. און אַלס אינגל נאָך איז ער געווען געוואוינט צו זיין מיט די זין פון בלהה׳ן און זלפה׳ן. און ער פלעגט זיי באַרעדן צו שלעכטן פאַר זייער פאָטער.

און יעקב האָט ליב געהאַט יוספ׳ן מער פון אַלע זיינע זין, ווייל ער איז ביי אים געווען אַ בן־זקונים. און ער האָט אים געמאַכט אַ געשטרייפט העמדל.

און אַז די ברידער האָבן געזען, אַז זייער פאָטער האָט יוספ׳ן מער ליב פון זיי, האָבן זיי אים געהאַסט, און זיי האָבן ניט געקאָנט רעדן מיט אים פרידלאַך (בשלום).

איינמאָל האָט זיך יוספ׳ן געחלומ׳ט אַ חלום, און ער איז געקומען צו זיינע ברידער און האָט געזאָגט:

— הערט נאָר אוים, וואָס עס האָט זיך מיר געחלומ׳ט: מיר זיינען אין פעלד און מיר בינדן גאַרבן (בינטלאַך תבואה), הויבט זיך אויף מיין גאַרב און בלייבט שטיין, און אייערע גאַרבן רינגלען אַרום און בוקן זיך צו מיין גאַרב!

האָבן די ברידער צו אים געזאָגט:

— וואָס דענקסטו דערמיט? צי ווילסטו קיניגן און זיין א מושל איבער אונז?

און זיי האָבן אים נאָכמער פיינט באקומען, ווי פריער, איבער זיינע חלומות.

און יוספ׳ן האָט זיך ווידער גע׳חלומ׳ט א חלום, און ער האָט אים דערציילט צו זיינע ברידער:

— איצט האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז די זון און די לבנה און עלף שטערן בוקן זיך צו מיר!

און ווען ער האָט עס דערציילט צו זיין פאָטער, האָט ער אויף אים אָנגעשריען:

— וואָס איז דאָס פאַר א חלום? צי וועל איך און דיין מוטער און דיינע ברידער קומען זיך בוקן פאַר דיר צו דער ערד?

און די ברידער האָבן אים מקנא געווען אויף אַלצדינג.

* * * *

די ברידער פארקויפן יוספ׳ן.

איינמאָל זיינען די ברידער געגאנגען פיטערן זייער פאָטער׳ס שאָף אין שכם.

האָט יעקב געזאָגט צו יוספ׳ן:

— גיי, מיין זון, און זע וואָס עס מאַכן דיינע ברידער אין שכם, און ווי אַזוי זיינען די שאָף, און ברענג מיר אַן ענטפער!

איז יוסף אַוועקגעגאַנגען פונם טאָל פון חברון, און ער איז געקומען קיין שכם. האָט אים א מאַן אָנגעטראָפן, ווי ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין פעלד, און ער האָט אים געפרעגט:

— וואָס זוכסטו?

האָט יוסף געענטפערט:

— מיינע ברידער זוך איך! זאָג מיר, איך בעט דיך, וואו פיטערן זיי?

האָט דער מאַן געזאָגט:

— זיי זיינען אַוועק פון דאנען. ווייל איך האָב געהערט ווי זיי זאָגן: "לאָמיר גיין קיין דותן!"

איז יוסף געגאנגען נאָך זיינע ברידער, און ער האָט זיי געפונען אין דותן.

און ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען פון ווייטן, האָבן זיי פארטראכט אים צו טויטן. און זיי האָבן געזאָגט איינער צום צווייטן:

— אָט קומט ער, דער בעל-חלומות! און איצט לאָמיר אים הרג'ע־נען און אים אריינוואַרפן אין איינעם פון די גריבער, און מיר וועלן זאָגן, אז א בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן! און דאמאָלט וועלן מיר זען, וואָס עס וועט ווערן פון זיינע חלומות!

האָט ראובן געזאָגט צו די ברידער:

— איר זאָלט ניט פארגיסן קיין בלוט! וואַרפט אים בעסער אריין אין דעמדאָזיקן גרוב, וואָס אין דעם מדבר, נאָר קיין האנט זאָלט איר אויף אים ניט לייגן!

און דאָס האָט ראובן געזאָגט אומיסטן, כדי ער זאָל אים מציל זיין פון זייערע הענט, און נאָכדעם אים אומקערן צום פאָטער.

און ווי יוסף איז צוגעקומען צו זיינע ברידער, האָבן זיי באלד אראָפּגענומען זיין געשטרייפט העמדל פון אים, און זיי האָבן אים אריינגעוואָרפן אין גרוב אריין. און דער גרוב איז געווען ליידיק, קיין וואַסער איז אין אים ניט געווען.

און זיי האָבן זיך געזעצט עסן.

און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן און דערזען, אז א קאַראַ־וואַן פון ישמעאלים קומט אָן פון גלעד, און זייערע קעמלען טראָגן גע־ווירץ און באלזאם און לאדאן, און זיי גייען קיין מצרים.

האָט יהודה געזאָגט צו די ברידער:

— וואָס וועט ארויסקומען, אז מיר וועלן הרג'ענען אונזער ברו־דער? לאָמיר אים פארקויפן צו די ישמעאלים, נאָר אונזער האנט זאָל אויף אים ניט זיין, וואָרים ער איז דאָך נאָכאַלעמען אונזער ברודער, אונזער אייגן פלייש!

האָבן די ברידער געפאָלגט יהודה'ן, און זיי האָבן ארויסגעשלעפּט יוספ'ן פון גרוב, און זיי האָבן אים פארקויפט צו די ישמעאלים פאַר צוואנציק זילבערשטיק. און די סוחרים האָבן אוועקגעפירט יוספ'ן קיין מצרים.

ראובן איז ניט געווען ביים פאַרקויפן. און ווען ער האָט זיך אומגעקערט צום גרוב און ער האָט יוספ'ן דאָרטן ניט געפונען, האָט ער צעריסן זיינע קליידער אויף זיך, און ער האָט אויסגעשריען צו זיינע ברידער:

— דאָס אינגל איז ניטאָ! און איך, דער בכור, וואָס בין פאַראַנטוואָרטליך פאַר אייך אַלע, וואו וועל איך איצט הינקומען?

און זיי האָבן גענומען יוספ'ס געשטרייפט העמדל און האָבן עס איינגעטונקט אין בלוט פון א יונג ציגעלע, וואָס זיי האָבן געקוילעט, און זיי האָבן עס געבראַכט צו זייער פאָטער און געזאָגט:

— אָט דאָסדאָזיקע האָבן מיר געפונען; דערקען נאָר, אויב עס איז דיין זונ'ס העמדל, אָדער ניט!

האָט עס יעקב באַלד דערקענט, און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, דאָס איז מיין זונ'ס העמדל! א בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן! יוסף איז פאַרצוקט געוואָרן!

און יעקב האָט צעריסן זיינע קליידער, און ער האָט אָנגעטאָן א זאַק אויף זיינע לענדן, און האָט געטרויערט פיל טעג נאָך זיין זון.

זיינען געקומען זיינע אַלע קינדער צו טרייסטן אים, נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן; און ער האָט געזאָגט:

— אָט אזוי וועל איך א טרויעריקער איבער מיין זון נידערן אין קבר אריין!

* * * *

יוסף ביי פּוטיפר'ן אין הויז.

די ישמעאלים האָבן יוספ'ן געבראַכט קיין מצרים, און פּוטיפר, דעם קעניג פרעה'ס א הויפדינער, דער האַר פון די תּליינים, האָט אים אָוועקגעקויפט פון זייערע הענט.

און גאָט איז געווען מיט יוספ'ן, און ער האָט באַגליקט. און אויך פּוטיפר האָט באַגליקט אין אַלצדינג צוליב יוספ'ן. האָט יוסף געפונען חן אין זיין האַר'ס אויגן. און ער האָט אים געמאַכט פאַר אַן אויפזעער איבער זיין הויז, און אַלץ וואָס פּוטיפר האָט פאַרמאָגט האָט ער איבערגעגעבן אין יוספ'ס הענט.

און יוסף איז געווען זייער שיין אויפן געשטאַלט, און שיין אויפן געזיכט.

האָט פּוטיפר'ס ווייב זיך פאַרליבט אָן יוסף'ן, און זי האָט געזאָגט צו אים:

— נעם מיך פאַר אַ ווייב!

האָט יוסף ניט געוואָלט, און ער האָט געזאָגט צו איר:

— זע, מיין האַר ווייסט ניט, וואָס אין הויז טוט זיך, און זיין גאַנצן פאַרמעגן האָט ער איבערגעגעבן אין מיין האַנט און האָט מיר פאַרטרויעט אַלצדינג, נאָר אַחוץ דיך, ווייל דו ביזט זיין ווייב; ווי קאָן איך טאָן אַזאַ שלעכטע זאַך, און אויך זינדיקן פאַר גאָט?

אַזוי האָט פּוטיפר'ס ווייב אַלע טאָג גערעדט צו אים, און יוסף האָט איר אָפּגעזאָגט און אַפילו ניט געוואָלט הערן דערפון.

און איינמאָל, ווען יוסף איז געקומען צו טאָן זיין אַרבייט אין הויז, און עס איז קיינער פון די הויזלייט דאָרטן ניט געווען, האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין קלייד, און זי האָט געזאָגט:

— איצט מוזטו גיין מיט מיר און איך וועל זיין דיין ווייב!

האָט יוסף איבערגעלאָזט זיין קלייד אין איר האַנט, און ער איז אַנטלאָפן אין דרויסן אַרויס.

אַז פּוטיפר'ס ווייב האָט געזען, אַז יוסף איז אַנטלאָפן אין דרויסן, האָט זי גערופן אירע הויזמענטשן, און האָט צו זיי געזאָגט:

— זעט, מיין מאַן האָט אונז געבראַכט אַ עברי צו שפּעטן פון אונז! ער איז געקומען צו מיר און האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל מיט אים גיין און ווערן זיין ווייב; און אַז איך האָב אָנגעהויבן צו שרייען, האָט ער איבערגעלאָזט זיין קלייד ביי מיר, און ער איז אַנטלאָפן אין דרויסן אַרויס!

און אַז איר מאַן, פּוטיפר, איז געקומען אַהיים, האָט זי אים אויך דאָסזעלבע דערציילט.

האָט די זאַך פּוטיפר'ן שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט יוסף'ן אַריינגעזעצט אין דעם געפענקעניש, וואו אַלע געפאַנגענע פונם קעניג זיינען איינגעשפּאַרט.

* * * *

יוסף אין געפענקעניש.

און גאָט איז געווען מיט יוסף'ן, און ער האָט געפונען חן אין די אויגן פונם האַר פון דעם געפענקעניש. און דער האַר פון געפענקעניש האָט געמאכט יוסף'ן פאַר אן אויפזעער איבער אלע געפאַנגענע דאָרטן, און יוסף האָט אכטונג געגעבן אויף אלצדינג, וואָס זיי האָבן דאָרטן גע־טאָן, און גאָט האָט אים באַגליקט.

אין יענער צייט האָבן זיך צוויי הויפדינער, דער געטראַנק־מייס־טער און דער בעקער־מייסטער, פאַרזינדיקט אקעגן פרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים. און דער קעניג האָט זיי אריינגעזעצט אין געפענקעניש, וואו יוסף איז געזעסן.

האָט דער האַר פון די תלינים אַוועקגעשטעלט יוסף'ן לעבן זיי, אז ער זאָל זיי באדינען די גאַנצע צייט.

האָט זיך ביידע הויפדינער גע'חלום'ט חלומות אין איין נאַכט, און זיי זיינען אויפגעשטאַנען אין דערפרי זייער טרויעריקע.

האָט יוסף זיי געפרעגט:

— פאַרוואָס זיינען אייערע פנים'ער היינט אַזוי טרויעריק?

האָבן זיי געענטפערט:

— עס האָט זיך אונז ביידע גע'חלום'ט חלומות, און ניטאָ ווער עס זאָל אונז פותר זיין.

האָט יוסף צו זיי געזאָגט:

— באשיידונגען (פתרונים) זיינען דאָך צו גאָט; נאָר פונדעסט־וועגן דערציילט מיר!

האָט דער געטראַנק־מייסטער דערציילט זיין חלום צו יוסף'ן אַזוי:

— מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז פאַר מיר שטייט א ווייִנשטאָק, און אויפן ווייִנשטאָק דריי צווייגן, און ער בליט, און אָט זיינען די ווייִנטרויבן באלד צייטיק געוואָרן. און פרעה'ס בעכער האַלט איך אין מיין האַנט, און איך האָב אויסגעקוועטשט די זאַפט אין בעכער אַריין, און האָב אים דערלאַנגט צו פרעה'ן אין האַנט אַריין!

האָט יוסף צו אים געזאָגט:

— דער פתרון (באַשיידונג) איז אָט וואָס: די דריי צווייגן זיינען

דריי טעג. אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה דיך פון דאַנען אַרויסנעמען און דיך אומקערן צוריק צו דיין שטעל, און דו וועסט ווידער דערלאַנגען פּרעה׳ן זיין בעכער צום טרינקען, ווי דו פלעגסט עס טאָן פריער!... אָבער איך בעט דיך א טובה, אז דיר וועט שוין גוט זיין, זאָלסטו מיך דערמאָנען פאַר פּרעה׳ן און זאָלסט מיך אַרויסנעמען פון דעמדאָזיקן געפענקעניש. וואָרים מיך האָט מען אַרויסגע׳גנב׳עט פונם לאַנד פון די עברים און מ׳האָט מיך דאָ פאַרקויפט פאַר א קנעכט, און אויך דאָ האָב איך גאָרניט געזינדיקט, וואָס מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין תּפיסה (געפענקעניש).

און אַז דער בעקער־מייסטער האָט געזען, אַז יוסף האָט צום גוטן פּותר געווען, האָט ער געזאָגט צו אים:

— אויך איך קום דיר דערציילן מיין חלום: מיר האָט זיך גע־חלום׳ט, אַז דריי געפלאָכטענע קערב זיינען אויף מיין קאָפּ, און אין דעם אויבערשטן קאָרב איז דאָ פון אַלערליי געבעקסן, וואָס פּרעה האָט ליב צו עסן, און די פויגלען שטייען און עסן פונם קאָרב איבער מיין קאָפּ!

האָט יוסף געענטפערט:

— דער פּתרון (באַשיידונג) איז אָט וואָס: די דריי קערב זיינען דריי טעג. אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה אַראָפּנעמען דיין קאָפּ, און ער וועט דיך אויפהענגען אויף א בוים, און די פויגלען וועלן עסן דיין פליש פון דיר!...

און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, אין פּרעה׳ס געבורטסטאָג, האָט ער געמאַכט א מאָלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט.

און פּרעה האָט אומגעקערט דעם געטראַנק־מייסטער צו זיין פריערי־קער שטעל, און ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער צו פּרעה׳ס האַנט; און דעם בעקער־מייסטער האָט פּרעה אויפגעהאַנגען.

אַזוי ווי יוסף האָט זיי פּותר געווען, אַזוי איז געווען.

אָבער דער געטראַנק־מייסטער האָט ניט דערמאָנט יוסף׳ן, און ער האָט אים אינגאַנצן פאַרגעסן.

———:•:———

מעשיות און לעגענדעס

1.

יוסף פאַלט אויף זיין מוטער'ס קבר.

ווען די ישמעאלים האָבן יוסף'ן אוועקגעפירט קיין מצרים, זיינען זיי געגאַנגען אויפן וועג פון אפרת, וואו עס געפינט זיך רחל'ס קבר.

אַז יוסף האָט דערזען זיין מוטער'ס קבר, איז ער אַרויפגעפאַלן אויף אים און האָט אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן:

— מאַמע, מאַמע מיינע! שטיי אויף און זע, ווי דיין זון איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר א קנעכט! זע, וואָס מיינע שלעכטע ברידער האָבן צו מיר געטאָן; זיי האָבן מיין געשטרייפט העמדל אַראָפּגעריסן פון מיר, און מיך פאַרשיקט פון מיין ליבן פאָטער! שטיי אויף, מאַמע, און זע, ווי דעם טאַטנס האַרץ ווייטאָקט און זיין נשמה טרויערט נאָך זיין ליבן זון! גיי און טרייסט אים!...

און אַזוי האָט יוסף געוויינט און געקלאָגט, ביז ער איז געפאַלן אין חלשות.

און רחל'ס שטים פון קבר האָט אים דערמונטערט:

— יוסף, יוסף, מיין טייערער זון! איך האָב געהערט דיין געוויין, איך האָב געזען דיינע ביטערע טרערן, און דיין מאַמע'ס האַרץ איז פול מיט ווייטאָק אויף דיין אומגליק! אָבער האָף צו גאָט, מיין זון. איך וועל פאַר דיר בעטן צו אים, און ער וועט דיך באַשיצן אומעטום, וואו דו וועסט זיין, און ער וועט דיך פירן צו גוטן! האָב קיין מורא ניט, יוסף טייערער, גיי קיין מצרים, און דאָרטן וועט דיר גאָט פאַר אַלע דיינע יסורים באַצאָלן מיט פרייד און גרויסקייט!...

און יוסף איז פון דאָרטן אַוועק קיין מצרים פול מיט טרייסט און האָפענונג.

* * * *

2.

אַ וואָלף טרייסט יעקב׳ן.

יעקב האָט זייער געוויינט און געקלאָגט נאָך יוספ׳ן און ער האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן. זיין ווייטאָק איז געווען גרויס, וואָס ער האָט אפילו ניט געקאָנט ברייננען יוספ׳ן צו קבורה, און ער האָט ניט געוואוסט וואו זיין געביין איז הינגעקומען.

האָט ער איינמאָל צוגערופן זיינע זין און געזאָגט צו זיי:

— קינדער מיינע, נעמט אייערע כלי־זיין און גייט אַרויס אין פעלד אַריין, אפשר וועט איר דאָרטן געפינען כאָטש איין אבר פון יוספ׳ן, וועל איך אים מקבר זיין, און וועל זיך דערמיט אַביסל טרייסטן!

— האָבן די זין געפרעגט יעקב׳ן:

— און אויב מיר געפינען גאָרניט פון יוספ׳ס קערפּער אין פעלד, וואָס זאָלן מיר דאַמאָלט טאָן?

האָט יעקב צו זיי געזאָגט:

— אויב איר וועט גאָרניט געפינען, זאָלט איר כאַפּן די ערשטע בייזע חיה, וואָס איר וועט באַגעגענען, און זי ברייננען צו מיר. אפשר וועט אייך גאָט צושיקן טאַקע דיזעלבע בייזע חיה, וואָס האָט פאַר־צוקט יוספ׳ן, וועל איך מיט מיינע הענט נעמען נקמה פון איר!

זיינען די זין אוועק אין פעלד, און די ערשטע בייזע חיה, וואָס זיי האָבן דאָרטן דערזען, איז געווען אַ וואָלף. האָבן די ברידער געכאַפּט דעם וואָלף אַ לעבעדיקן, און אים געבראַכט צו יעקב׳ן, זייער פאָטער.

דערזעענדיק דעם וואָלף, האָט יעקב, אַ פאַרביטערטער, אויסגע־שריען צו אים:

— דו, ווילדע חיה, ווארום האָסטו פאַרצוקט מיין אומשולדיקן זון? ווי אַזוי האָסטו ניט מורא געהאַט פאַר׳ן באַשעפער, פאַר דעם האַר פון דער וועלט?...

האָט דער וואָלף אַ קוק געטאָן אויף יעקב׳ן, און ער איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. ער האָט ניט געקענט צוזען דעם גרויסן צער אויף דעם אַלטנס פנים. און ער האָט אונטערטעניק געענטפערט:

— ניין, ניין, איך שוועך דיר ביי דעם נאָמען פון דעם וועלט-באַ-שעפער, אז איך האָב דיין זון ניט פארצוקט, איך האָב דיין זון קיינמאָל ניט געזען אפילו! נאָר איך זע, אז גאָט האָט מיך צו דיר געבראַכט, כדי איך זאָל דיך טרייסטן. צרת רבים חצי נחמה. יענעמ'ס צרה איז אַ האַלבע טרייסט. זיי וויסן, מיין האַר, אַז מיך האָט אויך געטראָפן דערזעלבער אומגליק וואָס דיך. ביי מיר איז פאַרלוירן געוואָרן מיין ליבסטער זון, און שוין צען יאָר, אַז איך וואַנדער אַרום און זוך אים, און איך ווייס ניט צי ער איז געפאנגען ערגיץ, צי ער איז חלילה שוין גאָר-ניט צווישן די לעבעדיקע!...

אַז יעקב האָט דערהערט די רייד פונם וואָלף, האָט ער פרייער אָפגעאָטעמט, און אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אַ שיין געטאָן אין זיין מח:

— ווער ווייסט, — האָט יעקב געטראַכט, — עס קאָן דאָך זיין, אַז דער וואָלף איז גערעכט, אפשר לעבט נאָך יוסף, נאָר ער איז ערגיץ געפאנגען?!

* * * *

3.

יוסף אין פוטיפר'ס הויז.

ווען יוסף האָט אָנגעהויבן צו באַדינען זיין האַר פוטיפר'ן, איז ער געווען פול מיט שרעק. ער האָט געוואוסט, אַז צו זיין אַ באַדינער ביי אַזאַ גרויסן מאַן, איז תמיד אַ סכנה. מע דאַרף וויסן ווי אַזוי אים צו-פרידנשטעלן, וואָרים פאַר'ן קלענסטן טעות קאָן ער שווער באַשטראָפן, און אפילו טויטן דעם קנעכט.

נאָר גאָט האָט מיט יוסף'ן געטאָן וואונדער.

איינמאָל האָט פוטיפר געהייסן יוסף'ן, אַז ער זאָל אים ברענגען אַ גלאָז הייסע וואַסער, איז יוסף געלאָפן און האָט אים געבראַכט הייסע וואַסער.

האָט פוטיפר פארזוכט, און פלוצלינג האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף יוסף'ן:

— איך האָב געמאַכט אַ טעות! ווי קאָן איך דען טרינקען הייסע

וואַסער? האָסטו דען אַליין ניט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געמיינט קאַלטע וואַסער?

האָט זיך יוסף דערשראָקן, נאָר ער האָט באַלד געענטפערט:

— יאָ, מיין האַר, איך האָב דאָס פאַרשטאַנען, און איך האָב דיר טאַקע געבראַכט דאָ קאַלטע וואַסער!

און פּוטיפר האָט ווידעראַמאָל פאַרזוכט, און די וואַסער איז טאַקע געווען קאַלט.

אַן אַנדער מאָל האָט פּוטיפר באַפוילן יוספן׳, אַז ער זאָל אים ברייג־גען זיסן וויין, און יוסף האָט אים געבראַכט זיסן וויין.

האָט פּוטיפר פאַרזוכט, און פּלוצלונג האָט ער זיך צעשריען אויף יוספ׳ן:

— ווארום גערענקסטו אַליין ניט, אַז אין דערדאָזיקער שעה טרינק איך נאָר זויערן וויין?

האָט יוסף געענטפערט:

— יאָ, מיין האַר, איך האָב דאָס טאַקע געדענקט, און דערפאַר האָב איך דיר געבראַכט דאָ זויערן וויין!

און פּוטיפר האָט ווידעראַמאָל פאַרזוכט, און דער וויין איז טאַקע געווען זויער.

האָט פּוטיפר שוין געזען, אַז זיין קנעכט איז אַ וואונדער־מענטש, און ער האָט אים איבערגעגעבן די הערשאַפט אויף זיין גאַנצן פאַר־מעגן.

* * * *

4.

די שטראָף פאַר גאווה.

אַז יוסף איז געוואָרן דער עלטסטער איבער פּוטיפר׳ס אַלע קנעכט, האָט ער באַקומען גאווה, זיך געהאַלטן שטאָלץ און גרויס אַקעגן זיי, ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פּוצן און לעבן אין לוקסוס, און ער האָט ביי זיך געטראַכט:

— זייער גוט, וואָס גאָט האָט מיט מיר אַזוי געפירט, אַז איך זאָל פאַרגעסן אָן מיין פאָטער׳ס הויז...

האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— יוסף, אַזוי גיך ווילסטו שוין פאַרגעסן פון וואַנען דו קומסט? דיין אַלטער פאָטער זיצט נאָך און קלאָגט נאָך דיר, האַלטנדיק אַ זאַק מיט אַש אויף זיין גרויען קאָפּ, און דו פאַרברייינגסט דאָ אין אַזאַ לוקסוס, און דו גרויסט זיך אַקעגן די אַנדערע קנעכט? — אויב אַזוי זאָלסטו וויסן, אַז דו וועסט דערפאַר באַשטראָפט ווערן!

און עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און עס איז אויף אים אָנגעקומען דער בלבול פון פוטיפר׳ס ווייב, און מע האָט אים אַריינגעזעצט אין געפענקעניש.

* * * *

5.

דער בלבול פון פוטיפר׳ס ווייב.

פוטיפר׳ס ווייב, זליכה, איז געווען זייער אַ שיינע פרוי, און אַלע מענער פון מצרים האָבן זי געליבט.

אַז זי האָט דערזען יוסף׳ן צום ערשטן מאָל, האָט זי זיך באַלד פאַרליבט אין אים, און זי האָט געדענקט, אַז יוסף אַלס אַ קנעכט, וועט געוויס זיין גליקליך צו הערן, אַז זיין האַר׳ס פרוי, און נאָך אַזאַ שיינע ווי זי, זוכט זיין ליבע. האָט זי אים דאָס דערציילט.

יוסף האָט זיך אָבער ניט צוגעהערט צו אירע רייד.

האָט זליכה גענומען רייצן יוסף׳ן מיט פאַרשיידענע מיטלען. זי האָט געביטן אירע קליידער דריי מאָל אַ טאָג, זי האָט זיך געשמירט מיט די בעסטע פאַרפומען, זי האָט אים געמאַכט קאָמפּלימענטן און געלויבט זיינע שיינע געקרייזלטע האָר, זיינע ליכטיקע אויגן, זיין זיסע שטים.

יוסף האָט אָבער אפילו ניט געוואָלט קוקן אויף איר. ווען זי האָט צו אים גערעדט, האָט ער געהאַלטן זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. און ער האָט זי געוואָרנט:

— אַ פרוי, וואָס האָט שוין אַ מאַן, טאָר ניט ליב האָבן קיין אַנ-

דערן, זי דארף זיין ערנטליך און געטריי צו איר אייגענעם מאן!...

איז זליכה געוואָרן אין כעס, און האָט אים געשראָקן, אַז זי וועט אים אריינזעצן אין תפיסה (געפענקעניש). האָט יוסף איר געענט־פערט:

— בעסער צו זיין א געפאַנגענער קנעכט, איידער אַ פאַלשער קנעכט!...

און פון גרוים ליבע און ווייטיק איז זליכה קראַנק געוואָרן.

זיינען אירע חבר'טעס געקומען צו איר געוואויר ווערן, און זיי האָבן זי געטראָפן זיצן און וויינען.

— וואָס ווינסטו, זליכה, און וואָס פעלט דיר דען ביי דיין רייכן מאן? — האָבן די חבר'טעס געפרעגט.

— מיר פעלט קיין שום זאַך ניט, נאָר א קנעכט מיינער פארבי־טערט מיר מיין לעבן! — האָט זליכה געענטפערט.

— אַ קנעכט גאָר? — האָבן די חבר'טעס זיך געוואונדערט — פארוואָס פארשיקסטו אים ניט אין תפיסה אריין?

— איך בין אין אים אָבער שטאַרק פארליבט! — האָט זליכה געענטפערט.

האָבן די חבר'טעס זייער געלאכט פון איר, אַז אַזאַ גרויסאַר־טיקע פרוי ווי זי זאָל ליב האָבן א קנעכט, און נאָך צוליב דעם קראנק ווערן.

האָט זליכה זיי געענטפערט:

— אָט וועט איר באלד זען, מיינע פריינדינס, צי מע קאָן ניט קראנק ווערן פון ליבע צו אַזאַ שיינעם קנעכט מיט אַזאַ געטליכן געשטאַלט ווי ער פאַרמאָגט!

און זי האָט באַפוילן יוסף'ן צו דערלאנגען פרוכטן צום טיש פאַר די געסט, און ער זאָל זיי באַדינען.

ווי נאָר די פרויען האָבן דערזען יוסף'ן אריינקומען, זיינען זיי ווי פאַר'כישופ'ט געוואָרן פון זיין שיינקייט, און זיי האָבן שוין ניט גע־קאָנט זייערע אויגן אראָפנעמען פון אים.

און נעמענדיק די מעסערס צו שניידן די פרוכטן, האָבן די

פרויען, קוקנדיק אויף אים די גאנצע צייט, זיך צעשניטן זייערע פינגער, און זיי האָבן אפילו ניט געפילט.

— וואָס איז דאָס ? — האָט זליכה זיך דערשראָקן — זעט נאָר, ווי פון אייערע הענט רינט בלוט !...

— אָ, זליכה, דיין וואונדערשיינער קנעכט האָט אונז באַצויבערט ! — האָבן אירע חבר'טעס געענטפערט — און מיר האָבן גאָרניט געפילט, אַז מיר האָבן זיך די פינגער צעשניטן !...

האָט זליכה צו זיי געזאָגט :

— איצט פאַרשטייט איר שוין, מיינע טייערע, פאַרוואָס איך בין אַזוי קראנק פון ליבע צו אים ? איר האָט אים נאָר וואָס דערזען, זענט איר שוין אַזוי באַצויבערט געוואָרן, היינט אז איך זע אים שטענדיק ביי מיר אין הויז ? !...

און דאמאָלט האָט זליכה באשלאָסן צו נעמען נקמה אָן יוסף'ן, און זי האָט געמאַכט אויף אים דעם בלבול.

* * * *

6.

די פאַרזינדיקטע הויפדינער.

די צוויי הויפדינער, דער שר־המשקים (געטראנק־מייסטער) און דער שר־האופים (בעקער־מייסטער) האָבן לאנגע יאָרן געדינט ביי פרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים, און ער האָט זיי זייער ליב געהאַט.

נאָר איינמאָל איז דער קעניג געקומען אהיים פון באָד, און ער איז געווען זייער דורשטיק און הונגעריק. האָט ער באַפוילן דעם שר־המשקים צו ברייגגען אים א גלאָז קאלטן וויין, און דעם שר־האופים צו ברייגגען אים אביסל געבעקס.

ווען פרעה האָט גענומען טרינקען, האָט ער געפונען א פליג אין דער גלאָז וויין. און ווען ער האָט גענומען עסן, האָט ער געפונען אַ שפּענדל אין געבעקס.

איז פרעה שטארק אין כעס געוואָרן אויף דיביידע הויפדינער, און ער האָט זיי אריינגעזעצט אין געפענקעניש.

און יוסף איז אוועקגעשטעלט געוואָרן צו באדינען זיי אין תפיסה.
איינמאָל אין א פרימאָרגן, ווען יוסף איז געקומען צו באדינען די צוויי האַרן, האָבן זיי אים געזאָגט, אז זיי דארפן האָבן א שטערנזעער צו פותר זיין זייערע חלומות.

— וואָס דארפט איר א שטערנזעער? — האָט יוסף געזאָגט — דערציילט מיר אָקאָרשט אייערע חלומות, און איך גלויב, אז מיין גאָט וועט מיר געבן שכל צו באשיידן זיי!

האָבן זיך די צוויי הויפדינער אָנגעבייזערט אויף יוסף'ן:

— רעד ניט קיין נארישקייטן! האָסטו שוין געזען, אז א קנעכט זאָל שכל האָבן צו פותר זיין חלומות? פונקט ווי אַן אייזל זאָל קאָנען זיין א שטערנזעער, אָדער א פערד זאָל זיין אַ כישופמאַכער!...

יוסף האָט זיך אָבער ניט באליידיקט. ער האָט נאָר געבעטן, אז זיי זאָלן אים דערלויבן צו דערציילן זיי א שיין מעשה'לע.

זיי האָבן אים דערלויבט, און ער האָט זיי דערציילט דאָסדאָזיקע מעשה'לע:

* * * *

7.

דער פארשעמטער דאָקטאָר קימטאָם.

געווען אמאָל א גרויסער דאָקטאָר, האָט ער געהייסן קימטאָם. ער האָט גע'שמ'ט (געהאַט א נאָמען) אלס דער בעסטער דאָקטאר אין לאנד. ער אַליין האָט אָבער געוואָלט נאָכמער באַרייכערן זיין קענטעניש אין דער מעדיצין. האָט ער באשלאָסן זיך אַוועקצולאָזן אין ווייטע לענדער און אומעטום זיך לערנען ביי בעסערע און גרעסערע דאָקטוירים פון אים.

האָט ער גענומען זיין קעסטל מיט די היילונג-גראָזן און מיט די גרייטע געמאכטע רפואות, האָט איינגעשפאַנט זיין אייזל, און איז אַוועק אין וועג.

איינמאָל, זייענדיק אין פעלד, איז אויף אים אָנגעפאלן א רויבער. דער רויבער האָט אָבער קיין שום רייכקייט ניט געפונען ביים דאָקטאָר קימטאָם. די היילונג-גראָזן און רפואות האָט דער רויבער ניט געוואָלט

נעמען, ווייל ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי. האָט ער זיך באטראַכט, אַז ער וועט כאָטש צונעמען ביים דאָקטאָר זיינע קליידער.

דער רויבער האָט געצוואונגען דעם דאָקטאָר אויסצוטאָן זיינע גוטע קליידער, און ער האָט איבערגעלאָזט דעם דאָקטאָר זיינע אלטע שמאַטעס, און איז אַוועק.

דאָקטאָר קימטאָס האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ער האָט אָנגעטאָן דעם רויבער'ס אַלטע שמאַטעס, און איז זיך געגאַנגען ווייטער זיין וועגס, ביז ער איז געקומען אין א גרויסער שטאָט.

פאַרבייגייענדיק לעבן א רייך הויז, האָט דאָקטאָר קימטאָס דערהערט פון דאָרטן א ביטער געוויין. איז ער אַריינגעגאַנגען אהין און האָט דערזען, ווי א קראַנק קינד ליגט אין בעט, און דריי דאָקטוירים זיצן ארום קינד, און די עלטערן שטייען און וויינען און בעטן די דאָקטוירים צו ראטעווען זייער קינד פון טויט.

איז דאָקטאָר קימטאָס צוגעקומען נעענטער צום קינד, ער האָט עס באטראַכט, און האָט געפרעגט די וויינענדיקע עלטערן:

— וועט איר מיר דערלויבן צו היילן אייער קינד מיט מיינע רפואות?

האָבן די דריי דאָקטוירים א קוק געטאָן מיט שפּאָט אויף קימטאָסן, און געזאָגט:

— אָט דערדאָזיקער אָפּגעריסענער בעטלער וויל שוין אויך ווערן א דאָקטאָר?...

און זיי האָבן געזאָגט די עלטערן, אַז זיי זאָלן אים ארויסטרייבן פון הויז. און נאָך איידער דאָקטאָר קימטאָס איז אַרויס פון הויז, איז דאָס קינד געשטאָרבן.

קימטאָס האָט געהאַט גרויס מיטלייד מיט די אומגליקליכע עלטערן, נאָר ער האָט זיי ניט באַשולדיקט. וואָרים ער האָט געוואוסט, אַז סאַי די דאָקטוירים און סאַי די עלטערן האָבן ניט געקאָנט גלויבן, אַז אַזאַ אָפּגעריסענער זאָל זיין א דאָקטאָר.

קימטאָס האָט אָבער פאָרט געוואָלט העלפן קראַנקע מיט וויפיל ער קאָן, נאָר ער האָט געזען, אַז קיינער גלויבט אים ניט און מע וויל

אים צו קיין חולה ניט צולאָזן. האָט ער גענומען און האָט אויסגע־לייגט זיינע רפואות אין גאַס, און ער האָט אויסגערופען, אז ער איז אַ בארימטער דאָקטאָר, וואָס היילט קראַנקע אומזיסט.

זיינען מענטשן צוגעקומען צו אים און געפרעגט:

— אויב דו ביזט טאקע אַזאַ גרויסער דאָקטאָר, פארוואָס גייסטו אַזוי אָפּגעריסן, ווי א בעטלער?

האָט ער געענטפערט:

— א רויבער איז אויף מיר אין וועג אָנגעפאלן און האָט צוגע־נומען מיינע נייע קליידער; אָבער מיין קענטעניש איז ביי מיר געבליבן!...

האָבן מענטשן שוין באקומען מער צוטרוי צו אים. עס זיינען געקומען צו אים קראנקע פון דער גאנצער שטאָט, און קימטאָם האָט זיי געזונט געמאַכט.

ווען די עלטערן פון יענעם פאַרשטאָרבענעם קינד האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי צעריסן אויף זיך די קליידער פאר ווייטיק, און זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט:

— מיר אַליין האָבן אומגעבראכט אונזער קינד! ווען מיר זאָלן דאמאָלט ניט געווען פארשעמען און ארויסטרייבן אָט דעם דאָקטאָר פון הויז, וואָלט אונזער קינד אפשר נאָך געווען געלעבט! איצט ווייסן מיר, אז ניט לויט די קליידער דאַרף מען באהאנדלען א מענטשן, נאָר לויט זיין חכמה און קענטעניש!...

ווען יוסף האָט געענדיקט דערציילן דאָס מעשה׳לע, האָט ער גע־זאָגט צו די הויפדינער:

— איצט פאַרשטייט איר שוין, מיינע הארן, איר האָט מיך פאַר־שעמט, ווייל איר זעט מיך דאָ אלס א קנעכט; אָבער ווילן זאָלט איר, אז מענטשן האָבן צוגענומען ביי מיר נאָר מיין פרייהייט, אָבער ניט מיין חכמה און קענטעניש!...

דאמאָלט האָבן שוין די צוויי הויפדינער דערציילט יוסף׳ן זייערע חלומות, און ער האָט זיי ריכטיק פותר געווען.

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.
(וועלכע מע באנוצט אין אידיש)

בן זקונים (אַ זון, וואָס ווערט געבוירן אויף דער עלטער):
אַ בן-זקונים'ל.

בעל החלומות (דער מאן פון די חלומות):
איינעם, וואָס האָט ליב צו פאַנטאַזירן רופט מען אויך "בעל-חלומות".

חיה רעה (אַ בייזע חיה):
אויף אַ שעדליכן מענטשן זאָגט מען: ער איז אַ "חיה רעה".

מה בצע (וואָס וועט ארויסקומען):
אָנשטאָט: וואָס וועל איך דערפון האָבן? וואָס וועל איך דערביי געווינען?

הילד איננו (דאָס אינגל איז ניטאָ):
ווען עמיצער פארשווינדט, ווערט נעלם: "כ'קוק זיך ארום און... הילד איננו!"

איש מצליח (אַ מאן וואָס באַגליקט):
"ער איז אַ איש מצליח!"; "ער איז אַ גרויסער בעל-הצלחה!"

אף אני בחלומי (אויך איך קום מיט מיין חלום):
ווען עמיצער דערציילט עפּיס, און עס קומט אַן'אַנדערער אויך מיט אַ געשיכטע צו דערציילן, זאָגט ער: "אף אני בחלומי!"

שר המשקים (דער געטראַנק-מייסטער):
דער וואָס דערלאַנגט געטראַנקען ביי אַ סעודה, רופט מען אים: דער "שר המשקים"...

וישכחהו (און ער האָט אים פאַרגעסן):
אויף דעם וואָס פאַרגעסט אַ טובה, וואָס עמיצער האָט אים גע-געבעטן, זאָגט מען "וישכחהו"...

סדרה

מקץ

(צום סוף)

פרעה'ס חלומות.

און עס איז געווען צום סוף פון צוויי יאָר, נאָך דעם געשעעניש מיט די צוויי הויפדינער, האָט זיך דעם קעניג פרעה'ן גע'חלומ'ט אַ חלום:

ער שטייט ביים טייך, נילוס, און פונם טייך גייען ארויף זיבן קי, שיינע און פעטע, און זיי פיטערן זיך אין דעם טייך-גראָז; און באַלד נאָך זיי גייען ארויף פונם טייך אנדערע זיבן קי, מיאוסע און מאָגערע, און זיי שטעלן זיך אוועק לעבן יענע קי. און די מיאוסע און מאָגערע קי האָבן אויפגעגעסן די שיינע און פעטע קי, און פרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

און ער איז ווידער אנטשלאָפן געוואָרן, און עס האָט זיך אים גע־חלומ'ט א צווייטן מאָל:

עס גייען אויף פון איין שטענגל זיבן זאנגען, פולע און גוטע; און באַלד נאָך זיי שפּראָצן אַרויס אַנדערע זיבן זאנגען, דינע און פאַר־ברענטע פון מזרח-ווינט. און די דינע זאנגען האָבן איינגעשלונגען די פולע זאַנגען.

און פרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דערפרי מיט א דערשלאָגן געמיט, און ער האָט געשיקט רופן אלע חרטומים און חכמים פון מצרים, און ער האָט זיי דערציילט זיינע חלומות, אָבער קיינער האָט זיי ניט געקאָנט פותר זיין.

האָט דער געטראַנק-מייסטער געזאָגט צו פרעה׳ן:

— איך מוז היינט דערמאָנען מיינע זינד. דו געדענקסט, אז דו האָסט געצערנט אויף דיינע קנעכט, און דו האָסט מיך מיט דעם בעקער-מייסטער אריינגעזעצט אין געפענקעניש. האָט זיך אונז דאָרטן ביידע גע׳חלומ׳ט חלומות אין איין נאַכט. איז געווען דאָרטן מיט אונז איינער א יונג, אַ עברי, א קנעכט פון דיין הויפדינער פוטיפר, האָבן מיר אים דערציילט און ער האָט אונז פותר געווען אונזערע חלומות און פונקט ווי ער האָט אונז פותר געווען, אַזוי איז נאָכדעם מיט אונז געשען.

* * * *

יוסף איז פותר פרעה׳ס חלומות.

האָט פרעה געשיקט רופן יוסף׳ן צו זיך. און מע האָט אים אויף גיך ארויסגענומען פון דער תפיסה, און ער האָט זיך אָפגעגאָלט, און האָט איבערגעביטן זיינע קליידער, און ער איז געקומען צו פרעה׳ן.

און פרעה האָט געזאָגט צו יוסף׳ן:

— מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט א חלום, און קיינער קאָן אים ניט פותר זיין. און איך האָב געהערט זאָגן אויף דיר, אז דו פאַרשטייסט גוט ווי פותר צו זיין א חלום.

האָט יוסף געענטפערט פרעה׳ן:

— ניט איך מיט מיין חכמה, נאָר גאָט וועט מיר זאָגן, ווי צו באַשיידן וועגן דעם שלום (פרידן) פון פרעה׳ן.

און פרעה האָט דערציילט יוסף׳ן זיינע ביידע חלומות.

האָט יוסף געזאָגט צו פרעה׳ן:

— דיינע ביידע חלומות זיינען נאָר איין חלום. וואָס גאָט וויל טאָן, האָט ער פריער אָנגעזאָגט צו דיר! די זיבן גוטע קי און די זיבן גוטע זאנגען — דאָס זיינען זיבן זאַטע יאָר; און די זיבן מאָגערע קי און די זיבן ליידיקע זאנגען — דאָס זיינען זיבן הונגער יאָר. און דאָס איז די זאַך, וואָס גאָט האָט דיר געלאָזט וויסן: זע, עס קומען אָן זיבן יאָר פון גרויס זעט אין לאנד מצרים, און נאָך זיי וועלן אָנקומען זיבן יאָר פון גרויס הונגער!

און איצט זאָל פרעה זען געפינען אַ פאַרשטאַנדיקן און אַ קלוגן מאַן, און ער זאָל אים מאַכן פאַר אַן עלטסטן איבערן לאַנד מצרים. און זאָל מען צונויפזאַמלען די גאַנצע שפּייז פון די זיבן זאַטע יאָר, און מע זאָל אָוועקלייגן אין שפּייכלערס און אָפּהיטן, כדי אַז ווען עס וועלן אָנקומען די זיבן הונגער יאָר, זאָל דאָס לאַנד האָבן גענוג שפּייז און ניט שטאַרבן פון הונגער!

איז די זאַך זייער געפעלן געוואָרן פרעה'ן און אַלע זיינע קנעכט. און פרעה האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט:

— קאָנען מיר דען געפינען אַזאַ מאַן, ווי דערדאָזיקער, וואָס דער גייסט פון גאָט איז אין אים?

* * * *

יוסף ווערט דער אויבערהאַר אין מצרים.

און פרעה האָט געזאָגט צו יוסף'ן:

— נאָכדעם, ווי גאָט האָט דיר דאָס אַלצדינג געלאָזט וויסן, זע איך, אַז עס איז ניטאָ קיין מער פאַרשטאַנדיקער און קלוגער פון דיר. און דערום זאָלסטו זיין דער אויבערהאַר איבער מיין הויז, און נאָר לויט דיין באַפעל זאָל געפירט ווערן דאָס גאַנצע ווירטשאַפט פון מיין גאַנצן פאָלק; — נאָר מיט מיין טראָן וועל איך זיין גרעסער פון דיר!

און פרעה האָט אַראָפּגענומען זיין זיגלרינג פון זיין האַנט און ער האָט אים אָנגעטאָן אויף יוסף'ס האַנט, און ער האָט אים אָנגעטאָן אין ליינענע קליידער, וואָס די קעניגליכע לייט טראָגן, און ער האָט אָנגעהאָנגען אויף זיין האַלז די גאָלדענע קייט, וואָס אַ וויצע-קעניג (שני למלך) טראָגט, און ער האָט אים אַרויפגעזעצט אויף דעם רייטוואָגן פון וויצע-קעניג, און מע האָט אויסגעשריען פאַר יוסף'ן: "אברך!", דאָס הייסט: קניען זאָל יעדער פאַר אים!

און פרעה האָט געזאָגט צו יוסף'ן:

— איך בין פרעה, דער קעניג, אָבער אָן דיין באַפעל טאָר קיינער ניט אויפהייבן אַ האַנט אָדער אַ פוס אין גאַנצן לאַנד מצרים!

און פרעה האָט אַ נאָמען געגעבן יוסף'ן: "צפנת פענח", דאָס הייסט: דער מאַן, וואָס אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענע זאַכן! און ער האָט

אים געגעבן אסנת, די טאָכטער פון פוטיפרע, דעם פריסטער פון „און״, פאַר אַ ווייב.

און יוסף איז אַלט געווען דרייסיק יאָר, ווען ער איז געוואָרן שני-למלך.

* * * *

יוסף׳ס פּתרון ווערט מקוים.

די זיבן זאַטע יאָר, וואָס יוסף האָט פאָראויסגעזאָגט, זיינען גע-קומען. און די ערד האָט אַרויסגעגעבן אין די זיבן יאָר גאַנצע הויפנס תבואה.

האָט יוסף צונויפגעזאַמלט די גאַנצע שפּייז פון די זיבן יאָר אין לאַנד מצרים, און ער האָט אַריינגעלייגט אין די שפּייכלערס פון יעדער שטאָט. און די תבואות זיינען געווען אַזויפיל ווי די זאַמד פון ים, אַז מע האָט שוין אויפגעהערט צו ציילן, ווייל עס איז שוין געווען אָן אַ צאָל.

און ביי יוסף׳ן זיינען געבוירן געוואָרן צוויי זין, וואָס אָסנת האָט אים געבוירן, איידער די הונגער יאָרן זיינען אָנגעקומען.

האָט יוסף אַ נאָמען געגעבן דעם בכור מנשה, ווייל יוסף האָט גע-זאָגט: גאָט האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן מיין מאַטערניש און אַלץ וואָס מע האָט מיר געטאָן אין מיין פאָטער׳ס הויז! (דאָס וואָרט "נשה" מיינט אין העברעאיש: פאַרגעסן). און דעם צווייטן זון האָט ער אַ נאָ-מען געגעבן אפרים, ווייל יוסף האָט געזאָגט: גאָט האָט מיך באַפרוכ-פערט און גרויס געמאַכט אין דעם לאַנד, וואו מע האָט מיך געפּיי-ניקט! (דאָס וואָרט "הפרה" מיינט אין העברעאיש: מאַכן פרוכט-פערן).

און עס האָבן זיך געענדיקט די זיבן זאַטע יאָר, און די זיבן הונגער יאָר זיינען אָנגעקומען.

און עס איז געווען אַ הונגער אין אַלע לענדער; נאָר אין גאַנצן לאַנד מצרים איז געווען פאַרגרייט ברויט.

און אַז דאָס גאַנצע פאָלק פון מצרים איז געקומען צו פּרעה׳ן און געשריען, אַז זיי ווילן ברויט, האָט פּרעה צו זיי געזאָגט:

— גייט צו יוסף׳ן, און וואָס ער וועט זאָגן, זאָלט איר טאָן!

און יוסף האָט אויפגעעפנט אַלע שפּייכלערס און האָט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן ברויט צו די איינוואוינער פון מצרים.

און אַז מע האָט דערהערט וועגן דעם אין אַנדערע לענדער, האָט מען אָנגעהויבן צו קומען קיין מצרים צו קויפן ברויט ביי יוסף׳ן, ווייל דער הונגער איז געווען גרויס אומעטום.

* * * *

יוסף׳ס ברידער קומען אָן קיין מצרים.

ווען דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט אויך אין לאַנד כנען, האָט יעקב געזאָגט צו זיינע זין:

— איך האָב געהערט, אַז אין מצרים איז דאָ אסך תבואה. נידערט אַראָפּ אַהין און קויפט דאָרטן ברויט, כדי מיר זאָלן ניט שטאַרבן פאַר הונגער!

האָבן זיך צען פון יוסף׳ס ברידער אַוועקגעלאָזט קיין מצרים נאָך ברויט. און בנימינ׳ען האָט יעקב ניט מיטגעשיקט מיט זיינע זין, ווייל ער האָט געזאָגט: טאָמער וועט טרעפן מיט אים עפּיס אַן אומגליק.

זיינען יעקב׳ס זין געקומען צווישן פיל אַנדערע מענטשן קיין מצרים. און ווען זיי זיינען אריינגעקומען צו יוסף׳ן, האָבן אַלע ברי־דער זיך געבוקט פאַר אים, ווי אַנדערע האָבן געטאָן.

און ווי נאָר יוסף האָט דערזען זיינע ברידער, האָט ער זיי באַלד דערקענט. אָבער ער האָט זיך געמאַכט פרעמד צו זיי, און ער האָט גע־רעדט מיט זיי הארטע רייד, און ער האָט זיי געפרעגט:

— פון וואַנען קומט איר?

האָבן זיי געענטפערט:

— פון לאַנד כנען, צו קויפן שפּייז!

און די ברידער האָבן יוסף׳ן ניט דערקענט, און זיי האָבן ניט גע־וואוסט, אַז דער וואָס רעדט צו זיי, איז זייער אייגענער ברודער.

און יוסף האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע חלומות, וואָס ער האָט גע־חלומ׳ט וועגן זיינע ברידער, און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— אויסקוקערס זענט איר, שפּיאָנען! איר זענט געקומען אויס־

קוקן דאָס לאַנד!

האָבן זיי צו אים געזאָגט:

— ניין, גרויסער האַר, דיינע קנעכט זיינען געקומען נאָר צו קויפן ברויט! מיר אַלע זיינען זין פון איין פאָטער, און מיר זיינען ערליכע מענטשן; מיר זיינען קיינמאָל קיין אויסקוקערס ניט געווען!

האָט יוסף נאָכאַמאָל צו זיי געזאָגט:

— ניין, ניט אמת, איר זענט יאָ געקומען אויסקוקן דאָס לאַנד!

האָבן די ברידער ווידער געענטפערט:

— צוועלף ברידער זיינען מיר, דיינע קנעכט, אַלע זין פון איין פאָטער אין לאַנד כנען, — איז דער אינגסטער געבליבן אין דערהיים מיט אונזער פאָטער, און איינער איז פאַרלוירן געוואָרן!

האָט יוסף געזאָגט צו זיי:

— נאָר מיט דער איינער זאַך וועט איר אויסגעפּרואווט ווערן צי איר זאָגט אמת: אויב אייער קליינער ברודער וועט אויך קומען אהער! ווי פּרעה לעבט, אַז איר וועט אַנדערש פון דאַנען ניט אַרויסגיין! שיקט פון אייך איינעם, אַז ער זאָל ברענגען אייער אינגסטן ברודער, און איר אַלע וועט בלייבן דאָ פאַרשפּאַרט דערוויילע. אויב ניט, שווער איך ביי פּרעה׳ס לעבן, אַז איר זענט אויסקוקערס!

און יוסף האָט זיי אַלע פאַרשפּאַרט אונטער אַ וואַך אויף דריי טעג.

* * * *

יוסף באַפרייט זיינע ברידער, אַחוץ שמעונ׳ען.

אויפן דריטן טאָג האָט יוסף געזאָגט צו זיינע ברידער:

— פאָלגט מיך און טוט וואָס איך הייס אייך, און איר וועט בלייבן לעבן! איך האָב מורא פאַר גאָט, און וויל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן! אויב איר זענט טאַקע ערליכע מענטשן, זאָל נאָר איין ברודער אייערער בלייבן פאַרשפּאַרט דאָ אין וואַכהויז, און איר אַלע גייט אַהיים מיט אייער תבואה. און אויב איר וועט מיר ברענגען אייער אינגסטן ברודער, וועלן אייערע רייד באַשטעטיקט ווערן, און איר וועט ניט געטויט ווערן!

האָבן די ברידער גערעדט צווישן זיך:

— אין אמת'ן זיינען מיר אליין שולדיק ווענן אונזער ברודער, וואָס מיר האָבן דאמאָלט צוגעזען דעם צער פון זיין זעל, ווען ער האָט זיך געבעטן ביי אונז, און מיר האָבן אים ניט צוגעהערט, — און דערום איז אויף אונז געקומען דידאָזיקע צרה!

האָט זיך ראובן אָנגערופן צו זיי:

— האָב איך דען אייך דאמאָלט ניט געזאָגט, אַז איר זאָלט זיך ניט פאַרזינדיקן איבער דעם אינגל? נאָר איר האָט מיך ניט געפאָלגט, און אָט ווערט איצט זיין בלוט געמאָנט פון אונז!

און זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז יוסף פאַרשטייט אלצדינג, וואָס זיי רעדן צווישן זיך, ווייל די גאנצע צייט האָט יוסף מיט זיי גערעדט דורך א טאָלמעטש. (אַן איבערזעצער).

האָט זיך יוסף ניט געקאָנט איינהאַלטן, ער האָט זיך אַוועקגע־קערט פון זיי און האָט געוויינט. און ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען צו זיי, האָט ער גענומען שמעון'ען און האָט אים פאַרשפאַרט.

און יוסף האָט באַפוילן, אַז מע זאָל אָנפילן זייערע זעק מיט תבואה, און זיי אויך מיטגעבן שפייז אויפן וועג, און מע זאָל אַריינ־לעגן איטליכנס געלט צוריק אין זיין זאַק אַריין.

און די ברידער האָבן גענומען זייער תבואה, און זיינען אַוועק־געגאנגען אהיים.

אויפן וועג האָט איינער געעפנט זיין זאַק צו געבן זיין אייזל עסן, האָט ער דערזען זיין געלט אין זיין זאַק, און ער האָט געזאָגט צו די ברידער:

— זעט נאָר, מיין געלט ליגט צוריק אין זאַק!

איז זיי דאָס האַרץ שיער אַרויסגעפאַלן פאַר שרעק, און זיי האָבן מיט ציטערניש געזאָגט איינער צום צווייטן:

— וואָס האָט אונז דאָ גאָט געטאָן?

און זיי זיינען געקומען אהיים צו זייער פאָטער קיין כנען, און זיי האָבן אים אלצדינג דערציילט, וואָס עס האָט מיט זיי געטראָפן. און ווען זיי האָבן גענומען דאָרטן אויסליידיקן זייערע זעק, האָט איטליכער

געפונען זיין געלט צוריק אין זיין זאק. און זיי האבן זייער מורא געהאט דערפאר.

האט זייער פאטער יעקב צו זיי געזאגט:

— איר האט מיך בארויבט פון מיינע קינדער: יוסף איז ניטא, שמעון איז שוין אויך ניטא, און איצט ווילט איר בנימינ׳ען אויך אוועקנעמען?

האט ראובן געזאגט צו יעקב׳ן:

— מיינע צוויי זין זאלסטו טויטן, אויב איך וועל דיר בנימינ׳ען ניט ברייננען צוריק; גיב אים איבער אויף מיינע הענט, און איך וועל אים צוריקברייננען!

האט יעקב געזאגט:

— ניין, מיין זון בנימין וועט ניט גיין מיט אייך! זיין ברודער איז געשטארבן, און ער איז געבליבן אליין, און טאמער וועט טרעפן מיט אים אן אומגליק אין וועג, וועט איר מאכן נידערן מיין גרויען קאפ מיט טרויער אין קבר אריין!

* * * *

יוסף׳ס ברידער קומען נאכאמאל קיין מצרים.

דער הונגער איז נאך אלץ געווען שטארק אין לאנד. און אז זיי האבן אויפגעגעסן די תבואה, וואס זיי האבן געבראכט פון מצרים, האט יעקב געזאגט צו זיינע זין:

— גייט ווידער און קויפט אונז איין ביסעל שפייז!

האט יהודה געזאגט צום פאטער:

— דער איבערהאר פון מצרים האט אונז געווארנט מיט הארבע ווערטער, אזוי זאגנדיק: "איר זאלט ניט קומען זען מיין פנים, אויב אייער ברודער וועט ניט זיין מיט אייך!" און איצט, אויב דו וועסט שיקן בנימינ׳ען מיט אונז, וועלן מיר גיין אהין קויפן שפייז; און אויב ניט, קאנען מיר אהין ניט קומען מער!

האט יעקב געזאגט:

— פארוואס האט איר מיר אזא רעה געטאן? צו וואס האט איר גאר באדארפט זאגן, אז איר האט נאך א ברודער אין דערהיים?

האָבן די ברידער געענטפערט:

— דער מאַן האָט אונז געפרעגט וועגן אונזער משפחה: צי לעבט נאָך אייער פאָטער; צי האָט איר נאָך אַ ברודער, — האָבן מיר אים געזאָגט דעם אמת. האָבן מיר דען געקאָנט וויסן, אז ער וועט זיך הייסן ברייגגען אונזער ברודער?!

און יהודה האָט ווידער געזאָגט צום פאָטער:

— שיק מיט אונז דאָס אינגל, און לאָמיר גיין, כדי מיר אלע זאָלן ניט אויסשטארבן פון הונגער. איך בין ערב פאַר אים, פון מיין האַנט זאָלסטו אים מאָנען; אויב איך וועל אים ניט ברייגגען צוריק צו דיר, זאָל איך זיין אַ פארזינדיקטער פאַר דיר אלע טעג פון מיין לעבן! ווען דו זאָלסט אונז ניט געווען פארהאַלטן, וואָלטן מיר שוין איצט צום צווייטן מאָל זיך געווען אומגעקערט!

האָט יעקב צו זיי געזאָגט:

— אויב אַזוי, טוט וואָס איך וועל זאָגן: נעמט פון די בעסטע פּרוכטן פון לאַנד אין אייערע כלים, און ברייגגט צו דעם מאַן אַ מתנה, אַביסל באַלזאַם, אַביסל האָניק, און געווירצן און נים און מאַנדלען. און נעמט מיט צוויי מאָל אַזויפיל געלט ווי פריער, און קערט אום דאָס געלט, וואָס איר האָט געפונען אין די זעק, טאָמער איז דאָס געווען אַ טעות. און נעמט מיט אייער ברודער און קערט זיך אום צום מאַן, און גאָט זאָל אייך געבן רחמנות ביי אים, און ער זאָל אייך באַפרייען שמעונ'ען און בנימינ'ען!

האָבן די ברידער גענומען די מתנה און אויך טאָפּל-געלט, און בנימינ'ען, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען קיין מצרים, און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר יוסף'ן.

* * * *

יוסף רופט זיינע ברידער צו זיך אין הויז.

אַז יוסף האָט דערזען זיינע ברידער, און בנימינ'ען צווישן זיי, האָט ער באַפוילן צו זיין הויפדינער:

— ברענג אַריין די מענטשן צו מיר אין הויז אַריין, און גרייט צו אַ מיטאָג, ווייל זיי וועלן היינט עסן מיט מיר!

האָט דער הויפּדינער אַזוי געטאָן.

און ווען די ברידער זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין יוספ׳ס הויז, האָבן זיי זיך דערשראָקן, און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— אַט דאָס איז געווים וועגן דעם געלט, וואָס מיר האָבן געפונען אין אונזערע זעק; איצט וועט מען אונז נעמען פאַר קנעכט!

זיינען זיי צוגעגאַנגען צום הויפּדינער און זיי האָבן געזאָגט צו אים:

— ווען מיר זיינען אַהער געקומען דאָס ערשטע מאָל צו קויפן שפּייז, האָבן מיר באַצאָלט; און נאָכדעם ווי מיר האָבן אויסגעליידיקט די זעק, האָט איטליכער פון אונז געפונען זיין געלט צוריק אין זיין זאַק, און מיר ווייסן ניט, ווער עס האָט אונז אַזאַ זאַך אָפּגעטאָן. איצט האָבן מיר דאָס פריערדיקע געלט אָפּגעבראַכט, און מיר האָבן נאָך אַנדער געלט צו קויפן ווידער שפּייז!

האָט דער הויפּדינער געענטפערט:

— עס איז פרידן צו אייך! איר האָט ניט וואָס מורא צו האָבן, איך האָב דאַמאָלט אייער געלט געקריגן, נאָר געווים האָט אייער גאָט און דער גאָט פון אייער פאָטער אייך געשענקט אַן אוצר אין אייערע זעק!

און ער האָט צו זיי אַרויסגעבראַכט שמעונ׳ען, און ער האָט זיי אַלע געגעבן וואַסער, און זיי האָבן אָפּגעוואַשן זייערע פיס. און זיי האָבן צוגעגרייט זייער מתנה איידער יוסף וועט אַריינקומען צום מיטאָג, וואָרים זיי האָבן שוין געהערט, אַז דאָס זיינען זיי איינגעלאַדן געוואָרן צו עסן מיט יוספ׳ן.

און ווען יוסף איז נאָר אַריינגעקומען אין הויז, האָבן די ברידער באַלד צוגעטראָגן צו אים די מתנה, און זיי האָבן זיך געבוקט פאַר אים.

האָט יוסף זיי געפרעגט:

— לעבט נאָר אייער אַלטער פאָטער, וואָס איר האָט מיר פון אים דערציילט? און ווי פילט ער אין געזונט?

האָבן זיי געענטפערט:

— דיין קנעכט, אונזער פאָטער, לעבט נאָך, און ער איז געזונט!

האָט יוסף אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף זיין ברודער בנימינ׳ען, זיין מוטער׳ס זון, און האָט געפרעגט:

— איז דאָס אייער אינגסטער ברודער, וואָס איר האָט מיר פון אים דערציילט?

און ער האָט צו אים געזאָגט:

— זאָל דיך גאָט לייטזעליקן, מיין זון!

און יוסף האָט זיך געאיילט און ער איז אַוועק אין אַ צווייטן צימער, און ער האָט דאָרטן געוויינט, ווייל זיין האַרץ האָט אים פאַרקלעמט אויף זיין ברודער.

ער האָט אָפּגעוואַשן זיין פנים, איז אריינגעקומען צוריק און האָט זיך איינגעהאַלטן פון וויינען, און ער האָט באַפוילן:

— דערלאַנגט ברויט צום טיש!

האָט מען דערלאַנגט עסן פאַר יוספ׳ן באַזונדער, פאַר די ברידער באַזונדער, און פאַר די מצרים, וואָס האָבן געגעסן ביי אים, אויך באַזונדער. וואָרים ביי די מצרים איז געווען פאַרבאָטן צו עסן מיט די עברים.

און מע האָט אויסגעזעצט אַלע ברידער לויט זייער עלטער, איינער נאָך דעם אַנדערן, אויף וואָס זיי האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, און מע האָט דערלאַנגט איטליכן אַ חלק (פּאָרציע), און בנימינ׳ס חלק איז געווען פינף מאָל גרעסער פון די אַנדערע.

* * * *

יוסף פּרואווט ווידער זיינע ברידער.

נאָך דעם מיטאָג האָט יוסף באַפוילן צו זיין הויפדינער אַזוי:

— נעם און פיל אָן די זעק פון דידאָזיקע מענטשן מיט שפּייז, וויפיל נאָר זיי קאָנען פאַרטראָגן, און לייג נאָכאַמאָל אריין איטליכנס געלט אין זיין זאַק. און אין דעם זאַק פון דעם אינגסטן זאָלסטו, אַחוץ זיין געלט, אויך אריינלייגן מיין זילבערנעם בעכער.

און ווי דער מאָרגן האָט אויפגעשיינט, זיינען די ברידער אַוועקגעשיקט געוואָרן פון שטאָט.

זיי זיינען נאָך ניט געווען ווייט אוועק, האָט יוסף'ס דינער זיי אָנגעיאָגט, און האָט צו זיי אזוי געזאָגט:

— פארוואָס האָט איר אָפּגעצאָלט א רעה פאר א טובה? פארוואָס האָט איר צוגענומען דעם זילבערנעם בעכער, וואס מיין האַר טרינקט מיט אים און טוט אויך מיט אים כישוף (צויבער, מאגיק)? זייער שלעכט האָט איר געטאָן!

האָבן זיי אים געענטפערט:

— וואָס רעדט אונזער האַר אזעלכע ווערטער? דיינע קנעכט וועלן חלילה ניט טאָן אַזאַ זאַך! אפילו דאָס געלט, וואס מיר האָבן געפונען אין אונזערע זעק צום ערשטן מאָל, האָבן מיר צוריקגעבראכט, היינט ווי אזוי וועלן מיר גנב'ענען עפּים פון דיין האַר'ס הויז? דער, ביי וועמען דער בעכער וועט געפונען ווערן, זאָל געטויט ווערן, און אויך מיר אלע וועלן בלייבן קנעכט ביי אונזער האַר!

האָט דער הויפדינער געענטפערט:

— ניין, נאָר דער, ביי וועמען דער בעכער וועט געפונען ווערן, זאָל זיין א קנעכט צו מיר, און איר אלע וועט זיין ריין פון שטראָף!

האָט איטליכער געעפנט זיין זאק, און דער מאן האָט געזוכט, מיטן עלטסטן האָט ער אָנגעהויבן און מיטן אינגסטן האָט ער געענדיקט, — און דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין בנימינ'ס זאק.

האָבן די ברידער צעריסן זייערע קליידער פאר שרעק, און זיי האָבן זיך אלע אומגעקערט אין שטאָט אריין, צו יוספ'ן, און זיי זיינען געפאַלן צו דער ערד פאר אים.

האָט יוסף צו זיי געזאָגט:

— וואָס פאר א זאך האָט איר דאָס אָפּגעטאָן? האָט איר דען ניט געוואוסט, אז אזא מאן ווי איך בין א צויבערער, און איך וועל עס באלד אויסגעפינען?

האָט יהודה זיך אָנגערופן:

— וואָס זאָלן מיר זאָגן צו מיין האַר? וואָס זאָלן מיר רעדן? און וואָס זאָלן מיר זיך פארענטפערן? דאָס האָט אונז גאָט געשטראָפט

פאַר עפּים אַן אנדער זינד, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען! אָט זיינען מיר אַלע גרייט צו זיין קנעכט ביי מיין האַר!

האָט יוסף געזאָגט:

— חלילה, איך וועל דאָס ניט טאָן! נאָר דער, ביי וועמען דער בעכער איז געפונען געוואָרן, ער זאָל זיין א קנעכט צו מיר, — און איר אַלע גייט איך בשלום אהיים צו אייער פאָטער!

מעשיות און לעגענדעס

1.

ווי די חרטומים האָבן פותר געווען פרעה׳ס חלום.

פרעה האָט גערופן אלע חכמים און חרטומים פון מצרים, און ער האָט זיי דערציילט זיין חלום, האָט איטליכער פון זיי אים געגעבן אַן־אַנדער באַשיידונג (פתרון).

איינער האָט געזאָגט:

— די זיבן פעטע קי ווייזן, אז זיבן טעכטער וועלן ביי דיר געבוירן ווערן; און די זיבן מאָגערע קי ווייזן, אז די זיבן טעכטער וועלן שטאַרבן יונגערהייט. די זיבן פולע זאנגען ווייזן, אז זיבן לענדער וועסטו איינגעמען; און די זיבן ליידיקע זאנגען ווייזן, אז זיבן לענדער וועלן רעוואָלטירן אקעגן דיר!

אַ צווייטער האָט געזאָגט:

— די זיבן פעטע קי מיינען, אז זיבן מלכים וועלן קומען מלחמה האַלטן מיט דיר; און די זיבן מאָגערע קי מיינען, אז זיבן פרויען־גענעראלן וועלן גיין מלחמה האלטן מיט די זיבן מלכים און וועלן זיי באַזיגן. די זיבן פולע זאנגען מיינען, אז זיבן גענעראלן דיינע וועלן גיין מלחמה האלטן; און די זיבן ליידיקע זאנגען מיינען, אז זיבן פרעמדע גענעראלן וועלן באזיגן דיינע זיבן!

און א דריטער האָט געזאָגט:

— די זיבן פעטע קי ווייזן, אז דו וועסט נעמען זיבן נייע ווייבער; און די זיבן מאָגערע קי ווייזן, אז די זיבן ווייבער וועלן שטאַרבן. די זיבן פולע זאנגען ווייזן, אז דו האָסט זיבן עלטערע זין; און די זיבן ליידיקע זאנגען ווייזן, אז דו וועסט אויך האָבן זיבן אינגערע זין, און די אינגערע וועלן הרג׳ענען די עלטערע!

איז פרעה געוואָרן אין כעס אויף די חרטומים פאר זייערע נאַרישע פתרונות (באשיידונגען), וואָס איינער האָט זיך ניט געקלעפּט

צום צווייטן, און ער האָט זיי אַרויסגעטריבן און געזאָגט:

— אפילו א פשוטער קנעכט וואָלט שוין געקאָנט פותר-חלום זיין בעסער און קליגער ווי איר!

אַז דער שר-המשקים האָט דערהערט פרעה'ס ווערטער, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם אידישן קנעכט אין געפענקעניש און אָן זיינע פתרונות, און ער האָט דערציילט פרעה'ן וועגן יוסף'ן.

און פרעה האָט באלד געשיקט ברייננגען יוסף'ן צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין.

* * * *

2.

יוסף מאַכט געזעצן וועגן ברויט-פּארקויף.

אַז יוסף איז געוואויר געוואָרן וועגן דעם, אַז אויך אין אַנדערע לענדער האָט זיך דער הונגער געשטאַרקט, און איבערהויפּט אין. לאַנד כנען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אָנהויבן קומען פון אומעטום קיין מצרים קויפן ברויט.

און א געדאַנק איז אים אַרויפגעקומען, אַז געווים וועט זיין פאָ-טער אויך שיקן עמיצן אהער נאָך תבואה, — האָט ער דערום זייער געוואָלט וויסן, ווער עס וועט זיין דעם פאָטער'ס שליח.

האָט יוסף באלד געמאַכט נייע געזעצן וועגן ברויט-פאַרקויף:

1) איטליכער, וואָס וויל קויפן תבואה אין מצרים, טאָר ניט שיקן קיין קנעכט, נאָר ער אליין מוז קומען, אָדער שיקן אָן אייגענעם זון;

2) איין מענטש קאָן נאָר קויפן תבואה פאר זיך, און ניט מער; און —

3) איטליכער, וואָס קומט אריין אין טויער פון מצרים, מוז אָנ-געבן די וועכטער זיין אייגענעם נאָמען און אויך די נעמען פון זיין פאָ-טער און פון זיין זיידן.

און אָט אזוי, האָט יוסף געוואוסט, ווען ער געוואויר ווערן, ווען זיינע ברידער וועלן אָנקומען קיין מצרים.

* * * *

3.

ווי יוסף׳ס ברידער קומען קיין מצרים.

ווען יעקב האָט געשיקט זיינע זין קיין מצרים צו קויפן ברויט, האָט ער זיי פאַרזאָגט, אַז זיי זאָלן אַריינקומען אַהין דורך פאַרשיי־דענע טויערן, כדי עס זאָל זיי קיין בייז אויג (עין־הרע) ניט שאַדטן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן, און די צען ברידער זיינען אַריינגעקומען קיין מצרים דורך צען פאַרשיידענע טויערן, און די וועכטער האָבן פאַרשריבן זייערע נעמען.

אויפדערנאַכט, ווען די טויערן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און מע האָט געבראַכט צו יוסף׳ן די ביכער מיט די נעמען פון אַלע אַריינגע־קומענע אין משך פון טאָג, האָט יוסף געפונען די נעמען פון זיינע צען ברידער.

וואָס האָט ער געטאָן? אויף מאָרגן האָט ער באַפוילן צו עפענען ניט מער ווי איין שפייכלער אין שטאָט. און אַזוי ווי אַלע קונים מוזן אָנגעבן זייערע נעמען אויך ביים קויפן די תבואה, האָט יוסף איבער־געגעבן דעם הויפּט־פאַרקויפער א צעטל מיט די צען נעמען פון זיינע צען ברידער, און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר דידאָזיקע מענטשן וועלן קומען, זאָל ער זיי פאַרהאַלטן און זיי צושטעלן צו אים.

די ברידער זיינען אָבער אין די ערשטע דריי טעג ניט געקומען צום שפייכלער, ווייל קומענדיק קיין מצרים, האָבן זיי ביי זיך באַ־שלאָסן צו זוכן דערווייל זייער פאַרקויפטן ברודער יוסף׳ן, טאָמער וועלן זיי אים דאָ געפינען.

נאָך דריי טעג, אַז יוסף האָט געזען, אַז די ברידער קומען ניט צום שפייכלער נאָך תבואה, האָט ער אַרויסגעשיקט זיבעציק געהיים־שליחים, מע זאָל זיי אָפּזוכן.

און די זיבעציק שליחים האָבן זיך צעלאָזט איבערן שטאָט, און האָבן געכאַפּט די ברידער, און האָבן זיי געבראַכט צו יוסף׳ן.

* * * *

4.

שמעון דערקענט די משפחה־גבורה.

בשעת יוסף האָט גערעדט מיט זיינע ברידער, האָט ער באַמערקט, ווי שמעון און לוי, די צוויי גבורים, קוקן זיך איבער מיט כעס, און ער האָט מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע צוויי ברידער זאָלן ניט ווילן אָנפאַלן אויף מצרים, ווי אַמאָל אויף שכם.

האָט ער באַלד געגעבן אַ באַפעל, אַז מע זאָל שמעון'ען פאַרשפאַרן אין געפענקעניש, ביז די ברידער וועלן קומען צוריק מיט בנימינ'ען.

די וועכטער זיינען צוגעקומען און געוואָלט נעמען שמעון'ען, האָבן אַלע ברידער אים אַרומגערינגלט און ניט געלאָזט.

האָט שמעון אַ געשריי געטאָן אויף זיי:

— גייט אַוועק, איך קאָן זיך אַליין באַפרייען!

האָט יוסף זיך נאָכמער דערשראָקן, און ער האָט געשיקט רופן זיבעציק פון די שטאַרקסטע סאָלדאַטן זיינע.

און ווען די זיבעציק סאָלדאַטן זיינען געקומען צולויפן מיט די בלויזע שווערדן, און זיי זיינען צוגעקומען מיט אימפעט צו שמעון'ען, האָט שמעון געטאָן אַ געשריי אויף זיי מיט אַזאַ גבורה, אַז זיי זיינען אַלע דערשראָקן געוואָרן און אַנטלאָפן פון דאָרטן.

האָט יוסף'ס זון, מנשה, זיך אַ לאָז געטאָן איינער אַליין צו שמעון'ען, און ער האָט אים דערלאַנגט נאָר איין קלאַפּ מיט זיין פויסט, — און שמעון איז געבליבן אַ פאַרטומלטער.

און מנשה האָט אים געבונדן, און אַוועקגעשיקט אין געפענקעניש.

האָט שמעון געזאָגט צו זיינע ברידער:

— איך דערקען אָן דעם קלאַפּ, אַז דער מאָן מוז האָבן אין זיך אונזער משפחה־גבורה; ניט אַנדערש, אַז ער איז אונזערער אָן אייגענער, פלייש פון אונזער פלייש, און ביין פון אונזער ביין!...

—————::—————

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.
(וועלכע מע באַנוצט אין אידיש)

ואין פותר (און קיינער האָט ניט געקענט פותר זיין):
"פותר-חלום זיין"; "ער ווייסט ניט, ניט פון קיין חלום און ניט פון קיין פותר".

את חטאי אני מזכיר היום (מיינע זינד מוז איך היינט דערמאָנען):
ווען עמיצער דערמאָנט זיינע אַן אייגענע עוולה פון אמאָל.

איש נבון וחכם (אַ פאַרשטענדיקער און אַ קלוגער מאַן):
"ער איז אַ איש נבון וחכם"; דאָס אידישע פאָלק ווערט אויך אָנגערופן: "עם חכם ונבון".

צפנת פענח (ער דעקט אויף פאַרבאָרגענע זאכן):
אויף איינעם, וואס ווייסט אלצדינג, אָדער ווערט אַלץ געוואויר, זאָגט מען: "ער איז ממש אַ צפנת פענח"...

כי אין מספר (וואָרים ס'איז גאָר קיין צאָל ניט געווען):
אָנשטאָט: אָן אַ שיעור, אָן אַ צאָל, מ'קאָן גאָר ניט איבערציילן.

בתוך הבאים (צווישן די אָנגעקומענע):
עס זיינען געקומען אסך מענטשן, און איך בין אויך געווען "בתוך הבאים".

חי פרעה (כ'שווער ביי פרעה'ס לעבן):
ווען עמיצער שווערט אויף שפּאַס...

ואם אינך משלח (און אויב דו שיקסט ניט מיט):
"משלח זיין". "מ'האָט אים משלח געווען".

כאשר שכלתי שכלתי (יעקב האָט געזאָגט פאַרצווייפלט: אַזוי ווי כ'האָב אָנגעוואוירן יוסף'ן און שמעון'ען, וועל איך פאַרלירן אויך בנימין'ען):

אָנשטאָט: כ׳בין שוין סיי ווי אויף צרות... מ׳זאָגט אויך: ״כאשר אבדתי אָבדתי״, כ׳בין שוין סיי ווי אַ פארלוירענער...

הבוקר אור (ווי דער פרימאָרגן האָט אויפגעשיינט):

מ׳זאָגט אויך: ״כאור הבוקר״ אָדער ״כאור״, פארטאָג, ס׳האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו טאָגן.

רעה תחת טובה (שלעכטס פאַר גוטס):

״דו ביזט אַ משלם רעה תחת טובה״: באַצאָלסט שלעכטס פאַר גוטס...

בגדול החל ובקטון כלה (מיטן גרעסערן האָט ער אָנגעהויבן און מיטן קלענערן האָט ער געענדיקט):

אָנשטאָט: ניט אויסלאָזן קיינעם, פון גרויס ביז קליין.

מה נאמר ומה נדבר? (וואָס זאָלן מיר זאָגן און וואָס זאָלן מיר רעדן?):

אָנשטאָט: וואָס זאָל איך טענה׳ן און וואָס וועט מיר העלפן?

סדרה

ויגש

(און ער האָט גענענט)

יהודה וויל בלייבן אַ קנעכט אַנשטאָט בנימינ׳ען.

און יהודה איז צוגעגאַנגען צו יוסף׳ן און האָט געזאָגט:

— איך בעט דיך, מיין האַר, דערלויב דיין קנעכט צו רעדן אַ וואָרט, און דו זאָלסט ניט זיין אין כעס אויף מיר, וואָרים דו ביזט דאָך אַזוי גרויס ווי פּרעה.

האָסטו דען, מיין האַר, געפרעגט אונז, דיינע קנעכט, צי מיר האָבן אַ פאָטער אָדער אַ ברודער? מיר האָבן דאָך אַליין געזאָגט: "מיר האָבן אַן אַלטן פאָטער און מיט אים איז נאָך דאָ אַ בן־זקונים, וואָס זיין ברודער איז טויט, און ער איז אַליין געבליבן פון זיין מוטער, און דער פאָטער האָט אים זייער ליב". האָסטו געזאָגט: "ברענגט אים צו מיר, איך זאָל אים זען". האָבן מיר דיר געענטפערט: "דאָס אינגל קאָן ניט פאַרלאָזן זיין פאָטער, וואָרים ער וועט שטאַרבן פון בענקשאַפט צום פאָטער!" האָסטו ווידער געזאָגט: "אויב איר ברענגט ניט אייער אינגסטן ברודער, זאָלט איר מער מיין פּנים ניט קומען זען".

און ווען מיר זיינען געקומען צום פאָטער און האָבן אים דאָס דערציילט, האָט ער צו אונז געזאָגט: "איר ווייסט, קינדער, אַז מיין ווייב רחל האָט מיר געבוירן צוויי זין, איז איינער פאַרלוירן געוואָרן פון מיר, און איך האָב אים מער ניט געזען; און איצט אַז איך וועל אָוועקשיקן אויך דעמדאָזיקן פון מיר, און טאָמער וועט אים טרעפן אַן

אומגליק, וועט איר מאכן נידערן מיין גרויען קאָפּ מיט טרויער אין קבר אַריין!"

און איצט, שטעל דיר פאָר, אז איך וועל קומען צו דיין קנעכט, מיין פאָטער, און ער וועט זען, אז דאָס אינגל איז ניטאָ מיט אונז, וועט ער דאָך דאָס ניט איבערלעבן, ער וועט זיכער שטאַרבן פון טרויער, ווייל זיין זעל איז צוגעבונדן צו דעם אינגל'ס זעל.

און ווייסטו ווארום איך אליין רעד אין נאָמען פון מיינע ברידער, ווייל איך, דיין קנעכט, בין ערב געווען צו מיין פאָטער פארן אינגל, און איך האָב געזאָגט: "אויב איך וועל אים ניט ברענגען צוריק, זאָל איך זיין א פארזינדיקטער צו מיין פאָטער אלע יאָרן פון מיין לעבן!"

און דערום בעט איך דיך: זאָל איך בעסער בלייבן א קנעכט צו דיר, מיין האר, און זאָל דאָס אינגל גיין אהיים מיט זיינע ברידער. וואָרים ווי קאָן איך קומען אָן אים, און ווי קאָן איך צוזען דאָס בייז, וואָס וועט טרעפן צו מיין פאָטער דורך דעם?

* * * *

יוסף לאָזט זיך דערקענען צו זיינע ברידער.

נאָך דידאָזיקע רייד פון יהודה'ן האָט זיך שוין יוסף מער ניט גע־קאָנט איינהאלטן פאר אלע וואס זיינען געשטאַנען לעבן אים, און ער האָט אויסגערופן:

— פירט ארויס אלע פרעמדע מענטשן פון דאנען!

און קיין איין פרעמדער מענטש איז ניט געבליבן שטיין לעבן אים, ווען יוסף האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער.

און יוסף האָט אַרויסגעלאָזט א קול מיט אַזאַ געוויין, אז מע האָט געהערט אין פרעה'ס הויז. און ער האָט געזאָגט צו זיינע ברידער:

— איך בין יוסף!... לעבט נאָך מיין פאָטער?...

און די ברידער זיינען אַזוי דערשראָקן געוואָרן, אז זיי האָבן אים ניט געקאָנט ענטפערן א וואָרט.

האָט יוסף ווידער געזאָגט צו זיינע ברידער:

— קומט צו נאָענט צו מיר, איך בעט אייך! איך בין אייער ברו־דער יוסף, וואס איר האָט מיך פאַרקויפט קיין מצרים! און איצט, האָט

איר ניט וואָס צו זיין טרויעריק און זאָל אייך ניט פארדריסן די זאַך, וואָרים ניט איר, נאָר גאָט אליין האָט מיך געשיקט אהער, כדי צו דער־האַלטן אסך לעבנס! וואָרים שוין צוויי יאָר, זינט עס איז א הונגער, און נאָך פינף יאָר וועט ער געדויערן, און עס וועט ניט זיין קיין אַקער און קיין שניט; און אַט זעט איר, אז גאָט האָט מיך געמאכט פאַר אַן עלטסטן ביי פּרעה׳ן און פאר א מושל איבערן גאַנצן לאנד מצרים!

איילט זיך צו און גייט צו מיין פאָטער, און דערציילט אים אלצ־דינג, און זאָגט אים אין מיין נאָמען: "אַזוי האָט געזאָגט דיין זון יוסף, גאָט האָט מיך געמאכט פאר אַן אויבערהאַר איבערן גאַנצן לאַנד מצרים, און דו זאָלסט קומען צו מיר! דו וועסט וואוינען אין לאַנד גושן, און דו וועסט זיין נאָענט צו מיר! און איך וועל שפּייזן דיך און דיינע קינדער, און דיינע קינדס־קינדער, און דיינע שאָף און רינדער, און אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט!"

און אַט זעט איר דאָך, אז איך אליין רעד מיט מיין מויל, אין אייער שפּראַך, אָן אַן איבערזעצער.

און יוסף איז ארויפגעפאַלן אויף בנימינ׳ס האַלז, און ביידע האָבן געוויינט. און נאָכדעם האָט ער געקושט אלע זיינע ברידער, און האָט געוויינט אויף זיי, און ערשט דאַמאָלט האָבן די ברידער גע־וואַגט צו רעדן מיט אים.

און דער קלאַנג איז דערגאַנגען צו פּרעה׳ס הויז, אז יוספ׳ס ברי־דער זיינען געקומען, און ער איז געווען צופרידן דערפון.

און פּרעה האָט געזאָגט צו יוספ׳ן:

— זאָג דיינע ברידער, אז זיי זאָלן אָנלאָדן זייערע בהמות און גיין אין לאַנד כנען, און ברענגען אהער דיין פאָטער און זיין גאַנץ הויז־געזינט, און איך וועל אייך געבן דאָס בעסטע פון לאַנד מצרים. און זאָלן דיינע ברידער מיטנעמען פון דאַנען וואָגנס פאר די קליינע קינ־דער און פאר די פרויען, און זאָלן זיי גלייך קומען מיט אייער פאָטער, און ניט קימערן זיך איבער קליינע זאַכן דאָרטן, ווייל דאָס בעסטע פונם גאַנצן לאַנד מצרים איז אייערס!

* * * *

די זין זאָגן אָן יעקב׳ן די בשורה.

און יעקב׳ס זין האָבן אזוי געטאָן, ווי יוסף האָט זיי געהייסן.

יוסף האָט זיי מיטגעגעבן וואָגנס און שפייז אויפן וועג, און ער האָט אויך געגעבן אָנצוגן איטליכן אויף איבערצובייטן, און בנימינ׳ען האָט ער געגעבן דריי הונדערט זילבערשטיק און פינף אָנצוגן.

און צו זיין פאָטער האָט ער געשיקט צען אייזלען אָנגעלאָדן מיט די בעסטע זאכן פון מצרים, און צען אייזעלינס אָנגעלאָדן מיט ברויט און שפייז אויפן וועג.

און ער האָט אָוועקגעשיקט זיינע ברידער, און האָט זיי אָנגעזאָגט:

— איר זאָלט זיך ניט קריגן אין וועג!

זיינען די ברידער געקומען קיין כנען צו זייער פאָטער יעקב׳ן, און זיי האָבן אים אָנגעזאָגט די בשורה:

— יוסף לעבט נאָך! און ער געוועלטיקט איבערן גאנצן לאַנד מצרים!

האָט יעקב׳ס האַרץ אויפגעהערט צו קלאפּן, פאר פרייד; ער האָט זיך דאָס גאָרניט געקאָנט גלויבן!

האָבן אים שוין די ברידער דערציילט אלצדינג, וואָס זיי האָבן געזען, און אים איבערגעגעבן אלצדינג, וואָס יוסף האָט זיי אָנגעזאָגט.

און אז יעקב האָט דערזען די וואָגנס און די אייזלען מיט די מתנות, וואָס יוסף האָט פאר אים געשיקט, האָט זיין גייסט אויפגעלעבט.

און ער האָט געזאָגט:

— גענוג פאר מיר אָט די גרויסע פרייד! אז מיין זון יוסף לעבט נאָך, וועל איך גיין און אים זען איידער איך שטאַרב!

* * * *

יעקב קומט מיט זיין הויזגעזינט קיין מצרים.

און יעקב האָט גענומען אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און ער איז געקומען קיין באר-שבע, און דאָרטן האָט ער געשאָכטן קרבנות צום גאָט פון זיין פאָטער יצחק'ן.

און גאָט האָט צו אים גערעדט אין די זעאונגען פון דער נאַכט:

— יעקב, יעקב! איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער, דו זאָלסט ניט מורא האָבן צו נידערן קיין מצרים, וואָרים איך וועל דיך דאָרטן מאַכן פאַר א גרויס פאָלק! איך אליין וועל נידערן מיט דיר אַהין, און איך וועל דיך פון דאָרטן אויך צוריק ארויפברענגען. און יוסף וועט אַרויפלייגן זיין האַנט אויף דיינע אויגן ווען דו וועסט שטאַרבן!

און יעקב איז אוועקגעגאַנגען קיין מצרים מיט זיינע קינדער און קינדס-קינדער, און מיט אלץ וואס ער האָט פארמאָגט, אויף די וואָגנס וואָס פרעה האָט געשיקט פאר אים. און זיי זיינען אָנגעקומען אין לאַנד גושן.

אַלע נפשות, וואָס זיינען געקומען מיט יעקב'ן קיין מצרים, זיינען געוועז, — אחוץ זיינע זינ'ס ווייבער — זעקס-און-זעכציק.

און מיט יעקב'ן און יוספ'ן, און מיט יוספ'ס צוויי זין, זיינען געוועזן אלע אינאיינעם זיבעציק נפשות עברים אין מצרים.

און יוסף האָט איינגעשפּאַנט זיין רייטוואָגן און איז געפאָרן אנט-קעגן זיין פאָטער קיין גושן. און ווען ער האָט זיך געוויזן פאַר אים, איז ער אים ארויפגעפאַלן אויפן האלז און ער האָט לאנג געוויינט.

האָט יעקב געזאָגט צו יוספ'ן:

— אַצינד, מיין זון, קאָן איך שוין רואיק שטארבן, נאָכדעם ווי איך האָב געזען, אז דו לעבסט נאָך!

און יוסף איז געקומען און האָט דערציילט פרעה'ן, אז זיין פאָ-טער און די ברידער זיינען שוין אָנגעקומען. און ער האָט געבראַכט פינף פון די ברידער און האָט זיי פאָרגעשטעלט פאר פרעה'ן, און נאָכ-דעם האָט ער געבראכט אויך זיין פאָטער יעקב'ן צו פרעה'ן.

האָט פּרעה געפרעגט יעקבן, ווי אלט ער איז, האָט יעקב אים געענטפערט, אז ער איז הונדערט און דרייסיק יאָר אַלט. און יעקב האָט געבענטשט פּרעה'ן.

און יוסף האָט באזעצט זיין פאָטער און זיינע ברידער אין דעם בעסטן טייל פון לאנד, אין רעמסס, ווי פּרעה האָט אים געהייסן טאָן, און יוסף האָט זיי אלעמען געשפּייזט.

און יעקב מיט זיינע קינדער זיינען געזעסן אין לאנד גושן, און זיי האָבן זיך זייער געמערט און געפרוכפּערט.

מעשיות און לעגענדעס

1.

יהודה און יוסף אין א קאמף פון ווערטער.

יהודה איז לכתחילה געקומען צו יוסף'ן מיט א שרעקליכן כעס, און האט אים געזאגט:

— אויב דו וועסט מיר ניט אפגעבן מיין קליינעם ברודער בנימין, וועל איך באלד ארויסשלעפן מיין שארפע שווערד און איך וועל טויטן דיך מיט דיין קעניג פרעה'ן אינאיינעם!

האט זיך יוסף ניט דערשראקן און האט אים געענטפערט:

— אויב דו וועסט ארויסשלעפן דיין שווערד, וועל איך זי אוועקלייגן באלד אויף דיין אייגענעם האלז!

האט יהודה אים געווארנט:

— היט זיך, ווארים איך וועל עפענען מיין מויל און וועל דיך איינשלינגען!

האט אים יוסף צוריק געווארנט:

— אויב דו וועסט עפענען דיין מויל, וועל איך עס דיר פארשטאפן מיט שטיינער!

איז יהודה שוין געווארן אביסל ווייכער:

— זע, מיין האר, מיר זיינען דאך אהער ניט געקומען מלחמה האלטן! גיב אונז אפ אונזער קליינעם ברודער, און לאמיר גיין אהיים צו אונזער פאטער! איך בין ערב געוועזן פארן אינגל, און איך קאן ניט קומען אהיים אן אים!

האט שוין יוסף אויך געענטפערט געלאסענער:

— גיי און זאג דיין פאטער, אז דער שטריק האט זיך נאכגעשלעפט נאכן עמער! (דאס הייסט: בנימין איז געבליבן לעבן יוסף'ן...)

איז יהודה ווידער אין כעס געווארן:

— איך האָב פיינט צו זאָגן שקרים, מיין האר!
האָט אים יוסף געפרעגט סארקאסטיש:
— נו, און פארקויפן אן אייגענעם ברודער פאר צוואַנציק זילבער־שטיק, און קומען אָפנאַרן דעם פאָטער האָסטו יאָ ליב געהאָט?
האָט יהודה אויסגעשריען:
— גיב אָפּ דאָס אינגל, וואָרים איך וועל אָפּפאַרבן די גאנצע שטאָט מיטן בלוט פון אירע איינוואוינער!
האָט יוסף געלאַכט:
— יאָ, איך ווייס! דו און דיינע ברידער זיינט גוטע בלוט־פאַר־בערס; איר האָט אייער ברודער׳ס העמדל אויך אָפּגעפאַרבט מיט בלוט! אָבער דאָ וועט איר גאָרניט קאָנען טאָן!
האָט יהודה געזען, אַז יוסף ווייסט שוין פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט תחנונים (געבעט):
— יאָ, וואָס זאָלן מיר זאָגן און וואָס זאָלן מיר זיך פארענטפערן? גאָט וויל אונז איצט באַצאָלן פאר אונזערע זינד!...

* * * *

2.

יוסף לאָזט זיך דערקענען.

יוסף האָט זיך צוגעהערט, ווי די ברידער האָבן גערעדט צווישן זיך אויף העברעאיש, און ווי איינער האָט באשולדיקט דעם צווייטן אין דער זינד, וואס זיי זיינען באגאנגען.
האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאלטן, זעענדיק דעם צער און די חרטה, און א געפיל פון רחמנות אויף זיינע ברידער האָט זיך אין אים דערוועקט.
און ער האָט געזאָגט צו זיי:
— איר האָט מיר דערציילט, אַז ביי אייך איז א ברודער פארלוירן געוואָרן. אָט וועט איר זען, וואָס איך וועל טאָן. איך וועל באלד רופן אייער פארלוירענעם ברודער, און ער וועט קומען צו אייך אהער!
זיינען די ברידער דערשטוינט געוואָרן. זיי האָבן ניט פארשטאַ־

נעז, וואָס ער מיינט. און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ארומקוקן מיט פּחד.
האָט יוסף אויסגערופן:
— יוסף בן יעקב! יוסף בן יעקב! קום נאָר אריין אהער גיך!...
האָבן אַלע ברידער אָנגעהויבן צו ציטערן פאר שרעק. זיי האָבן גענומען קוקן אויף אַלע טירן. נאָר קיין שום טיר האָט זיך ניט געעפנט, און קיינער איז ניט אריינגעקומען.
האָט יוסף צו זיי געזאָגט:
— קוקט ניט אויף די טירן. קיין שום טיר דארף זיך ניט עפענען. אייער פארלוירענער ברודער דארף פון ערגיץ ניט אָנקומען. ער איז דאָ מיט אייך!... איך... איך בין עס אייער ברודער יוסף!...
אַלע זיינען פארשטיינערט געוואָרן, און קיינער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט.
— קומט צו צו מיר נענטער, ברידער מיינע! — שרייט אוים יוסף מיט טרערן.
די ברידער האָבן מוראָ געהאַט צוצוגיין.
— גלויבט איר מיר ניט, אַז איך בין יוסף?
קיינער פון זיי האָט ניט געענטפערט א וואָרט.
האָט יוסף אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי אויף העברעאיש:
— זאָרגט אייך ניט, און האָט קיין מוראָ ניט, ברידער מיינע! ניט איר, נאָר גאָט האָט מיך געשיקט אַהער, כדי צו ראטעווען אַסך לעבנס!...
און ער איז ארויפגעפאלן אויף זיינע ברידער'ס העלזער מיט אַ גרויס געוויין פון פרייד און גליק.

* * * *

3.

יוסף לעבט! יוסף לעבט!...

די ברידער זיינען פריילּיכע און גליקליכע אָנגעקומען צוריק אהיים. זייערע פּנים'ער האָבן געשיינט פון גרויס שמחה, וואָס זיי האָבן געפונען זייער פארלוירענעם ברודער, און דערצו נאָך אַזאַ באַגליקטן.

נאָר זיי האָבן אָבער מורא געהאַט זיך צו ווייזן פאַר זייער פאָ־טער, און אים אָנזאָגן אַזאַ גרויסע בשורה פלוצלינג, עס זאָל מ͏ַיט אים ניט טרעפן קיין אומגליק פאַר גרויס פרייד.

האָבן זיך די ברידער אָוועקגעזעצט אויסער דער שטאָט, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו ברענגען די־דאָזיקע בשורה צו זייער פאָטער.

און אַזוי ווי זיי זיינען געזעסן און זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם, איז אָנגעקומען סרח, זייער ברודער אָשר׳ס טאָכטער. סרח איז געווען זייער אַ קלוגע און אַ גוטע פידל־שפּילערן, און דער זיידע יעקב האָט זי שטאַרק ליב געהאַט.

האָט אָשר זיך צעקושט מיט זיין טאָכטער סרח, און ער האָט איר דערציילט, אַז יוסף לעבט און אַז ער איז איצט דער גרעסטער האַר אין מצרים.

דערהערנדיק די בשורה, האָט סרח געוואָלט באַלד לויפן און אָנ־זאָגן דעם זיידן יעקב׳ן. נאָר אָשר האָט זי פאַרהאַלטן און געזאָגט:

— לויף ניט, מיין קינד; אַזאַ בשורה טאָר מען פלוצלינג ניט אָנזאָגן!

— וואָס דען זאָל איך טאָן, פאָטער? — פרעגט סרח.

— דו, מיין טאָכטער, — זאָגט אָשר — נעם דיין פידל און גיי צום זיידן און שפּיל פאַר אים אַ פרייליכן ניגון, ווי דו טוסט עס שטענ־דיק, און זינג אויס פאַר אים אָט דידאָזיקע בשורה, ווי מ׳זינגט אַ ליד!

איז סרח געקומען מיט איר פידל צום זיידן, זי האָט זיך אַוועק־געזעצט לעבן אים, און האָט אָנגעהויבן שפּילן און זינגען:

„דער פעטער יוסף לעבט!
„דער פעטער יוסף לעבט!
„און מצרים דאָס לאַנד
„איז אין זיין האַנט!
„ווי פּרעה איז ער גרויס,
„ווי פּרעה איז ער גרויס;
„ניט פון קאָפּ טראַכט איך עס אויס!...“

האָט זיך דער אלטער יעקב צוגעהערט צום זיסן ניגון, ער האָט געכאַפּט די צעצויגענע ווערטער פון דעם ליד, וואָס סרח האָט איבער־געזונגען עטליכע מאָל, און ער האָט געזאָגט מיט געבעט:

— הלואי זאָל דאָס טאקע אמת זיין, מיין טייערע טאָכטער; ווי גליקליך איך וואָלט געווען!

האָט סרח אָנגעהויבן שמייכלען מיט פאַרגעניגן, און זי האָט ווייטער געשפּילט און געזונגען:

„אמת, זיידע, אמת,
„אמת איז דאָס אלצדינג,
„וואָס אין ליד, דעם פרייליכן,
„איצט פאַר דיר איך זינג!...
„עס לעבט דער פעטער יוסף;
„זיידע, קלאָג ניט מער;
„ער איז שני־למלך אין מצרים, —
„ביי דיין גאָט איך שווער!...“

האָט יעקב ארומגעכאַפּט קושן סרח׳ן, און ער האָט מיט פרייד זי געפרעגט:

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט, קינד מיינס? זאָג מיר, וואו האָסטו דאָס געהערט?

— ערשט ניט לאנג, זיידע, האָב איך דאָס געהערט! און אָט וועלן דיינע זין באלד אָנקומען מיט דער בשורה! — האָט סרח גע־ענטפערט.

און אין דעמדאָזיקן מאָמענט זיינען די ברידער אָנגעקומען מיט די אייזלען און רייטוואָגנס און באדינערס, און זיי האָבן אויך גע־זונגען:

— יוסף לעבט! יוסף לעבט!...

* * * *

4.

יוסף איז מקיים "כבוד אָב".

ווען די איינוואוינער פון מצרים האָבן געהערט, אַז יוסף גרייט זיך צו פאָרן באַגעגענען זיין פאָטער, האָבן זיי געזאָגט:

— מיר אלע וועלן מיטפאָרן מיט יוסף'ן און אָפּגעבן כבוד אונזער שני־למלך'ס פאָטער, וואָס ער האָט געבוירן אַזאַ גרויסן מענטשן!

און עס זיינען געקומען צו יוסף'ן אלע גרעסטע לייט פון מצרים, און זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די בעסטע זינגערס און שפּילערס פונם לאנד.

און פּרעה אליין האָט געשיקט זיין קעניגליכע קרוין צו יוסף'ן, אַז ער זאָל זי אָנטאָן לכבוד זיין פאָטער.

און אלע איינוואוינער פון לאנד זיינען געשטאַנען לעבן יוסף'ס פּאַלאַץ, און האָבן געוואַרט, אז יוסף זאָל פון דאָרטן ארויסקומען.

און ווען יוסף האָט זיך נאָר באַוויזן אויף דער טיר, האָבן אלע אויסגעשריען:

— לעבן זאָל אונזער שני־למלך! לעבן זאָל זיין אלטער פאָטער!...

האָט יוסף אלעמען געדאַנקט פאַר דעם כבוד, און ער איז באַלד אַוועק צו זיך אין שטאַל אַריין, און ער האָט זיך גענומען איינשפּאַנען דעם רייטוואָגן פאַר זיין פאָטער.

ווען די מענטשן האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי צוגעלאָפן צו אים און האָבן אים אָנגעהויבן בעטן:

— דערלויב אונז, דיינע קנעכט, איינצושפּאַנען דעם רייטוואָגן פאַר דיין פאָטער! מיר זיינען גרייט צו טראָגן דעם רייטוואָגן אויף אונזערע פּלייצעס!...

האָט יוסף זיי געענטפערט:

— עס איז דאָס גרעסטע גליק מיינס, אַז נאָך אַזויפיל יאָרן, וואָס איך האָב מיין פאָטער ניט געזען, קאָן איך ווידעראַמאָל מקיים זיין די מצוה פון "כבוד אָב" און אליין צוגרייטן פאַר אים דעם רייטוואָגן!...

—————::—————

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באנוצט אין אידיש)

כי כמוך כפרעה (ווארים דו ביזט אזוי ווי פרעה):

ווען מ׳פארגלייכט צוויי מענטשן, זאָגט מען: "כי כמוך כפרעה", ס׳הייסט: דו ביזט פונקט אַזוי ווי יענער...

כי פי המדבר אליכם (ווארים מיין מויל רעדט צו אייך):

אַנשטאָט: עפּיס רעד א י ך דאָך צו אייך!...

צדה לדרך (שפּייז אויפן וועג):

מ׳זאָגט עס סאַי וועגן עסנוואַרג, און סאַי וועגן ספרים און ביכער, וואָס עמיצער נעמט מיט אויפן וועג.

אל תרגזו בדרך (איר זאָלט זיך ניט קריגן אין וועג):

ווען מ׳שיקט עטליכע מענטשן אין א שליחות, זאָגט מען זיי אָן: "אל תרגזו בדרך"; איר זאָלט זיך ניט אמפּערן צווישן זיך!

אֶפס כסף (ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט):

אין שלעכטע צייטן זאָגט מען: "ס׳איז אֶפס כסף".

—::—

סדרה

ויחי

(און ער האָט געלעבט)

יעקב בעט יוספ׳ן, ער זאָל אים ניט באַגראָבן אין מצרים.

און יעקב האָט געלעבט אין לאנד מצרים זיבעצן יאָר.

און ווען ער האָט געפילט, אז זיינע יאָרן האָבן זיך דערנענטערט צום שטארבן, האָט ער גערופן זיין זון יוספ׳ן און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט טאָן מיט מיר חסד, און דו זאָלסט מיך ניט באַגראָבן אין מצרים! אַז "איך וועל זיך לייגן צו מיינע עלטערן", (אַז איך וועל שטאַרבן), זאָלסטו מיך אַוועקטראָגן פון מצרים און מיך באַגראָבן אין זייער קבר, אין דער "מערת-המכפלה".

האָט יוסף געזאָגט:

— איך וועל טאָן אַזוי ווי דו הייסט מיר!

האָט יעקב געזאָגט:

— שווער מיר צו דערויף!

האָט יוסף אים צוגעשוואָרן, און יעקב האָט זיך געבוקט צוקאָפּנס פון בעט, און געדאנקט יוספ׳ן.

דערנאָך האָט מען אָנגעזאָגט יוספ׳ן:

— דיין פאָטער איז קראַנק!

האָט יוסף גענומען מיט זיך זיינע צוויי זין, מנשה׳ן און אפרים׳ן, און איז געקומען צום פאָטער. האָט דער פאָטער זיך געשטאַרקט און האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט.

און ער האָט געזאָגט צו יוספ׳ן:

— גאָט האָט זיך באַוויזן צו מיר אין לוז, אין לאנד כנען, און ער האָט מיך געבענטשט, און ער האָט מיר געזאָגט: "איך וועל דיך מערן און דיך מאַכן פאַר אַ פאָלק פון גרויסע שבטים, און איך וועל געבן דאָסדאָזיקע לאנד פאר אַן אייביקן אייגנטום צו דיינע קינדער!"

און איצט, אָט די צוויי זין, וואָס זיינען ביי דיר געבוירן געוואָרן אין מצרים פאר מיין אָנקומען אַהער, זיי זיינען מיינע! אפרים און מנשה וועלן זיין ביי מיר אַזוי ווי ראובן און שמעון; זיי וועלן אויך גערעכנט ווערן צווישן די שבטים.

* * * *

יעקב בענטשט יוספ׳ס זין.

און יעקב האָט געקוקט אויף יוספ׳ס זין, און ער האָט זיי ניט דער־קענט, ווייל זיינע אויגן זיינען טונקל געווען פון עלטער, און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווער זיינען עס די־דאָזיקע?

האָט יוסף געענטפערט:

— דאָס זיינען מיינע זין, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן דאָ!

האָט יעקב געזאָגט:

— פיר זיי צו, איך בעט דיך, נענטער צו מיר, און איך וועל זיי בענטשן.

האָט זיי יוסף צוגעפירט צו אים, און ער האָט זיי געקושט און געהאַלזט. און יעקב האָט געזאָגט צו יוספ׳ן:

— איך האָב שוין ניט געדענקט אפילו ד י י ן פנים צו זען, און אָט האָט מיך גאָט געלאָזט זען אויך דיינע קינדער!

און יוסף האָט זיינע זין אַרויסגענומען פון יעקב׳ס קני, ער האָט זיך געבוקט פארן פאָטער צו דער ערד, און ער האָט גענומען אפרים׳ן

אין זיין רעכטער האנט, צו דער לינקער האנט פון יעקב׳ן, און מנשה׳ן אין זיין לינקער האנט, צו דער רעכטער האנט פון יעקב׳ן, און האָט זיי אַזוי צוגעפירט נאָענט צו אים, אז ער זאָל זיי בענטשן.

האָט יעקב אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנט און זי ארויפגע־לייגט אויף אפרים׳ס קאָפּ, כאָטש ער איז דער אינגערער; און זיין לינקע האנט אויף מנשה׳ס קאָפּ, — כאָטש מנשה איז דער בכור, — ער האָט אומיסטן איבערגעדרייט זיינע הענט.

און יעקב האָט געבענטשט יוסף׳ס קינדער, און ער האָט געזאָגט:

— דער גאָט וואָס מיינע עלטערן אברהם און יצחק זיינען גע־גאַנגען פאַר אים; דער גאָט וואָס האָט מיך געפירט, ווי א פאַסטוך זיינע שאָף, פון זינט איך לעב ביז היינטיקן טאָג; דער מלאך וואָס האָט מיך אויסגעלייזט פון אלע שלעכטיגקייטן, — ער זאָל בענטשן די אינגלאך, און עס זאָל גערופן ווערן אויף זיי מיין נאָמען און דער נאָמען פון מיינע עלטערן אברהם און יצחק, און זיי זאָלן זיך מערן אויף דער וועלט!

האָט יוסף געזען, אז זיי פאָטער לייגט ארויף זיין רעכטע האנט אויף אפרים׳ס קאָפּ, איז דאָס אים ניט געפעלן געווען, און ער האָט אונטערגעשפּארט זיין פאָטער׳ס האנט, כדי אריבערצונעמען זי פון אפרים׳ס קאָפּ אויף מנשה׳ס קאָפּ.

און יוסף האָט געזאָגט צום פאָטער:

— ניט אזוי, מיין פאָטער, וואָרים דערדאָזיקער איז דער בכור!

אָבער יעקב האָט עס ניט געוואָלט, און ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס, מיין זון, איך ווייס! אויך ער וועט ווערן אַ פאָלק, און אויך ער וועט זיין גרויס, אָבער זיין אינגערער ברודער וועט זיין גרעסער פון אים!

און יעקב האָט איטליכן פון זיי אזוי געבענטשט אין יענעם טאָג:

— דאָס פאָלק ישראל זאָל זיך מיט דיר בענטשן און זאָגן: "גאָט זאָל דיך מאכן אזוי ווי אפרים און מנשה!"

און יעקב האָט געזאָגט צו יוסף׳ן:

— זע, איך שטארב שוין אָפּ, אָבער גאָט וועט זיין מיט אייך, און ער וועט אייך אומקערן צום לאנד פון אייערע עלטערן; און איך האָב דיר געגעבן איין חלק מער פון דיינע ברידער אין יענעם לאנד!

* * * *

יעקב בענטשט זיינע זין.

און יעקב האָט גערופן זיינע זין און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: זאַמלט זיך צונויף און איך וועל אייך זאָגן, וואָס עס וועט מיט אייך געשען אין די שפּעטערדיקע יאָרן! קלייבט אייך צונויף און הערט, איר יעקב׳ס קינדער; הערט אויס אייער פאָטער ישראל!

ראובן, דו ביזט מיין בכור,
מיין כח און מיין ערשטע קראַפט,
דיר וואָלט געקומען מער דערהויבנקייט
און מער שטארקייט;
נאָר דערפאר, וואָס דו ביזט איילנדיק ווי וואַסער,
זאָלסטו מער דערהויבן פון דיינע ברידער ניט זיין;
ווייל דו האָסט פאַרשוועכט דעם כבוד פון דיין פאָטער!

(שבט ראובן האָט טאקע ניט אַרויסגעגעבן קיין שום פירער און נביאים פאַר אידן, און זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויסע זאַכן קיינמאָל).

* * * *

שמעון און לוי, זיינען ברידער אויך אין כאַראַקטער!
פון געבוירן זיינען זיי רויב-מענטשן!
אין זייער באַראָט זאָל מיין זעל ניט קומען,
אין זייער פאַרזאַמלונג זאָל מיין כבוד ניט זיין!
וואָרים אין זייער כעס
האָבן זיי גע׳הרג׳עט די שכם-מענטשן,
און אין זייער שלעכטן ווילן
האָבן זיי פאַרטיליקט אויך די בהמות!

פאַרשאָלטן זאָל זיין זייער כעס,
ווייל ער איז צו שטאַרק
און פאַרשאָלטן זאָל זיין זייער צאָרן,
ווייל ער איז צו האַרט!
איך וועל זיי צוטיילן צווישן יעקב׳ס שבטים,
און איך וועל זיי צושפרייטן צווישן ישראל׳ס קינדער!

(שמעון האָט זיך טאַקע אויסגעמישט מיט שבט יהודה; און לוי איז אויך צושפרייט געוואָרן צווישן אַלע שבטים, וואָס האָבן אָפּגעגעבן צו פיר שטעט פון יעדן שבט פאַר די בני־לוי).

* * * *

יהודה, דיך וועלן דיינע ברידער לויבן!
דיין האַנט וועט זיין אויפן נאַקן פון דיינע פיינט,
דיין פאָטער׳ס זין וועלן זיך בוקן צו דיר!
ווי א יונגער לייב איז יהודה!
דערפאר וואָס דו האָסט מיין זון יוסף׳ן
מציל געווען פון פארצוקונג, —
ביזטו דערהויבן געוואָרן!
ווי אַ לייב ליגט זיכער,
און ווי א לייבינטע,
אַזוי וועסטו זיין זיכער,
און ווער וועט וואגן דיך אויפצורייצן!
עס וועט ניט אָפּגעטאָן ווערן
קיין צעפּטער פון יהודה,
און קיין הערשער־שטאָק פון צווישן זיינע פיס,
און צו אים וועלן פעלקער זיין אונטערטעניק,
ביז ער וועט קומען קיין שילה.
און רייך וועט ער זיין אַזוי,

אַז צום ווײַנשטאָק וועט ער בינדן זײַן אייזל,
און צום ווײַנצווײַג — זײַן יונג אייזל;
ער וועט וואַשן אין ווײַן זײַן קלייד,
און אין טרויבן־בלוט — זײַן צודעק;
ליכטיק־רויטלאַך וועלן זײַן די אויגן פון ווײַן,
און קלאָר־ווײַס וועלן זײַן די צײַן פון מילך!

(יהודה'ס פאָן איז געגאַנגען פאָראויס; צו מלחמה איז שבט יהודה געגאַנגען פריער; דוד המלך איז געווען דער ערשטער פון מלכי־יהודה; דאָס לאַנד יהודה איז געווען רײַך מיט ווײַנשטאָקן).

* * * *

זבולון, ער וועט וואוינען ביי די ברעגן
פון די ימים,
און ער וועט זיצן ביי די באָרטן
פון די שיפן,
און זײַנע גרעניצן וועלן גרייכן
ביז צידון.

(שבט זבולון איז געזעסן אויפן ברעג פונם מיטעל־לענדישן ים, און ער פלעגט פירן מסחר מיט די גרעסטע האנדלס־שטעט פון פיניציע).

* * * *

יששכר, ער איז ווי אַ ביייניקער אייזל,
וואָס הויערט צווישן די שאָף־סטאַדעס;
און ער האָט געזען, אַז די רו איז גוט,
און דאָס לאַנד איז ליב,
האָט ער געבויגן זײַן רוקן
צו טראָגן די משׂא,
און ער איז געוואָרן אַ צינזנצאָלער
מיט זײַן אייגענער אַרבייט!

(יששכר האָט געצאָלט צינזן צו זיינע כנענישע שכנים, אבי זיי זאָלן אים לאָזן זיצן רואיק אין דעם פרוכטבאַרן לאנד "גליל התחתון" און "עמק יזרעאל").

* * * *

דן, ער וועט זיך משפט'ן
און איינשטעלן פאַר זיין פאָלק,
ווי איינער פון די שבטים פון ישראל.
דן וועט זיין ווי א שלאַנג אויפן וועג,
ווי אַ האָרנשלאַנג וואָס לאָקערט אויף וועגגייער,
און בייסט די טריט פונם פערד,
און זיין רייטער פאַלט אַרונטער!
צו דיין הילף, גאָט, האָף איך!

(שמשון הגבור פון שבט דן איז געווען א שופט, און ער האָט זיך נוקם געווען אין די פלישתים).

* * * *

גד, אויף אים וועט די אַרמיי פון פיינט אָנפאַלן,
אָבער ער וועט אָנפאלן אויף זייערע טריט!

(שבט גד האָט מלחמה געהאלטן מיט די פעלקער פון עמון, און ער האָט זיי באַזיגט).

* * * *

אָשר, זיין ברויט וועט זיין פעט,
און ער וועט ארויסגעבן מלכות'דיקע שפייזן!

(די פעלקער פון צור און צידון פלעגן קויפן פיל תבואה פון שבט אָשר'ס לאנד).

* * * *

נפתלי, איז ווי א פלינקע הירשין
און ער גיט שיינע רייד!

(פון שבט נפתלי איז אַרויסגעקומען ברק, וואָס האָט
באַזיגט סיסראָ'ן, און די נביאה דבורה האָט דאָס
באַזונגען מיט שיינע לידער).

* * * *

יוסף, איז ווי א פרוכטיקע צווייג,
אַ פרוכטיקע צווייג, וואָס וואקסט ביי אַ קוואַל,
די צווייגן שפרייזן איבערן מויער!
די פיילענמענער האָבן אים געהאַסט
און געשאָסן אין אים,
און פלינק זיינען געווען די אָרעמס פון זיינע הענט;
און דאָס אלץ איז געווען
דורך די הענט פון שטארקן גאָט פון יעקב,
דורך דעם נאָמען פונם שטארקן פירער פון ישראל!
פון דיין פאָטער'ס גאָט
זאָל צו דיר קומען די הילף;
און פון דעם אלמעכטיקן
זאָל צו דיר קומען די ברכה,
די ברכות פון הימל, פון אויבן,
די ברכות פון אָפגרונט, וואָס הויערט אונטן,
די ברכות פון ברוסטן און טראכט, —
דיין פאָטער'ס ברכות זיינען שטארקער
פון מיינע עלטערנ'ס ברכות —
ביז צום שפיץ פון די אייביקע בערג
זאָלן זיין הויך די ברכות
אויף יוספ'ס קאָפּ,
אויפן שפּיץ־קאָפּ פון געקרוינטן פון זיינע ברידער!

(פון יוסף'ן זיינען געוואָרן צוויי שבטים, אפרים און מנשה, זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט פיל פעלקער, אָבער זיי האָבן אלע באזיגט).

* * * *

בנימין, ער איז ווי א וואָלף וואָס פאַרצוקט, —
אין דערפריי עסט ער דעם געפאַנג,
און אין אָוונט טיילט ער די רויב!
(פון שבט בנימין זיינען ארויסגעקומען אהוד, וואָס איז געווען א גבור און א שופט, און אויך שאול המלך).

* * * *

אָט די זיינען אלע צוועלף שבטים פון ישראל, און דאָס איז וואָס זייער פאָטער האָט צו זיי גערעדט, און האָט געבענטשט איטליכן מיט זיין באַזונדער ברכה.

* * * *

יעקב'ס טויט און זיין קבורה.

נאָך די ברכות האָט יעקב אָנגעזאָגט זיינע קינדער אַזוי:

— איך ווער איינגעזאַמלט צו מיין פאָלק (איך שטאַרב), באַגראָבט מיך מיט מיינע עלטערן אין דער מערת-המכפלה!

און ווי נאָר יעקב האָט געענדיקט אָנצוזאָגן זיינע זין, האָט ער אריינגענומען זיינע פיס אין בעט אריין, און ער איז אויסגעגאַנגען.

יעקב איז אלט געווען הונדערט און זיבן-און-פערציק יאָר, ווען ער איז געשטאָרבן.

איז יוסף געפאלן אויף זיין פאָטער'ס פנים, און ער האָט געוויינט איבער אים און אים געקושט.

און יוסף האָט באלד באַפוילן זיינע קנעכט, די רופאים, איינצובאַלזאַמירן זיין פאָטער.

און ער האָט באַפוילן מע זאָל איבערגעבן פרעה'ן אַזוי:

— מייז פאָטער האָט מיך באַשוואָרן, אז איך זאָל אים באַגראָבן

אין לאנד כנען. און איך בעט ביי דיר א דערלויבעניש צו גיין אהין, און איך וועל זיך באלד אומקערן צוריק!

האָט פּרעה געזאָגט:

— גיי קיין כנען און באַגראָב דיין פאָטער, אזוי ווי ער האָט דיך באשוואָרן!

איז יוסף געגאנגען, און עס זיינען מיט אים מיטגעגאנגען פּרעה׳ס אַלע קנעכט און אלע עלטסטע פון מצרים, און יוסף׳ס גאנצע הויז־געזינט, און אלע ברידער, און יעקב׳ס הויזגעזינט. בלויז די קליינע קינדער און די שאָף און רינדער זיינען געבליבן אין גושן.

און די זין האָבן געטאָן, ווי זייער פאָטער האָט זיי באַפוילן, און זיי האָבן אים באַגראָבן אין דער מערת־המכפלה, אין כנען.

* * * *

יוסף׳ס עלטער און זיין טויט.

ווען יוסף און זיינע ברידער האָבן זיך אומגעקערט קיין מצרים, האָבן די ברידער גערעדט צווישן זיך:

— איצט, אז אונזער פאָטער איז טויט, וועט יוסף אונז באַצאָלן פאַרן שלעכטס, וואס מיר האָבן אים געטאָן, ווייל ער טראָגט נאָך גע־ווים א שנאָה אויף אונז!

האָבן זיי געהייסן זאָגן יוסף׳ן אַזוי:

— דיין פאָטער האָט באַפוילן פאַר זיין טויט, אז דו זאָלסט פאַר־געבן די זינד פון דיינע ברידער, וואָס זיי האָבן דיר שלעכטס געטאָן!

האָט יוסף געוויינט, ווען מע האָט צו אים גערעדט וועגן דעם.

און די ברידער אליין זיינען אויך געקומען און געפאַלן פאַר אים, און זיי האָבן געזאָגט:

— אָט זע, מיר זיינען אלע דיינע קנעכט!

האָט יוסף זיי געענטפערט:

— איר זאָלט ניט מורא האָבן! בין איך דען אויפן אָרט פון גאָט, איך זאָל קאָנען אייך שלעכטס טאָן? און אָט זעט איר דאָך, אז איר האָט געמיינט מיר שלעכטס צו טאָן, און גאָט האָט געמאַכט די רעה

פאַר א טובה, כדי איך זאָל דערהאַלטן ביים לעבן אַזויפיל מענטשן! איצט שרעקט אייך ניט, איך וועל אייך שפייזן מיט אייערע הויזגעזינטן, און עס וועט אייך קיין שלעכטס ניט געשען!

און ער האָט זיי געטרייסט, און גערעדט מיט זיי האַרציק און ברידערליך.

און יוסף איז געזעסן מיט זיין פאָטער׳ס הויזגעזינט אין מצרים.

יוסף האָט געלעבט הונדערט און צען יאָר. ער האָט דערלעבט אוראייניקלאך פון אפרים׳ן און אויך אייניקלאך פון מנשה׳ן.

און פאַרן טויט האָט יוסף געזאָגט צו זיינע ברידער:

— איך שטארב, אָבער גאָט וועט זיך דערמאָנען אָן אייך, און ער וועט אייך אַרויפברענגען אין דעם לאנד, וואָס ער האָט געשוואָרן צו אונזערע עלטערן, אברהם, יצחק און יעקב, און איך באַשווער אייך, אַז איר זאָלט מיינע ביינער אויך אויפברענגען פון דאנען!

און יוסף איז געשטאָרבן, און מע האָט אים באַלזאַמירט, און אים אַריינגעלייגט אין אַן אָרון אין מצרים.

מעשיות און לעגענדעס

1.

יוסף טרייסט זיינע ברידער.

נאָך יעקב׳ס טויט האָבן די ברידער זיך שטאַרק געשראָקן פאַר יוסף׳ן, ער זאָל ניט וועלן איצט נעמען נקמה פון זיי פאַר זייער זינד אַקעגן אים.

זיינען זיי געקומען צו בלהה׳ן און האָבן זי געבעטן צו גיין צו יוסף׳ן און אים איבערגעבן יעקב׳ס ווערטער פאַרן טויט.

איז בלהה געגאַנגען און האָט דאָס יוסף׳ן דערציילט.

האָט יוסף געשיקט רופן זיינע ברידער צו זיך, און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— האָט קיין מורא ניט פאַר מיר, מיינע ברידער! ערשטנס, ווייל איך אייך קיין שלעכטס ניט טאָן, ווייל פון אייער רעה איז אַרויסגעקומען אַ טובה! און, צווייטנס, קאָן איך אייך קיין שלעכטס ניט טאָן: איר האָט דאָך אליין געזען, אז צען ליכט האָבן ניט געקאָנט אויסלעשן איין ליכט; הייסט ווי אַזוי קאָן איין ליכט אויסלעשן צען ליכט?!...

האָבן די ברידער געזען, אז יוסף האָט זיי פאַרגעבן אַלץ, האָבן זיי זיך בארואיקט, און זיי האָבן ליב געהאַט יוסף׳ן און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

* * * *

2.

דער בלייענער אָרון.

ווען יוסף איז געשטאָרבן, האָבן אים די ברידער און אַלע מצריים באַוויינט זיבעציק טעג.

נאָכדעם זיינען די חרטומים און חכמים פון מצרים געקומען צו פרעה'ן און האָבן אים געזאָגט:

— איצט, אז יוסף לעבט שוין ניט מער, וועלן זיינע ברידער געווים וועלן ארויסגיין פונם לאנד, און מיר וועלן פארלירן אזוינע פייאיקע בירגער, דערום האָבן מיר פאַר דיר א גוטע עצה, ווי אזוי זיי צו פארהאַלטן דאָ.

— וואָס איז די עצה? — האָט פרעה געפרעגט.

האָבן די חכמים געענטפערט:

— זאָלסט וויסן, אז יוסף האָט אָנגעזאָגט זיינע ברידער, אז זיי זאָלן ניט ארויסגיין פון דאנען ביז זיי וועלן מיטנעמען מיט זיך זיינע ביינער. דערפאר זאל מען מאכן איצט א בלייענעם אָרון און מע זאָל אהין אריינלייגן יוספ'ס קערפער, און דעם אָרון זאָל מען אריינווארפן אין טייך נילוס, וועלן אים די ברידער קיינמאָל ניט קאָנען ארויסנעמען פון דאָרטן!

איז פרעה'ן דידאָזיקע עצה שטארק געפעלן געוואָרן, און ער האָט אזוי באפוילן צו טאָן.

ווען עס איז אָבער געקומען די צייט, וואָס די אידן האָבן באַדאַרפט ארויסגיין פון מצרים, איז דער בלייענער אָרון אליין ארויפגעשוואומען אויף דעם וואסער, און זיי האָבן יוספ'ס ביינער מיטגענומען מיט זיך.

העברעאישע אויסדרוקן פון חומש.

(וועלכע מע באנוצט אין אידיש)

ראה פניך לא פללתי (איך האָב שוין ניט געדענקט צו זען דיין פנים):

ווען מ׳דערזעט עמיצן נאָך פיל יאָרן פון אָפּגעשיידקייט.

ידעתי, בני, ידעתי (איך ווייס, מיין זון, איך ווייס):

אָנשטאָט: ס׳איז ביי מיר קיין נייעס ניט!

בקהלם אל תחד כבודי (אין זייער פארזאמלונג זאָל מיין כבוד ניט פאראייניקט ווערן):

אָנשטאָט: כ׳וויל מיט זיי קיין מגע-ומשאָ ניט האָבן! אָדער: כ׳וויל אין זייערע דלת-אמות ניט שטיין.

וירא מנוחה כי טוב (און ער האָט געזען, אז די רו איז גוט):

אויף איינעם, וואס לעבט זיך שטיל און רואיק. א מענטש, וואָס איז א ״אוהב-מנוחה״.

לישועתך קויתי ד׳ (צו דיין הילף, גאָט, האָף איך):

אנשטאָט: נאָר איין גאָט קאָן מיר העלפן!

——::——